XVI 1942: 8034

SPRAWOZDANIE
Z KONFERENCJI ŻYDOWSKIEGO INSTYTUTU NAUKOWEGO

W WILNIE, DN. 24-27 PAŹDZIERNIKA 1929 R.

WILNO / 1930

PROCEEDINGS
OF THE CONFERENCE OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE

HELD IN WILNO, OCTOBER 24 - 27, 1929

(Text in Yiddish, with an English Summary)

VILNO / 1930

THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE,

ITS AIMS AND ITS METHODS

1. The spiritual uprising of the great masses of the Jewish people in the countries of their densest settlement has called into being new cultural necessities the satisfaction of which urgently demands the creation of adequate cultural institutions. It is the aim of the Yiddish Scientific Institute to extend a helping hand to these people in their struggle for cultural emancipation, and the Institute hopes for assistance in this work from all organisations and individuals who are interested in Jewish culture.

2. The immediate objects of the Yiddish Scientific Institute are:

(a) To organize itself into a central institution for every kind of scientific work in Yiddish, and, in the first place, to concentrate in itself the study and the development of the Yiddish language and literature.

(b) To train new workers for the task of making researches in the domain of Yiddish science and culture.

(c) To collect, register and classify all available data concerning Yiddish cultural life in the various countries.

3. The Institute consists of four permanent sections:

(a) The Philological Section.

(b) The Historical Section.

(c) The Economic-Statistical Section.

(d) The Psychologic-Pedagogical Section, and has in addition departments for Bibliography and Archives, a Library, and a Museum.

4. The activities of the Institute:

(a) The Institute publishes collections of papers of its members ("Publications of the Yiddish Scientific Institute") and other scientific works of a suitable character.

(b) The Institute collects scientific material and systematises it.

(c) The Institute conducts the necessary preparatory work of training young scientists for all its four sections and organizes training courses for teachers in the Yiddish secondary schools.

(d) The Institute serves as a link between persons carrying out researches on scientific subjects in Yiddisch or writing on Yiddish in other languages. It supplies them with information on the scientific work now in progress or renders any other scientific assistance possible.

(e) The Institute collects and distributes information on the achievements and on the progress made by the Yiddish cultural movement in various countries.

*

For information apply in writing to:

1. Towarzystwo Przyjaciół Żydowskiego Instytutu Naukowego (Society of Friends of the Yiddish Scientific Institute), W. Pohulanka 18, Wilno, Poland.

or: 2. Dr. J. Shatzky, 3451 A. Giles Place, New York, N. Y., U. S. A.

or: 3. E. Tscherikower, Berlinerstr. 8, Berlin-Wilmersdorf, Germany.

The Conference of the Yiddish Scientific Institute held on 24th—27th October 1929 in Vilno marks a considerable advance in the development of the Institute.

Those gathered at the Conference represented the Organizing Committee of the Institute itself, Societies of Friends of the Institute in Germany, U. S. A., Latvia (Riga, Dunaburg), Lithuania, Esthonia, Roumania, and Poland (Vilno, Warsaw, Bialystok, Lodz, Lublin, Cracow, Siedlce, Wloclawek, and other cities). In all there were present at the deliberations more than 80 delegates. The Conference was also attended by numbers of guests from Warsaw and several provincial cities. Among the delegates were well-known authors and public workers. Mr. Finkelstein, a leading lawyer of Kaunas, was given a special permission to travel to Vilno to represent the Kaunas Society of Friends of the Institute (which, in view of the present relations between the Polish and the Lithuanian Governments, is considered an unusual concession). It should also be added that the Polish administration gave the delegates to the Conference certain other facilities in respect of their journey to Vilno.

The Conference received hundreds of greetings from the authorities, from various institutions, from Jewish communal organizations, and from individuals. Such greetings were sent by the Jewish Department of the Latvian Ministry of Education, from the Kehillas of Warsaw and Lodz, from the Societies ORT, OZE, Hias-Ica-Emigdirect, from the Central Committee of the Bund and the Poalei-Zion, the Institute for the Promotion of Science and Letters in Poland (J. Mianowski Fund), the "Gesellschaft zur Foerderung der Wissenschaft des Judentums" in Berlin, from the Friends of the Jerusalem University in Warsaw, the American Section of the Y. S. I., and so forth.

The opening of the session took place in the presence of nearly 1,000 persons among whom were also the President of the Polish Senate Professor Szymański, the City Mayor and other representatives of the City Government, spokesmen of various scientific institutions — Jewish, Polish, Lithuanian, White-Russian, etc.

Many speeches of greeting were delivered at the opening session, and by rising from their seats the assembly honoured the memory of the victims of the outbreak in Palestine as well as the memory of the numerous Jewish writers and scholars who had passed away during the last few years, the name of the late I. L. Peretz having been given especial prominence.

Very imposing was the ceremony of laying the foundation stone of the new building of the Y S. I. The gathering included thousands of persons and among those present were also the pupils of numerous Vilno schools with their own bands and school banners.

At a special scientific section of the Conference various papers were read. *Noah Prilutzky* read his essay on "Yiddish Dialects", Dr. *I. Schipper* on the "Committee of Four Lands", *J. Lestschinsky* on "The Economic Evolution of German Jewry during the 19th century" and Dr. *E. Ringelblum* on the "Jews in the Polish Press of the 18th century".

Dr. M. Weinreich submitted to the Conference a report of the Management of the Y. S. I. on their activities for the period preceding the Conference and laid before them their plans for future work.

The general debate that followed was concluded by a resolution that the Y.S.I. is a purely scientific institute and must therefore remain also for the future outside party politics, admitting and encouraging to participation in its activities all those who are willing to do scientific work in Yiddish within the general program of the Institute. The Institute will serve the masses of the people in their struggle for cultural emancipation. The Conference endorsed the line of policy as upheld by the Management before the Conference according to which the Institute shall act as (1) a centre for scientific work in Yiddish and, in the first place, for the study and development of the Yiddish language and literature, (2) a centre for training new workers in the domain of the science of Yiddish and Jewish culture, and (3) a central institution for recording events in Jewish cultural life in all countries of the world.

The Conference confirmed the organizational statutes of the Y. S. I., which are adapted to the wide extent of its work.

As regards the purely scientific aspect of its activities the following Sections were set up.

HISTORICAL SECTION

1) Hon. Member Professor S. Dubnow, 2) Dr. Ch. Borodiansky, 3) Dr. J. Brutzkus, 4) Mag. P. Kon, 5) F. Kursky, 6) A. Menes, 7) Dr. Ringelblum, 8) Dr. J. Shatzky, 9) E. Tscherikower. Scientific Secretary E. Tscherikower.

ECONOMIC - STATISTICAL SECTION

1) Prof. B. Brutzkus, 2) Dr. N. Gergel, 3) Prof. L. Hersch, 4) I. Koralnik, 5) J. Lestschinsky, 6) Dr. I. Lipowski, 7) A. Rosin (Ben Ader), 8) M. Shalit. Scientific Secretary J. Lestschinsky.

PHILOLOGICAL SECTION

1) Hon. Member A. Harkavy, 2) Hon. Member Dr. A. Landau, 3) J. L. Cahan, 4) J A. Yoffe, 5) Z. Kalmanovitch, 6) S. Niger, 7) N. Prilutzky 8) Z. Reisin, 9) Dr. M. Weinreich. Scientif.c Secretary M. Weinreich.

PSYCHOLOGICAL - PEDAGOGICAL SECTION

1) A. Golomb, 2) L. Kanel, 3) Dr. H. Kowarski, 4) L. Lehrer, 5) Dr. S. Lewin, 6) Dr. A. A. Roback. Scientific Secretary L. Lehrer.

The above sections will in the future receive additions of new scholars who are engaged in research. In their scientific work the sections are entirely autonomous. Financially they are all supported by the Central Board whose duty it is to secure their budget.

The organizational and financial work on behalf of the Institute in various countries is entrusted to various local organizations of the "Friends of the Y. S. I." These local organizations are required to carry on a propaganda on behalf of the Institute and secure the financial means necessary for the activities of the several sections.

The Central Organs of the Y. S. I. are as follows:

(1) A Convention to be held every three years at least. All local Societies are entitled to send delegates to the Convention.

(2) A Central Council formed of representatives of local Societies.

(3) A Central Board elected at the Convention.

The Central Board unifies the activities of the Scientific Sections whenever necessary and helps them in carrying out their resolutions. For this reason it is stipulated in the statutes that half the members of the Central Board and the Central Council shall be chosen from among the members of the Scientific Sections. The Central Board is also in charge of the central establishments of the Institute, such as the Bibliographical Department, the Archives, the Library, the Museum, and the Theatre Museum.

The following persons were elected to serve on the Central Board as members and candidates:

N. Gergel (Berlin), J. Giterman (Warsaw), J. Jashunsky (Warsaw), J. Jefroykin (Paris), B. Kahan-Virgili (Vilno), Z. Kalmanovitch (Vilno), B. Kletzkin (Vilno), J. Lestschinsky (Berlin), N. Maizel (Warsaw), J. Mark (Riga), Z. Reizin (Vilno), J. Shatzky (New York), I. Schipper (Warsaw), E. Tscherikower (Berlin), M. Weinreich (Vilno), M. Zilberfarb (Warsaw).

Inter alia, the Conference carried resolutions instructing the new Board:

(1) To organize statistical investigations of the Jewish population in all countries with compact Jewish settlements — more especially in Poland.

(2) To issue an appeal to all Jewish public workers for assistance to be given to the Y. S. I. in its work of preserving monuments of antiquity and of historical importance, and invite these public workers to establish some kind of contact between their respective communities and the Y. S. I.

(3) To issue, in addition to the "Shriftn" of each Section, a scientific journal for all sections.

(4) To form a committee for modern literature within the Philological Section.

(5) To prepare the publication of an encyclopaedia in Yiddish.

(6) To prepare the formation of an Art Section.

The Conference also raised the question of establishing a Yiddish college, which could train teachers, public workers, and scientists.

Due attention was given to the question of the finances of the Y. S. I. The Conference considered that to enable the Institute to carry out the work imposed upon it and also to complete the erection of the new building, it was necessary to secure an annual budget of Dollars 66,000. In order to secure this sum the friends of the Institute should make efforts to increase the membership of the "Societies of Friends of the Y. S. I.", and should also endeavour to bring about an increase in the subsidies granted to the Institute by various city governments, kehillas, societies, and private persons.

In order to strengthen the organizational and financial work on behalf of the Y. S. I., the Conference decided to establish a Curatorium, with branches in all countries.

The proceedings at the Conference have given much encouragement to the numerous friends of the Institute, and it is hoped that good results will be attained in the course of the further work of the Institute.

*

The Honorary Presidents of the Curatorium of the Y. S. I. were elected soon after the Conference. The following persons have, so far, been included in this Presidium: Eduard Bernstein (Berlin), S. Dubnow (Berlin), Albert Einstein (Berlin), Siegmund Freud (Vienna), Moses Gaster (London), Edward Sapir (Chicago), Dawid Simonsen (Copenhagen), Bernhard Wachstein (Vienna), Chaim Zhitlowsky (New York).

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
סעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט“, נומער 7

באַריכט
פון דער קאָנפערענץ פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פון
24טן ביזן 27טן אָקטאָבער 1929

תר״ץ / ווילנע / 1930

צילן און וועגן פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט

1. דער גייסטיקער אויפשטייג פון די יידישע פאלקסמאסן אין אלע לענדער פון קאמפאקטן יידישן ישוב האט באשאפן נייע קולטורעלע באדערפעניש, וואס אויף צו באפרידיקן זיי זיינען נייטיק נייע מעטאדעס און נייע ארגאניזאציאנעלע פארמען. דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט קומט צו דינען די יידישע מאסן אין דעם קאמף פאר זייער קולטורעלער עמאנסיפאציע. ער קוקט ארויס אויף דער טעטיקער אונטערשטיצונג פון אלע ארגאניזאציעס און יחידים, וואס ווילן מיטהעלפן דער אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

2. דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט דארף זיין: (א) דער צענטער פון דער וויסנשאפטלעכער ארבעט אין יידיש, און אין דער ערשטער ריי — די צענטראלע אינסטאנץ פאר דער פארשונג און אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך און ליטעראטור; (ב) דאס ארט, וווּ עס בילדן זיך אויס נייע ארבעטער אויפן פעלד פון יידישער וויסנשאפט און קולטור; (ג) דער צענטראלער רעגיסטריר-פונקט פאר דעם יידישן קולטורלעבן אין אלע עקן וועלט.

3. דער אינסטיטוט באשטייט פון 4 סעקציעס: פילאלאגישע, היסטארישע, עקאנאמיש-סטאטיסטישע, פעדאגאגישע. חוץ דעם פארמאגט ער א ביבליאגראפישע צענטראלע, אן ארכיוו, א ביבליאטעק און א מוזיי.

4. דער אינסטיטוט (א) גיט ארויס זאמלביכער („שריפטן") און איינצלנע ווערק פון וויסנשאפטלעכן כאראקטער; (ב) קלייבט און סיסטעמאטיזירט וויסנשאפטלעכע מאטעריאלן; (ג) שאפט א צוגרייט-אנשטאלט פאר יונגע וויסנשאפטלער אין די ארבעטצווייגן פון אינסטיטוט, פאר קומענדיקע לערער פון די יידישע מיטלשולן און סעמינארן אאז"וו; (ד) פארבינדט צווישן זיך די פארשער, וואס ארבעטן אין יידיש וועגן אלע צווייגן פון וויסנשאפט אדער אין אנדערע שפראכן וועגן יידיש, אינפארמירט זיי וועגן וויסנשאפטלעכע ארבעטן וואס זיינען אין גאנג, ארגאניזירט א קעגנזייטיקע אויסהילף; (ה) זאמלט און פארשפרייט אינפארמאציעס וועגן דעם צושטאנד און די אויפטועו פון דער יידישער קולטור-באוועגונג אין אלע לענדער.

אדרעסן:

Żydowski Instytut Naukowy, W. Pohulanka 18, Wilno.

אין דייטשלאנד:

E. Tscherikower, Berlinerstr. 8, Berlin - Wilmersdorf.

אין אמעריקע:

Yiddish Scientific Institute, American Branch,
1133 Broadway (Room 406), New York City.

באַריכט פון דער קאָנפערענץ פון
יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

אָפּגעהאַלטן פון 24 ביזן 27 אָקטאָבער 1929 אין ווילנע

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט“, נומער 7

באַריכט
פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פֿון
24טן ביזן 27טן אָקטאָבער 1929

ת ר " ץ / ווילנע / 1930

PRINTED IN POLAND

3

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942: 8034

156466

Żydowski Instytut Naukowy. Serja „Organizacja Nauki Żydowskiej", Nr 7. Baricht fun der konferenc fun jidišn wisnšaftlechn institut, 24—27 oktober 1929 (Sprawozdanie z konferencji Żydowskiego Instytutu Naukowego, 24-27 października 1929 r.). Wilno 1930.

Drukarnia „TOMOR" J. Kamermachera Wilno, ul· Szopena 1·

אינהאַלט:

זייט

צוגרייטונג צו דער קאָנפערענץ 7
פייערלעכע עפענונג־זיצונג 11
וויסנשאַפטלעכע זיצונג 29

דריטע זיצונג

באַריכט פון אָרגאַניזיר־קאָמיסיע 30
באַריכט פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע 38
באַריכט פון דער היסטאָרישער סעקציע 43
באַריכט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע 49

בוי־פייערונג. 58

פערטע זיצונג

באַריכט פון דער פסיכאָלאָגיש־פעדאַגאָגישער סעקציע. 62
באַריכט פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע 64
באַריכט פון אַרכיוו, פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע (72), פון טעאַטער־מוזיי (74), פון דער ביבליאָטעק (79) 70
וויכּוחים 80

פינפטע זיצונג

רעפעראַט פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע. 90
רעפעראַט פון דער קאָמיסיע פאַר אָרגאַניזאַציע 92
באַריכט פון דעם בוי־קאָמיטעט 95
וויכּוחים 96

זעקסטע זיצונג

חיכּוחים 107
אָפּשטימונג 110

זיבעטע זיצונג

אָפּשטימונג 116
וואַלן 119
שליסונג פון דער קאָנפערענץ 120

הוספות

זײַט

באַגריסונגען צו דער קאָנפערענץ 128

די װיסנשאַפטלעכע רעפעראַטן:

נח פּרילוצקי: יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע 143

יעקב לעשטשינסקי: די עקאָנאָמישע עװאָלוציע פון די דײַטשע יידן אין 19־טן יאָרהונדערט 159

ד״ר יצחק שיפּער: פּראָבלעמען פון דער יידישער אװטאָנאָמיע אין אַלט־פּוילן 164

ד״ר עמנואל רינגעלבלום: יידן אין דער פּוילישער פּרעסע אין 18־טן יאָרהונדערט 168

דער סך־הכּל פון די הכנסות פון יידישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (װילנער צענטער) פאַר דער צייט פון 24 מערץ 1925 ביז 1 סעפּטעמבער 1929 האָט באַטראָפן 171,773.55 גילדן.

די הוצאות (אין מזומן) פאַר דער זעלבער צייט האָבן באַטראָפן: 113,041.81 גילדן.

אַ בפּרטיותדיקער געלט־באַריכט פון אַלע צװײַגן פון ייװאָ איז אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער בראָשור (סעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער װיסנשאַפט", נומ' 8).

צוגרייטונג צו דער קאָנפֿערענץ

דער געדאַנק וועגן דער נייטיקייט אויפֿצורופֿן אַ ברייטערע קאָנפֿערענץ פֿאַר דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט איז אויפֿגעקומען ביי די אינסטיטוט-טוער נאָך מיט אַ צייט פֿריער. די אַרבעט, וואָס פֿאַרצווייגט זיך וואָס ווייטער מער, האָט שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן די אָרגאַניזיר-פֿאָרמען, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אויף דער בערלינער פֿאָרבאַראַטונג אין אַווגוסט 1925. אַלע, און דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט גופֿא מער ווי ווער עס איז, האָבן געשפּירט אַ באַדערפֿעניש אָוועקצושטעלן די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם ייוואָ אויף אַזאַ אופֿן, אַז זי זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די נייע פֿאַקטן, פֿאָדערונגען און מעגלעכקייטן.

די ערשטע צירקולאַרן וועגן דער קאָנפֿערענץ זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אָנהייב סעפּטעמבער 1929. ביז מיטן אָקטאָבער איז געפֿירט געוואָרן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די פֿאַרבעטענע און עס זיינען פֿונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ ריי פֿאָרשלאָגן. די קאָנפֿערענץ גופֿא האָט געדויערט פֿון 24טן ביזן 27טן אָקטאָבער 1929. אויב ס'איז געראָטן צו אָרגאַניזירן דעם צונויפֿקום אין אַזאַ לפֿי-ערך קורצער צייט, איז דאָס אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט האָט שוין ניט געהאַט צו טאָן מער מיט יחידים-פֿריינד אַליין. די אַרבעט פֿאַר דעם ייוואָ איז פֿאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ פֿאָלקס-באַוועגונג, וואָס קיין שום אַנדער וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע ביי יידן און אפֿשר אויך ביי ניט-יידן קאָן זיך מיט אַזוינס ניט באַרימען. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן אין אַ גאַנצער ריי לענדער פֿיל-ווייניק פֿעסטע געזעלשאַפֿטן „פֿריינד פֿון ייוואָ“, וואָס זיי זיינען געווען דער נאַטירלעכער אַדרעסאַט פֿאַר דער פֿאַרבעטונג צו דער קאָנפֿערענץ: יענע פֿאַראייניקונגען, וואָס זייער דירעקטער ציל איז צו בויען דעם ייוואָ, זיינען די נאַטירלעכע פּוסקים, בשעת עס גייט וועגן באַשטימען זיינע ווייטערדיקע אויפֿגאַבעס און אַרבעט-פּלענער. חוץ דעם זיינען פֿאַרבעטן געוואָרן מיט באַראַט-רעכט די פֿאַרוואַלטונגס-מיטגלידער פֿון לאַנד-אָרגאַניזאַציעס און שטיץ-געזעלשאַפֿטן, בילדונגס- און קולטור-אינסטיטוציעס, וואָס האָבן

ביז אהער געשטיצט דעם ייוואָ, און אויך די מיטאַרבעטער פון די „שריפטן" און די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט. צו דער עפענונגס־זיצונג און צו דער פייערונג פון אָנהייבן די בוי־אַרבעט ביים איינענעם בנין זיינען פאַרבעטן געוואָרן נאָך אַ גאַנצע רייע אַנדערע אינסטי־טוציעס אָדער פּערזאָנען, וואָס האָבן אויף דעם אָדער אויף יענעם אופן אַרויסגעוויזן זייערע סימפּאַטיעס אָדער זייער אינטערעס פאַר דעם ייוואָ.

אַרום און אַרום זיינען אויף דער קאָנפערענץ בייגעווען 34 דעלע־גאַטן מיט באַשליס־רעכט און 47 מיט באַראַט־רעכט.

רשימה פון די דעלעגאַטן

I. דעלעגאַטן מיט באַשליס־רעכט:

אָרגאַניזיר־קאָמיטעט:

ד"ר מ. ווייַנרייך, א. משעריקאָווער, יעקב לעשטשינסקי, ז. רייזען.

פּוילן:

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין ווילנע — י. משערניכאָוו, מ. יאָפע, ב. כהן־ווירגילי, ד"ר ה. קאָוואַרסקי, ז. קלמנאָוויטש, ד"ר צ. שאַבאַד.

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין וואַרשע—י. ברוידע, י. גימערמאַן, מ. גראָסב (אַנסקי־קרייז), נ. מייזיל, נ. פּרילוצקי, ד"ר י. שיפּער.

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין ביאַליסטאָק — ל. קאַגאַל.

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין וולאָצלאַוועק — ש. ווינטער.

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין קראָקע — א. זיינפעלד.

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין שעדלעץ — מ. מאַנדעלמאַן.

אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פאַר דער געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין קוטנע — ז. קירשטיין.

דייטשלאַנד:

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין בערלין — ד"ר ה. גערגעל, א. ראָזין (בן־אדיר).

ליטע:

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין קאָוונע—אַדוו' ע. פינקעלשטיין.

לעטלאַנד:

קאָמיטעט פאַר דעם ייוואָ אין לעטלאַנד — י. מאַרק, מ. מאַרק, ה. עמקין.

עסטלאַנד:

קאָמיטעט פאַר דעם ייוואָ אין דערפּט — ד"ר נפתלי גענס.

פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע

אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייוואָ — ג. אייזנער.

רומעניע:

קאָמיטעט פאַר דעם ייוואָ אין משערנאָוויץ — ד״ר י. בערנפעלד.

בוי־קאָמיטעט:

ווילנע — מ. בוגימאָוויטש, יר. שאַפּירא. לידע — י. פּופּקאָ.

ריגע — וו. לאַצקי־בערטאָלדי.

II. דעלעגאַטן מיט באַראַט־רעכט:

מ. אידעלסאָן — ווילנע (אַרכיוו), ש. באַסטאָמסקי — ווילנע (געזעלשאַפט), י. בערז — ריגע (בוי־קאָמיטעט), מאיר בערגשטיין — ווילנע (דעווידיר־קאָמיסיע), י. ברייטשטיין — וולאָצלאַוועק (געזעלשאַפט), א. גאָלאָמב — ווילנע (געזעלשאַפט), א. גערטעל — הרוביעשוי, ה. דאָבקאָווסקי — לידע (שטיצגרופּע), קורט האַזען — פּלאָצק, י. האַלבריך — רעוועל (קאָמיטעט), פּרץ הירשביין (פּען־קלוב), נ. וויינינג — ווילנע (עטנאָגראַפישע קאָמיסיע), ב. וויינריב — ברעסלע (מיטאַרבעטער פון די „שריפטן״), ב. ווערבלינסקי — גראָדנע, י. זעלקאָוויטש — לאָדזש, זרבבל — וואַרשע (ציש״אָ), ל. טאַוויעוו — דווינסק (שטיצגרופּע), מ. יעווזעראָוו — ווילנע (געזעלשאַפט), ל. כמיעלעווסקי — קאַליש (שטיצגרופּע), ד״ר י. ליפּאָווסקי — וואַרשע (מיטאַרבעטער פון די „שריפטן״), ז. לעוויטאַס — ריגע (בוי־קאָמיטעט), מ. לערער — וואַרשע (מיטאַרבעטער פון די „שריפטן״, ביבליאָטעקער פון ייוואָ), יוסף לעשטשינסקי — וואַרשע (ציש״אָ), ד״ר ר. מאַהלער — וואַרשע (געזעלשאַפט), ז. מלמד — וואַרשע (שולקולט), א. י. עליאַוויטש — וואַרשע (געזעלשאַפט), א. ענגעלציון — פּאַדבראַדז (שטיצגרופּע), נ. עפּשטיין — ווילנע (עטנאָגראַפישע קאָמיסיע), ד״ר י. פּאַיענסאָן — דערפּעט (בוי־קאָמיטעט), ה. פּופּקאָ (צב״ק), מ. פערדמאַן — לויצק, ל. צימליך — וואַרשע (אַנקי־זאַמל־קרייז), ל. קאַהאַן — וואַרשע (געזעלשאַפט), א. קאַלענבערג — וואַרשע (סעמינאַר פאַר יידיש־פאָרשונג ביי דער געזעלשאַפט „פריינד״), וו. קאַלקאָ — גראַיעוואָ, פּ. קאָן — ווילנע (מיטאַרבעטער פון די „שריפטן״), פּ. קאַפּלאַן — ביאַליסטאָק (געזעלשאַפט), ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי — ווילנע, א. קליאַנסקי — ווילנע (געזעלשאַפט), ב. קלעצקין — ווילנע (בוי־קאָמיטעט), ד״ר י. קרוק — וואַרשע, א. קרעמער — ווילנע (געזעלשאַפט), א. ראָזענטאַל — ווילנע (געזעלשאַפט), מ. ריינהאַרץ — ווילנע (ווילביג), ד״ר ע. רינגעלבלום — וואַרשע (געזעלשאַפט), מ. שאַליט — ווילנע (היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט), מ. שור — ריגע (געזעלשאַפט).

אין דער קאָנפערענץ האָבן אויך אָנטיילגענומען מיט באַראַט־רעכט די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון ייוואָ:

פּ. אַלקעניצקי, י. אַנילאָוויטש, משה בערנשטיין, ד״ר י. גאָרדאָן, ח. גריטשאַנסקי, ח. כאַיעס, כ. פופס, מ. קאַגאַנאָוויטש, מ. קאַנטאָר, ל. קאַנטאָראָוויטש, נ. קאַצענעלאַנסקי, ר. קאַץ, ב. רעמז, פּ. שאַפּירא.

אחוץ די עצם דעלעגאטן זיינען קיין ווילנע אויף די טעג פון דער קאָנפערענץ געקומען, אין עקסקורסיעס און איינציקווייז, העכער 100 פערזאָן פון ווארשע, לאָדזש און אנדערע ווייטערע און נעענטערע שטעט פון פוילן און לעטלאנד.

אויף זיין לעצטער זיצונג ערב דער קאָנפערענץ האָט דער אָרגאַ־ניזיר־קאָמיטעט ענדגילטיק איינגעשטעלט אזא מין טאָג־אָרדענונג, וואָס איז פון דער קאָנפערענץ אקצעפּטירט געוואָרן.

טאָגאָרדענונג:

דאָנערשטאָג, דעם 24טן אָקטאָבער:

4 נאָכמיטאָג: פייערלעכע עפענונג אין טעאטער „פאלאס".

8 אָוונט: וויסנשאפטלעכע זיצונג אין טעאטער „פאלאס".

פרייטאָג, דעם 25טן אָקטאָבער:

$9^1/_2$ פרי: אלגעמיינער באריכט — מ. ווייַנרייך.
רעפעראטן וועגן דער ווייטערדיקער וויסנשאפט־לעכער ארבעט — די פאָרשטייער פון 4 סעקציעס און פון דער עטנאָגראפישער קאָמיסיע.
אָנהייב פון די וויכוחים.

1 בייטאָג: פייערונג לכבוד דעם אָנהייב פון דער בויארבעט ביים אייגענעם בנין פון ייוו"א (וויוואָלסקי־גאס 18).

4 נאָכמיטאָג: המשך פון די וויכוחים.

10 אָוונט: באנקעט לכבוד דער קאָנפערענץ.

שבת, דעם 26טן אָקאָבער:

$9^1/_2$ פרי: סוף פון די וויכוחים.

4 נאָכמיטאָג: רעפעראט וועגן דעם פלאן פון דער ווייטערדיקער אָרגאניזאציע — א. טשעריקאָווער.
רעפעראט וועגן בודזשעט און פינאנצן — רעפע־רענט פון דער קאָמיסיע.
באריכט פון בויקאָמיטעט — י. שאפּירא.

9 אָוונט: וויכוחים וועגן דעם אָרגאניזיר־פלאן און די פינאנצן.

זונטאָג, דעם 27טן אָקטאָבער:

$9^1/_2$ פרי: המשך פון די וויכוחים.
אָפשטימונג פון די רעזאָלוציעס.

4 נאָכמיטאָג: אָפשטימונג פון די רעזאָלוציעס.
וואלן. שליסונג פון דער קאָנפערענץ.

די פייערלעכע עפענונג־זיצונג

(דאָנערשטאָג, דעם 24טן אָקטאָבער 1929)

די פייערלעכע עפענונג־זיצונג פון דער קאָנפערענץ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט הייבט זיך אָן דאָנערשטאָג דעם 24סטן אָקטאָבער 1929 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין טעאַטער „פּאַלאַס". דער זיצונגס־זאַל איז פול באַזעצט מיט דעלעגאַטן און געסט, אַריבער 800 מענטשן. צווישן זיי פאָרשטייער פון יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, די גאַנצע יידישע לערערשאַפט בראש מיטן פיאָנער פון דער יידישער שול־באַוועגונג ג. פלודערמאַכער, די גאַנצע יידישע ליטעראַרישע משפחה פון ווילנע מיט דעם סעניאָר אירן ש"ל ציטראָן בראש, דער פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג פון דער ווילנער יידישער קהילה א. קרוק, די פאָרשטייער פון דעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין און פען־קלוב אין וואַרשע אַלטער קאַציזנע, ב. קאַרלינער און אַנדערע. אַ סך מענטשן פון עולם האָבן ניט געקאָנט ווערן אַריינגעלאָזט, ווייל עס האָבן קיין ערטער ניט געקלעקט. צווישן די ניט־יידישע געסט זיינען געווען: דער סענאַט־מאַרשאַלעק פּראָפ' י. שימאַנסקי, דער ווילנער סטאַראָסטע וו. אישאָראַ, קוראַטאָר פון ווילנער שול־קרייז ס. פּאַגאָזשעלסקי, דער שטאָט־פּרעזידענט י. פאָלעיעווסקי, וויצע־פּרעזידענט וו. טשיזש, דעקאַן פון יורידישן פאַקולטעט פון ווילנער אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר ערענקרויץ, דעקאַן פון נאַטורוויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט פּראָפ' יידזעווסקי, פּראָפ' הישטשיץ, פּרוי פּראָפעסאָר ערענקרויץ, פאַרטרעטערס פון ווילנער פוילישע, ליטווישע און ווייסרוסישע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן.

עס איז אויך בייגעווען דער פאָרשטייער פון אינערן־מיניסטעריום ה' אַ. האַפּטקאַ.

די זיצונג ווערט אַריינגעפירט דורך געזאַנג פונם כאָר פון יידישן לערער־סעמינאַר אונטערן אָנפיר פון י. גערשטיין.

נאָך דעם געזאַנג פאַרנעמען ערטער אויף דער טריבונע די מיטגלידער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט ד"ר מ. ווײַנרייך, א. טשעריקאָווער, יעקב לעשטשינסקי, ז. רייזען און די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער ווילנער געזעלשאַפט פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ש. באַסטאָמסקי, א. גאָלאָמב, י. טשערניכאָוו, מ. יעווזעראָוו, ד"ר ה. קאָוואַרסקי, פרוי א. ראָזענטאַל, סענאַטאָר ד"ר צ. שאַבאַד און מ. שור, די מיטגלידער פון בוי־קאָמיטעט ט. בונימאָוויטש, ב. קלעצקין און יר. שאַפּיראָ.

ז. ר י י ז ע ן עפֿנט די פֿייערלעכע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ אין נאָמען פֿון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט:

חשובֿע דעלעגאַטן, חשובֿע געסט! אין אַ צייט, ווען דאָס יידישע לעבן מאַכט דורך אַזאַ שווערן עקאָנאָמישן און גייסטיקן קריזיס; אין אַ צייט, ווען די ביזאַהעריקע יסודות פֿון דעם יידישן זיין זיינען צעטרייסלט ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן; אין אַ צייט, ווען מיר שטייען אויפֿן שיידוועג פֿון גרויסע היסטאָרישע תּקופֿות, אָפֿט פֿאַריאושט און פֿאַרצווייפֿלט אין דעם אָנגעזיכט פֿון אונדזער גרויסן חורבן,—אין אַזאַ צייט איז פֿאַר אונדז, דער נייער, מיט דעם פֿאָלק פֿאַרבונדענער און צו דעם פֿאָלק זיך ציענדיקער יידישער אינטעליגענץ, ווי אַ נס, ווי אַ סימבאָל אויפֿגעשטאַנען אַ נייע האָפֿענונג — דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט.

דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז פֿאַר אונדז ניט נאָר דער צענטער פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט אין יידיש, די צענטראַלע אינסטאַנץ פֿאַר דער פֿאָרשונג און אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, דאָס אָרט, וווּ עס בילדן זיך אויס נייע אַרבעטער אויפֿן פֿעלד פֿון יידישער וויסנשאַפֿט און קולטור, דער צענטראַלער זאַמל־און רעגיסטריר־פּונקט פֿאַר דעם יידישן קולטור־לעבן אין אַלע עקן וועלט.

דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז פֿאַר אונדז קודם־כּל אַ פֿאַקטאָר פֿון אָרגאַניזירן די יידישע שעפֿערישע ענערגיע איבער לענדער און גרענעצן; אַ פֿאַרבינדונגס־מאָמענט פֿאַר אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע טיילן פֿון אונדזער פֿאָלק, דער גייסטיקער קיבוץ־גליות פֿון דער יידישער אַלוועלטלעכער נאַציע.

דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז דער אָרגאַניזירטער ווילן פֿון די מיליאָנען יידישע פֿאָלקסמאַסן איבער דעם גאַנצן כּדור הארץ, דער אָרגאַניזירטער ווילן פֿון פֿאָלק אויסצולעבן זיך אין זיין קולטור, אויף זיין שפּראַך, אין שטענדיקער באַנייונג און אין שטענדיקן באַהעפֿטן דעם היינט מיט דעם מאָרגן.

דער דאָזיקער אָרגאַניזירטער ווילן האָט ערשט געשאַפֿן יענע אַלע פֿאָרבאַדינגונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם אויפֿקום פֿון דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. אין דעם דאָזיקן ווילן אויסצולעבן זיך ווי פֿרייע שטאָלצע מענטשן, אַלזאָ אויך ווי פֿרייע שטאָלצע יידן, — וואָלט ניט מעגלעך געווען דער גייסטיקער אויפֿשטייג פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן אין אַלע לענדער פֿון קאָמפּאַקטן יידישן ישוב. און די העכסטע און בריי־טסטע מאַניפֿעסטאַציע פֿון דעם דאָזיקן ווילן איז דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט.

נאָר דערמיט דערקלערט זיך דער אויסערגעוויינלעכער ערפֿאָלג פֿון דעם ייוואָ אין אַלע לענדער פֿון יידישן ישוב, אין אַלע קרייזן און שיכטן,

זיין גנוואַלדיקע אויסשפּרייטונג, זיין אַריינדרינגען אין דער טיף פון דעם יידישן לעבן.

דער ייוואָ איז ספּאָנטאַן אויסגעוואַקסן פון די טיפסטע קולטור־באַדערפענישן פון אונדזער פאָלק און ספּאָנטאַן האָט זיך געבויט זיין אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט שוין אַרום ביים היינטיקן טאָג 17 לענדער. אונדזער היינטיקע קאָנפערענץ איז דער ערשטער צוזאַמענקום פון די מוער און פריינד פון ייוואָ, כּדי פעסטער אויסצובויען אונדזער אָרגאַניזאַציע, רייפער מאַכן זי פאַר די גרויסע אויפגאַבן, וואָס זי איז געקומען צו פאַר־ווירקלעכן. אין נאָמען פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט דאַנק איך די אַלע, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם גרויסן זיך בויענדיקן בנין. איך באַגריס אַלע פאַר־זאַמלטע רעלעגאַטן און געסט און ערקלער די ערשטע אַלוועלטלעכע קאָנ־פערענץ פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר געעפנט.

ז. ר ײ ז ע ן גיט איבער אין נאָמען פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט דעם פאָרזיין סענאַטאָר ד"ר צ. שאַבאַד.

ד"ר צ. ש אַ ב אַ ד:

הויכגעשעצטע געסט! חשובע אַסיפה!

איך בין גליקלעך, וואָס אויף מיר איז אַרויפגעלייגט דער כּבוד צו פירן די ערשטע זיצונג פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס קומט פאַר אין אונדזער אַלטער ליבער ווילנע. אין נאָ־מען פון אונדזער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט באַגריס איך די געערטע געסט, די באַדייטנדסטע פאָרשטייער פון דער יידישער וויסנשאַפט און פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס זיינען געקומען אַהער אין אַזאַ גרוי־סער צאָל פון אַלע לענדער, וואו ס'שלאָגט דער דופק פון דעם יידישן לעבן — פון די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן, פון דייטשלאַנד, לעטלאַנד, עסטלאַנד, ליטע, רומעניע, און פון פיל שטעט פון דער פּויליש־שער רעפּובליק — פון דער הויפּטשטאָט וואַרשע, קראָקע, ביאַליסטאָק אאַז"וו. איך באַגריס די פאָרשטייער פון דער מאַכט און זעלבסטפאַרוואַל־טונג, וואָס זיינען אַהער געקומען, די פאָרשטייער פון דער פּוילישער, ווייס־רוסישער און ליטווישער געזעלשאַפט. איך באַגריס די אַלע פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטנדיקע שיכטן, וואָס זיינען מאַסנווייז געקומען אין דעם זאַל. אַמאָ די אַלע פריינד פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זאָג איך אַ האַרציקן ברוך־הבא!

דער רעדנער ווענדט זיך דערנאָך אויף פּויליש צו די נים־ייד שע געסט:

הער מאַרשאַלעק! געערטע הערן און געערטע דאַמען! איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב דעם כּבוד צו זיין דער פאָרזיצער אויף דער

ערשטער זיצונג פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן אין אונדזער אַלטער שטאָט, אין דער ליבער ווילנע.

אין נאָמען פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט באַגריס איך די חשובע געסט, די אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער יידישער וויסנשאַפט, וואָס זיינען געקומען צו אונדז אין אַ באַדייטנדער צאָל כמעט פון אַלע לענדער, וואו עס קלאַפּט דער דופק פון יידישן לעבן, — פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, פון לעטלאַנד, פון רומעניע, לימע, עסטלאַנד, און פון אַ סך שטעט פון דער פוילישער רעפובליק — פון דער הויפּטשטאָט וואַרשע, פון קראָקע, לאָדזש, ביאַליסטאָק און אַנדערע.

איך באַגריס די פאָרשטייער פון דער מאַכט און שטאָטפאַרוואַלטונג. איך באַגריס די פאָרשטייער פון דער פוילישער, ווייסרוסישער און ליטווישער געזעלשאַפט, די פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ און פון די יידישע ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס האָבן זיך אַזוי צאָלרייך צונויפגעקליבן דאָ אין זאַל. צו אַלע די דאָזיקע פריינט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז געווענדט אונדזער יידישע באַגריסונג: ברוכים הבאים!

דער קומענדיקער רעדנער, ה׳ י. טשערניכאָוו, וועט אין אַ פוילישער רעדע אָנצייכענען די אויפגאַבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. איך אָבער וועל ווייטער פירן מיין רעדע אין יידיש.

חשובע פריינד! די אַרבעט אַרום דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז אַ באַוועגונג, אַ פאָלקס־באַוועגונג. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז אַנטשטאַנען — וואָלט איך זאָגן — סטיכיש. די פאַרבאָרגענע פּאָטענציאַלע כוחות זיינען שוין לאַנג געווען גרייט צו אַקטיוויטעט און האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ שטויס פון וועלכער ס׳איז זייט אויף צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ גרויסער, אַקטיווער ענערגיע. די אַרבעט איז אָנגעהויבן געוואָרן אָן שום מאַטעריעלע מיטלען, אָן אַ גראָשן געלט. ס׳איז נאָר געווען אַ שטאַרקער ווילן, אָן אַלגעמיינער באַוווּסטזיין פון דער נייטיקייט, פון דער וויכטיקייט פון דער גרויסער זאַך — צו פאַראייניקן אַלע כוחות און זאַמלען און ווייטער פאָרשן די אַלע אוצרות פון דער יידישער קולטור, פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער שאַפונג. דאָס איז געווען — זאָג איך — אַ פאָלקס־באַוועגונג; וואָרים אין דער אַרבעט אַרום דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָבן זיך פאַראייניקט מענטשן פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען און אָנשויונגען, מענטשן פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער. אַלעמען האָט באַהערשט נאָר איין געדאַנק, איין געפיל — ליבע צום יידישן פאָלק, צו זיין שפּראַך און קולטור.

אין דעם פּרט איז דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אַן אַלגעמיינע, פֿולקום אויסערפּאַרטייִשע יידישע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אינסטיטוציע. ער געפֿינט זיך נאָך אין די וויקעלעך, ער שטעלט נאָך די ערשטע טריט. אָבער אין משך פֿון די עטלעכע יאָר פֿון זיין עקסיסטענץ האָט ער שוין זייער פֿיל אויפֿגעטאָן מיט זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס, מיט דעם קאָלאָסאַלן רויען מאַטעריאַל, וואָס וואַרט נאָך צו ווערן באַאַרבעט, — אַ מאַטעריאַל, וואָס איז געקליבן און צוגעשיקט געוואָרן מאַרבע פּינות העולם, פֿון די טויזנטער קאָרעספּאָנדענטן, על־פּי רוב פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אָבער איינס מוזן מיר זאָגן און אונטערשטרייכן. דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — וואָס זיין אַרבעט שטאַמט פֿון ריינעם קוואַל פֿון יידישן לעבן — איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, מיט דער יידישער קולטור און דער יידישער ליטעראַטור. און אַן אויסדרוק פֿון דעם אַלעמען איז דאָך די מאָדערנע יידישע שול. דאָס זיינען אַלץ רינגען פֿון איינער און דער זעלבער גאָלדענער קייט, וואָס פֿאַרבינדט דאָס היינטיקע יידישע לעבן מיט דעם עבר און דאַרף פֿירן צו אַ בעסערן, ליכטיקן עתיד. אַזוי ווי די יידישע שול קען ניט עקסיסטירן אָן דער יידישער קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור, אַזוי האָבן ניט קיין קיום די דאָזיקע דריי עלעמענטן אָן דער יידישער שול. דעריבער מוזן מיר קאָנסטאַטירן מיט דער גאַנצער באַשטימטקייט, אַז יעדער אָנפֿאַל אויף דער יידישער שול איז מבזה און גראָבט אונטער די עצם עקסיסטענץ פֿון דער יידישער קולטור.

דער ייוואָ דאַרף ווערן דער קולטורעלער אָווייזער און די העכסטע אינסטאַנץ אין אַלע פֿראַגן פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט.

כּדי אָבער ער זאָל קענען פֿאַרנעמען דעם געהעריקן אָרט אין יידישן לעבן, מוז ער ווערן שטאַרקער און וואָס ווייטער און טיפֿער זיך פֿאַרשפּרייטן. ס׳איז נאָך מער־ניט ווי געלייגט אַן אָנהייב. ס׳שטייט נאָך פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. דערצו זיינען נייטיק אַלע אַקטיווע כּוחות, וויסנשאַפֿטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע. אָט כּדי צו באַטראַכטן און אַרומריידן די אַלע מעגלעכקייטן און יסודות פֿון דער ווייטערדיקער אַרבעט איז צוזאַמענגערופֿן געוואָרן די היינטיקע קאָנפֿערענץ. איך בין זיכער, אַז די פֿריינד פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס האָבן געלאָזט אָן אַ זייט זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן און זיינען געקומען אַהער, געשטויסן פֿון אינעווייניקסטן דראַנג צו בויען און צו שאַפֿן, וועלן מיט זייער וויסן, ערפֿאַרונג און התמדה אויפֿקלערן אַלע פֿראַגן, וואָס שטייען אויפֿן סדר־היום, און אַוועקשטעלן דעם וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אויף פֿעסטע און זיכערע פֿיס. איך ווינטש אייך מזל און ברכה אין אייער אַרבעט!

נאָר איידער מיר ווילן צוטרעטן צו דעם עצם זיצונג מוזן מיר דער־מאָנען די, וואָס זיינען אַוועק פון אונדז. מיר מוזן דערמאָנען די קרבנות פון די לעצטע בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל. איך בעט באַערן זייער אָנדענק מיטן אויפשטיין.

(אַלע פאַרזאַמלטע הייבן זיך אויף פון זייערע ערטער און הערן אויס דעם ווייטערדיקן מיין פון דער רעדע שטייענדיק)

מיר מוזן אָפּגעבן כבוד יענע קעמפער און פאָרשער, די העלדן פון געדאַנק, פון וואָרט און פון דער פען, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט דורך זייער גאַנצער לעבנס־אַרבעט און זיינען אַוועק פון דער וועלט, נאָך איידער זיי האָבן זוכה געווען צו דערזען זייער טרוים פאַרווירקלעכט אָדער ביי די ערשטע טריט פון אונדזער אינסטיטוט.

ערע דעם אָנדענק פון יצחק־לייבוש פרץ!

ערע דעם אָנדענק פון יהושע־מרדכי ליפשיץ, דעם גרויסן יידישן לעקסיקאָגראַף, איינעם פון די ערשטע קעמפער פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, געשטאָרבן ג׳ אב 1878 אין בערדיטשעוו!

ערע דעם אָנדענק פון ד״ר פיליפּ מאַנעס, דעם ערשטן מאָדערנעם פאָרשער פון יידיש, געשטאָרבן דעם 7 אויגוסט 1890 אין לעמבערג!

ערע דעם אָנדענק פון בער באָראָכאָוו, דעם בויער פון דער יידישער פילאָלאָגיע, געשטאָרבן דעם 4טן מערץ 1917 אין קיעוו!

ערע דעם אָנדענק פון שלמה־זיינוויל ראַפּאָפּאָרט־אַנסקי, דעם גרויסן פּיאָנער פון דער יידישער עטנאָגראַפיע, געשטאָרבן דעם 8טן נאָוועמבער 1920 אין וואַרשע!

ערע דעם אָנדענק פון פריץ־מרדכי קויפמאַן, דעם שטאָלצן מליץ פון דער יידישער שפּראַך און קולטור אין מערב־אייראָפּע, געשטאָרבן דעם 2טן מערץ 1921 אין בערלין!

ערע דעם אָנדענק פון פּאַוועל ראָזענטאַל־אַנמאַן, איינעם פון די ווענ־אויסטרעטער פאַר וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור אין יידיש, געשטאָרבן דעם 28סטן פעברואַר 1924 אין ווילנע!

ערע דעם אָנדענק פון יהואש, דעם דיכטער און וויסנשאַפטס־מאַן, געשטאָרבן דעם 10טן יאַנואַר 1927 אין ניו־יאָרק!

ערע דעם אָנדענק פון ד״ר חיים ספּיוואַק, דעם פליסיקן לעקסיקאָגראַף, געשטאָרבן דעם 16טן אָקטאָבער 1927 אין דענווער!

ערע דעם אָנדענק פון הערש־דוד נאָמבערג, דעם געטרייען פריינד פון ייוואָ, געשטאָרבן דעם 21סטן נאָוועמבער 1927 אין וואַרשע!

ערע דעם אָנדענק פון אברהם פּאַרנעס, דעם איבערגעגעבענעם זעלנער פון דער יידישער שפּראַכוויסנשאַפט און פון דעם ייוואָ, געשטאָרבן דעם 29סטן דעצעמבער 1927 אין קאָלאָמיי!

ערע דעם אָנדענק פון ביינוש מיכאַלעוויטש, דעם מוער פאַרן ייוואָ פון זיינע ערשטע טריט אָן, געשטאָרבן דעם 30סטן אָקטאָבער 1928 אין וואַרשע!

ערע דעם אָנדענק פון ד"ר שמואל ווייסענבערג, דעם באַוווסטן עטנאָגראַף, געשטאָרבן דעם 31סטן אָקטאָבער 1928 אין זינאָוויעווסק!

ערע דעם אָנדענק פון מרדכי וויינגער, דעם יונגן האָפענונגס־פולן פאָרשער פון דער יידישער שפראַך, געשטאָרבן דעם 4טן פעברואַר 1929 אין מינסק!

מיר באַערן מיט אויפשטיין זייער אָלעמענס אָנדענק.

דאָס וואָרט באַקומט דער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון ווילנער געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ, אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו, וואָס רעדט פויליש, געווענדט צו די ניט־יידישע געסט:

זייער געערטע דאַמען און הערן!

די היינטיקע קאָנפערענץ, די קאָנפערענץ פון דעם יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, איז אַ וויכטיקע סטאַדיע אין לעבן פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, און מיר דערלויבן זיך צו האָפן: אין דעם קולטור־לעבן פון דעם יידישן פאָלק.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז געקומען צום לעבן אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעלשאַפט, ווי זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער לעצטער תקופה אין מזרח־אייראָפּע.

להיפוך צו דער ערשטער יידישער עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע סוף 18טן און מיטן 19טן יאָרהונדערט, האָבן די קאָמ־פּאַקטע מיליאָנען־מאַסן פון דעם יידישן פאָלק אין מזרח אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

אין פּראָצעס פון קאַמף פאַר מענטשלעכע רעכט, ווי אַ רעזולטאַט פון דער דעמאָקראַטיזירונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן, פון זייער שטרע־בונג צו סאָציאַלער און פּאָליטישער פרייהייט, האָט די יידישע שפראַך דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה. דער „זשאַרגאָן", וואָס די יידן פון מערב האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אַזאַ ביטול, איז אין דער איצטיקער תקופה געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר און אויסדרוק פון דער אַל־וועלטלעכקייט פון דעם יידישן פאָלק.

עס האָט קודם־כל גורם געווען דערצו די יידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט שוין באַוויזן צו פאַרנעמען איר אָרט אין דער וועלט.

דורך דעם שאַפן פון אונדזער ערשטן קלאַסיקער מענדעלע מוכר־ספרים, דורך דעם לעבנסלוסטיקן, האַרציקן געלעכטער פון אונדזער גרויסן

שלום־עליכם און דער איידעלער ראָמאַנטיק פון יצחק־לייבוש פּרץ, דורך דער אַרבעט פון דעם ווייטערדיקן דור יידישע שרייבער און שעפער, וואָס פון זיי האָבן מיר היינט דעם פאַרגעניגן צו זען אין אונדזער סביבה דאָ פּרץ הירשביינען — טוט די יידישע ליטעראַטור שאַפן נאַציאָנאַלע און אַלמענטשלעכע ווערטן און איז איינער פון די וויכטיקסטע גרונטשטיינער פאַר דעם יידישן רענעסאַנס, פאַר דער אויסבילדונג פון דעם נייעם היינט־וועלטיקן יידישן פאָלק.

אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז אין לעבן פון אונדזער פאָלק אַנטשטאַנען אַ נייע ערשיינונג, וואָס גיט אונדז צו מוט און גלויבן אין אונדזער נאַציאָנאַלער צוקונפט.

די מאָדערנע וועלטלעכע יידישע שול אין דער שפּראַך פון פאָלק, וועלכע איז אויסגעוואַקסן ביי אונדז אין מזרח, הייבט זיך אָן צו פאַרשפּרייטן אין דער גאַנצער וועלט, — אין די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, בראַזיל, דרום־אַפריקע, פּאַריז — אומעטום, ווו עס לעבן און קעמפן די יידישע מאַסן פאַר אַ בעסערער, שענערער מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער צוקונפט.

און הגם ניט אומעטום האָבן מיר פאַר אונדזער שול די אָנערקענונג פון דער מלוכה, הגם אין טייל לענדער, ווי ביי אונדז אין פּוילן, באַגעגענען מיר אָנשטאָט הילף, וואָס מיר האָבן דערויף אַלע רעכט, נאָר שטערונגען אויף אונדזער שווערן וועג; הגם די יידישע רעאַקציע מאָביליזירט אירע כּוחות אין קאַמף מיט אונדזער וועלטלעכער שול, זיינען מיר פול מיט גלויבן אין דעם נצחון פון דעם יידישן שולוועזן.

דער פאַקט, וואָס שוין אַ גאַנצע ריי מלוכות (ראַטנרוסלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, עסטלאַנד), האָבן אויפן שולגעביט אָנערקענט אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען, שאַפט ביי אונדז די איבערצייגונג, אַז אויך אין אַנדערע לענדער וועלן מיר קומען צום נצחון אין אונדזערע עלעמענטאַרע, גערעכטע פאָדערונגען לגבי דער מלוכה.

דער גלויבן אין די כּוחות פון דער יידישער דעמאָקראַטיע, דעם יידישן אַרבעטער און דעם יידישן פאָלקס־מענטש, שטאַרקט אונדזער מוט אין קאַמף מיט דער רעאַקציע.

די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור און די יידישע שול האָבן צוגעגעבן אַ נייעם פּרצוף דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק און האָבן אַרויסגערופן די נייטיקייט פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס דאַרף קרוינען און אָנפירן דאָס קולטור־לעבן פון אונדזער פאָלק. ער זאַמלט און פאָרשט די אוצרות פון דער יידישער שפּראַך און פאָלקסשאַפונג, שטודירט די געשיכטע פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור, שטרעבט אויסצובילדן אַ צענטער אויך פאַר דער פאָרשונג פון נייער ליטעראַטור.

דער ייוואָ האָט אָבער נאָך אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבעס.

דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער אַ שווערן סאָציאַל־עקאָנאָמישן קריזיס און שטייט פאַר אַ געשיכטלעכן הכרח איבערצובויען די יסודות פון זיין ווירטשאַפטלעכן לעבן. דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז דורך די היס־טאָרישע אומשטאַנדן מגולגל געוואָרן אין אַ קיבוץ פון אַ רוב פאַרמיט־לער, שטרעבט צו ווערן אַן אַרבעטס־פאָלק, אַרויסצוגיין ניט נאָר פון גייסטיקן געטאָ, נייערט אויך פון עקאָנאָמישן.

דאָס אויספאָרשן די טענדענצן פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן איז פאַר אונדז אין דער איצטיקער תקופה ניט נאָר אַ וויסנשאַפטלעכער ענין אַליין, עס האָט אויך די וויכטיקסטע באַדייטונג פאַר דער פאַרבעסערונג פון אונדזער ווירטשאַפטלעכן מעמד.

דער ערשטער באַנד שריפטן פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע פון ייוואָ, וואָס דעם פירער פון איר און רעדאַקטאָר פון די שריפטן, יעקב לעשטשינסקי, באַגריסן מיר דאָ מיט פאַרגעניגן אין אונדזער מסיבה, איז אַן אָנהייב פון אַ דויערנדיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויפן כמעט פוסטן פעלד פון פאָרשן די יידישע עקאָנאָמיק. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מוז דאָס דאָזיקע פעלד אויפאַקערן און פרוכפּעריק מאַכן.

עס איז אויך די אויפגאַבע פון ייוואָ צו באַשאַפן די יסודות און מעטאָדן פון אַ נייער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

דאָס רוב, וואָס מיר האָבן אויף דעם געביט באַקומען בירושה פון די מערב־אייראָפּעיִשע יידן, פאַרמאָגט זייער אַ סך מעלות, עס איז אָבער באַ־שאַפן געוואָרן, ווען אַפילו טיילמאָל אומבאַוווסטזיניק, צוליב צילן פון פאַר־טיידיקונג, פון אַפּאָלאָגיע.

אונדזער דור, אין זיין וויסנשאַפטלעכן שטרעבן, אין זיין ווילן באַ־נעמען די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק אין זיין פאַרגאַנגענהייט און אין זיין היינט, שטרעבט צו וויסנשאַפטלעכער עכטקייט, צו באַשאַפן אַ באמת אָביעקטיווע יידישע געשיכטע.

דער ערשטער באַנד פון די „היסטאָרישע שריפטן", וואָס זיין רע־דאַקטאָר, דעם פירער פון דער היסטאָרישער סעקציע פון ייוואָ, אליהו משעריקאָווער, האָב איך דעם כבוד אייך דאָ פאָרצושטעלן, איז באַגעגנט געוואָרן מיט אָנערקענונג פון וויסנשאַפטלעכע קרייזן ווי אַ חשובער אויפטו אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע; ער באַדייט אַ וויכטיקן שריט פאָרויס אין דער אַרבעט פון ייוואָ.

דער ייוואָ איז ניט די איינציקע אינסטיטוציע ביי היינטיקן טאָג, וואָס שטעלט זיך די דאָזיקע אויפגאַבע צו שאַפן אַ מאָדערנע יידישע וויסנ־שאַפט. אויף יענער זייט גרענעץ, אין ראַטנפאַרבאַנד, זיינען פאַר די לעצטע

יאָרן באַשאַפן געוואָרן יידישע ווינסשאַפטלעכע צענטערס אין מינסק, קיעוו, מאָסקווע, אַדעס. עס ווערט דאָרט געטאָן אַ גרונטיקע פּאָרש־אַרבעט אויפן געביט פון יידישער פילאָלאָגיע און געשיכטע. פּונקט ווי די גאַנצע קולטור־אַרבעט, ווערט אויך די וויסנשאַפטלעכע יידישע אַרבעט דאָרט געפירט אויפן יסוד פון פּאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג, אין מלוכה־אינסטי־טוציעס, אויפן חשבון פון דער מלוכה. אַראַנק אָבער דער ספּעציפישער לאַגע פון ראַטנפאַרבאַנד איז די דאָרטיקע וויסנשאַפטלעכע יידישע אַרבעט קאָנצענטרירט און באַגרענעצט אין די ראַמען פון דעם איין לאַנד.

אונדז פעלט די שטיצע פון דער מלוכה. פּונקט ווי אונדזער שול־וועזן, אַזוי ווערט אויך דערווייל אונדזער וויסנשאַפטלעכע אַרבעט געפירט אָן דער הילף פון דער מלוכה. דערווייל זיינען נאָר די שטאָט־פאַרוואַלטונגען פון פּוילן, ווי מיר פאַרמאָגן אין אַ סך ערטער גוטע פריינד, געקומען צו הילף דעם ייוואָ. ניט געקוקט אָבער אויף אַלע שוועריקייטן, איז דער ייוואָ פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקסיסטענץ געוואָרן באמת אַ וויסנשאַפט־לעכער צענטער פאַר יידן פון גאָר דער וועלט.

אין איצטיקן מאָמענט פאַרמאָגט שוין דער ייוואָ אָפּטיילונגען אין 17 לענדער: פּוילן, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אַרגענטינע, בעלגיע, דייטשלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, רומעניע, ענגלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּאַלעסטינע, דרום־אַפריקע, קאַנאַדע, בראַזיל. קאָרעספּאָנדענטן פון ייוואָ געפינען זיך בפועל ממש אויף דער גאַנצער וועלט.

און אומעטום, זיך שטיצנדיק אויף דער אַרבעט פון פריינד און אָר־טיקע וויסנשאַפטלער, איז דער ייוואָ דער צענטער פון דער סימפּאַטיע פון די יידישע פאָלקסמאַסן. הונדערטער זאַמלער, פּשוטע פאָלקס־מענטשן, טוען אין שטעט און שטעטלעך זייער אַרבעט פאַרן אינסטיטוט מיט ריר־נדער איבערגעגעבנהייט, טאַקע באמת „באהבה".

בסך־הכל מיט 5 יאָר צוריק איז דער אינסטיטוט געווען אַ חלום פון אייניקע טרוימער. און אויב איצט ציען זיך צום ייוואָ סימפּאַטיעס און הילף פון אַלע מיילן פון דער וועלט, איז דאָס דער בעסטער באַווייז פאַר דער לעבנס־פעיקייט פון דער אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע, וועלכע האָט סאַנקציאָנירט, אַז דער וויסנשאַפטלעכער צענטער פון אַלוועלטלעכן יידנטום זאָל געגרינדעט ווערן אין אונדזער אַלטער, שטענדיק יונגער ווילנע.

מיר האָבן דאָ פאָרשטייער פון אַלע פעלקער, וואָס וווינען און אַר־בעטן צוזאַמען אין משך פון דורות אויפן היסטאָרישן באָדן פון ווילנע.

מיר באַגריסן אונדזערע פּוילישע, ליטווישע און ווייסרוסישע געסט, וואָס זיינען געקומען נעמען אַן אָנטייל אין אונדזער שמחה.

זאָל באמת דער ייוואָ ווערן איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס פאַראייניקן פעלקער און לענדער אין דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער, שענערער און ליכטיקערער צוקונפט.

ד ע ר פ אַ ר ז י צ ע ר פאַרבעט אין פרעזידיום פון דער פייערלעכער זיצונג פאָלגנדע פערזאָנען: ג. אייזנער — פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער סעקציע, בן־אַדיר — בערלין, פּרץ הירשביין — פאָרשטייער פון יידישן אַלוועלטלעכן פען־קלוב, כ. כהן־וויגילי — ווילנע, וו. לאַצקי־בערטאָלדי — ריגע, יעקב לעשטשינסקי — בערלין, ה. עטקין — ריגע, נח פּרילוצקי — וואַרשע, ש. ל. ציטראָן — סעניאָר פון די יידישע ליטעראַטן אין ווילנע, מ. שאַליט — פאָרזיצער פון דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי אין ווילנע, ד"ר יצחק שיפּער — וואַרשע.

די פאַרבעטענע פאַרנעמען די ערטער אין פּרעזידיום.

ספּאַראָסטע וו. א י ש א ר אַ (רעדט פּויליש):

אין נאָמען פון דעם ה' וואָיעוואָדע און אין מיין אייגענעם נאָמען, אַלס פאָרשטייער פון דער רעגירונג אויף דעם שטח פון דער שטאָט ווילנע, האָב איך דעם כבוד צו באַגריסן דעם צוזאַמענפאָר און צו ווינטשן אים פּרודוקטיווע אַרבעט אויפן פעלד פון דער יידישער וויסנשאַפט.

ה' י. פ אָ ל ט י ע ו ו ס ק י, ווילנער שטאָט־פּרעזידענט (אין פּויליש): איך באַגריס די פאַרזאַמלטע טוער פון דער יידישער וויסנשאַפט און ווינטש זיי פּרודוקטיווע אַרבעט. די שטאָט ווילנע נעמט אויף מיט פאַרגעניגן אירע געסט. ביי אונדז אין שטאָט הערשן קולטורעלע באַציִונגען און שלום צווישן די פאַרשיידענע נאַציעס, וואָס וווינען אין איר. איך ווינטש אייך, אַז די יידישע וויסנשאַפט זאָל העלפן אַרויסציען די יידישע פאָלקסמאַסן פון די רעשטלעך פון מיטלאַלטערלעכן געטאָ, וואָס זיי שטעקן נאָך צום טייל דערין, און אַרויספירן זיי אויפן ברייטן וועג פון קולטורעלער אַנטוויקלונג אינאיינעם מיט אַלע ציוויליזירטע פעלקער.

א. ז י י ד ש נ ו ר (וויצעפאָרזיצער פון דער ווילנער קהילה): אין נאָמען פון ווילנער קהילה־ראַט באַגריס איך די קאָנפערענץ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. מיר פאַרשטייען דעם אינסטיטוט, ווי אַן אומפּאַרטייִשע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן שפּראַכן.

מ. ש י ק ש נ י ס (פאָרז. פון דער ליטווישער וויסנשאַפט. געז. אין ווילנע, רעדט ליטוויש): געערטע הערן און דאַמען! עס זיינען שוין פאַרביי הונדערט יאָרהונדערטער, זינט אַ טייל פון יידישן פאָלק, וואָס איז אַנגעקומען קיין ליטע, וווינט צווישן ליטווינער, נעמט אַן אַנזעעוודיקן אַנטייל אין הייבן דעם האַנדל און אינדוסטריע פון אונדזער קאַנט. די מושלים פון ליטע, אירע גרויספירשטן, וואָס האָבן גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייט

פון די יידנס אַרבעטזאַמקייט, האָבן זיי באַשאַנקען מיט אמתע פּריווילע־גיעס, און יידן, וואָס האָבן רויק און פריי געלעבט צווישן ליטווינער, האָבן זיך אין גאַנצן צונויפגעלעבט מיט אונדזער לאַנד, אַזוי ווייט, אַז די הויפּט־שטאָט פון ליטע ווילנע רופן זיי אַן ירושלים דליטא; און אין דער אמתן, ווי דאָ איז שוין געוואָרן היינט ניט איין מאָל אָנגעוויזן, גייען איצט אַרויס פון ווילנע ביז צו די ווייטסטע ווינקעלעך פון כּדור הארץ די שטראַלן פון יידישן פאָלקס־באַוווסטזיין און ווּסנשאַפט.

די ליטווישע ווּסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט פאַרנעמט זיך מיט אויס־פאָרשן דעם ראַזיקן קאַנט פון פאַרשיידענע זייטן (די קולטור, געשיכטע, פאָלקלאָר אאַז"וו); נאָר די ליטווינער גופא קענען ניט צוקומען אויסצו־פאָרשן דאָס לעבן פון יידן, וואָס זיינען אַ חשובער אינטעגראַלער טייל פון די איינוווינער פונם דאָזיקן קאַנט; מיט דער דאָזיקער אויספאָרשונג פאַר־נעמט זיך, ווי מיר ווייסן, דער יידישער ווּסנשאַפטלעכער אינסטיטוט; דערפאַר איז די אַרבעט פון דאָזיקן אינסטיטוט פאַר די ליטווינער באַזונ־דערס אָנגעלייגט, און אין נאָמען פון דער ליטווישער בילדונגס־געזעלשאַפט באַגריס איך וואַרעם די גרינדונג פונם דאָזיקן אינסטיטוט, און ווינטש אים, און אויך דער היינטיקער קאָנפערענץ, פיל הצלחה אין זייער געהויבענער אַרבעט.

יוסף לעשטשינסקי — וואַרשע (פאָרשטייער פון דער ישאָ). איך ברענג דער קאָנפערענץ גרוסן פון דער ברודער־אָרגאַניזאַציע, פון דער ישאָ, וואָס נעמט אַרום 200 אַנשטאַלטן, מיט 1000 לערער, מיט צענדליקער טויזנטער שילער. מיר פילן שטאַרק אינדזער קרובהשאַפט מיטן ייוואָ. מיר זיינען אייגנווינער פון איין קולטור־הויז, מער ניט, וואָס מיר זיינען אין אונטערשטן גאָרן, בעת דער אינסטיטוט פאַרנעמט דעם אויבערשטן גאָרן. אויב דער אינסטיטוט האָט די מעלה, וואָס זיינע האָרי־זאָנטן זיינען ברייטער, זיינען מיר אָבער נעענטער צו דער מאַמע־ערד, שפּירן מיר בעסער דעם דופק פון דער מאַסע, וואָס האָט אונדז און אייך אַרויסגעבראַכט. די נייע יידישע קולטור שטיצט זיך נאָר אויף די אַרבעטנ־דיקע מאַסן, זי אַנטוויקלט זיך אין אַ פּראָצעס פון שווערן קאַמף צוזאַמען מיט די מאַסן. דאָס גרונט־קעמערל פון דער יידישער קולטור, — די שול, איז דערווייל נאָך רעכטלאָז, לאַ־די וואָס זי ווערט ניט אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה־מאַכט, נאָר זי ווערט אויך גערודפט. די לעצטע צייט האָט זי אויך אויסצושטיין אַ באַזונדערס שאַרפע אַטאַקע מצד יידישע רעאַקציאָ־נערע קרייזן. מיר האָבן ניט געזען, אַז עמעצער פון ציוניסטישן לאַגער זאָל רעאַגירן אויף די אָנפאַלן אויף דער יידישער שול. די ישאָ וואַרט, אַז די קאָנפערענץ פון ייוואָ זאָל זאָגן איר וואָגיק וואָרט מכּוח די דאָזיקע ברוטאַלע אָנפאַלן. מיר האָפן, אַז די קאָנפערענץ וועט מאַכן אַ פּראָט־

נעענטער צו דער ישאָ. דערפון ווערט געווינען סיי די יידישע שול און סיי דער ייוואָ.

פרץ הירשביין באַגריסט אין נאָמען פון אַלוועלטלעכן יידישן פען־קלוב: איך ווייס נישט ווי איך זאָל מיך דאָ אויסדריקן אינם דאָזיקן פלוציםדיקן אָונט. איך קאָן איצט פאַר מיינע געפילן און פאַר מיינע ווערטער קיין גרענעצן נימ שטעלן. איך בין נימ דער איינציקער יידישער שרייבער, וואָס האָט אין די לעצטע עטלעכע חדשים אַ סך ווייטאָג איבערגעלעבט. איך בין אַ וועלט־רייזנדער, אָבער איך פיל זיך ווי אַ וועלט־ייד, אַ וואָגלער. ווער נאָך ווי איך קאָן וויסן, ווי גרויס מיר זיינען אין גאָר דער וועלט, און ווי נידעריק מיר זיינען אָפט. איך האָב אַרומגערייזט אַ וועלט, און וווּ איך בין נאָר געווען, האָט מען אין מיין געגנוואַרט ברוטאַל געריסן די פעדים, וואָס פאַרבינדן אונדז אין אַלע ווינקעלעך — אונדזער יידישע שפּראַך האָט מען מיר פון מויל געריסן. איך האָב געהאַט אויסצושפּיין אַנפאַלן פאַר מיין ליבע צו דער יידישער קולטור מצד מיאוסע מענטשן. אָבער דאָס שרעקט נימ אָפּ. אויך די אַנפאַלן אויף דער יידישער שול זיינען נימ שרעקלעך, פּונקט ווי עס זיינען נימ שרעקלעך בכלל די אַנפאַלן אויף די יידישע מאַסן, וואָס שטרעבן צו אַ לויטערן וועלטלעכן לעבן. אין יעדער ווינקל פון דער ערד האָב איך געקענט זיך איבערצייגן, אַז דער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט די יידישע פאָלקסמאַסן אין אַלע וועלטטיילן, איז די יידישע שפּראַך, אונדזער לעבעדיקע צונג. יידיש איז אונדזער וווּנדער. אומעטום האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויפן אויפקום און פונאַנדערוווּקס פון יידיש אין נייע ישובים. איך האָב אמונה אין דעם שאַפנדיקן כּוח פון אונדזער דור. דאָס לעבן אַליין געפינט איצט וועגן און אויסוועגן. אויב דער וווּקס פון יידיש זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, וואָלטן מיר שטום געוואָרן. אויב יידיש זאָל אונטערגיין אויף גאָר דער וועלט, וועט אונדז העברעיִש נימ העלפן. דער ייוואָ איז אַן אָנהייב, אַ באַשיידענער אָנהייב, אָבער דער ייוואָ האָט אונטערגעלייגט אונטער דער יידישער שאַפונג אַ פונדאַמענט, ער נידערט אַראָפּ צו די וואָרצלען, צו די געזונטע וואָרצלען, וואָס דורך זיי דערנערן מיר זיך אַלע, און צו דער וועלטלעכער צייט איז ער פאַר אונדז אַ טורעם, וואָס פון זיין שפּיץ קענען מיר אַריינקוקן אין דער ברייט פון אַלוועלטלעכקייט.

איך באַגריס דעם אינסטיטוט צו זיין ערשטער קאָנפערענץ. זאָל זי זיין אַן אָנהייב פון אַ ריי קאָנפערענצן אין גאָר דער וועלט און אין די דורות אַריין.

נח פּרילוצקי, אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ, וואַרשע: געערטע פאַרזאַמלונג! ווען מען איז ערלעך מיט זיך אַליין, מוז מען זיך מודה זיין, אַז מיר יידן אין פּוילן זיינען שטאַרק הינטער־

שטעליק לגבי דעם, ווי מיר זיינען געווען מיט אַ יאָר צען צוריק. עפּעס זיינען פֿאַרשווּנדן געוואָרן אַלע וויכטיקע פֿראַגן פֿון אונדזער לעבן. די פּרעסע, וואָס דאַרף דאָך זיין אַן אָפּשפּיגלונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, האָט אַזוי ווי פֿאַרגעסן, אַז קיין איינע פֿון אונדזערע גערעכטע פֿאָדערונגען איז נאָך ניט באַפֿרידיקט געוואָרן. ווען מען לייענט די איצטיקע יידישע פּרעסע, קאָן מען מיינען, אַז מיר פֿאָדערן גאָרניט קיין אייגענע שול, קיין רעכט פֿאַר דער יידישער שפּראַך, און ווער שמועסט נאָך נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. אויב מיט 10 יאָר צוריק האָבן די מאַכט־אָרגאַנען געקענט זען אַ קאַמף פֿאַר די ראַזיקע אַלע פֿאָדערונגען מצד יידן, הערשט היינט כּמעט אַ פּאַראַליזירטקייט. נאָך מיט אַ פֿינף יאָר צוריק איז נאָך ניט מעגלעך געווען אַזאַ עזותדיקער אָנפֿאַל אויף די יידישע שולן, ווי דאָס איז לעצטנס געשען מצד געוויסע פּרעסע־אָרגאַנען. אויב יידישע פֿאַרשטייער אין מאַגיסטראַטן פֿלעגן אַמאָל שטאַמלען, ווען עס איז געגאַנגען די רייד מכּוח יידיש, טרעפֿט שוין איצט, אַז מען טרעט אַרויס אָפֿן קעגן יידיש. עס איז שוין צייט, אַז צו אונדזער שטילשווייגעניש זאָל קומען אַ סוף. די קאָנפֿערענץ זאָל ווערן אַן אָנהייב פֿון אַ נייער אויפֿלעבונג. מען זאָגט אונדז: וויסנשאַפֿטלער זיינען ניט קיין פּאָליטיקער, מיר ווילן בלייבן אין גאַנצן אָן אַ זייט פֿון דער פּאָליטיק. מייגע הערן, היינטיקע צייטן און ביי אונדזער לאַגע איז וויסנשאַפֿט ענג פֿאַרבונדן מיט פּאָליטיק. דער ייוואָ, אויף צו קענען עקסיסטירן, מוז האָבן אַ באַשטימטע געזעלשאַפֿטלעכע אַטמאָספֿער אַרום זיך. און אויב אונדזער יסוד שטייט אין סכּנה, קענען מיר דעם קאַמף ניט אויסמיידן: אין איין האַנט מוזן מיר האַלטן די פֿען, אין דער צווייטער די שווערד צו פֿאַרטיידיקן די יידישע קולטור.

איך מיין, אַז איך וועל אויסדריקן דעם ווונטש פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער וואַרשעווער געזעלשאַפֿט פֿריינד פֿון ייוואָ, ווען איך וועל ווינטשן דער קאָנפֿערענץ, זי זאָל מיטן גאַנצן ערנסט דורכפֿירן איר אַרבעט. איך ווייס, אַז פֿון אַלע זייטן וואַרט מען פֿון איר גרויסע אויפֿטוען.

ד״ר מ. ווייגרייך: פֿון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען דעפּעשן און בריוו מיט באַגריסונגען צו דער קאָנפֿערענץ, מיט יעדער שעה קומען צו אַלץ נייע באַגריסונגען. ניטאָ די מעגלעכקייט זיי אַלע דאָ איבערצולייענען, אפֿילו ניט אָנצורופֿן אַלע נעמען פֿון די באַגריסער. איך כאַפּ אַרויס איייניקע באַגריסונגען פֿון דער גרויסער מאַסע. אַלע איבעריקע וועלן ווערן שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט. (לייענט איבער באַגריסונגען) *.

מ. שאַליט באַגריסט אין נאָמען פֿון ייקאָ־היאַס־עמיגדירעקט: איך האָב דעם כּבֿוד צו באַגריסן די קאָנפֿערענץ פֿון ייוואָ, וואָס וויל ווערן

* די באַגריסונגען זיינען אָפּגעדרוקט ווי אַ חוספה צום באַריכט.

אַן אַלוועלטלעכע ייִדישע אינסטיטוציע, אין נאָמען פֿון אַ צווייטער אַל=
וועלטלעכער ייִדישער אָרגאַניזאַציע. מיר ווייסן צו שאַצן דעם ווערט פֿון
דער ייִדישער וויסנשאַפֿט און פֿון דער נייַער ייִדישער קולטור. עס איז
געקומען די צייט צו באַגרינדן וויסנשאַפֿטלעך די טעטיקייט פֿון אונדזערע
געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, צו ווייַזן זייער היסטאָרישן אויפֿטו
אין דער ייִדישער וועלט. מיר לייגן די האָפֿענונג אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן
אינסטיטוט, מיר ווינטשן אים, ער זאָל ווייטער גיין אויף דעם וועג, וואָס
ער האָט אָנגעהויבן.

איך האָב אויך דעם כּבֿוד צו באַגריסן די קאָנפֿערענץ אין נאָמען
פֿון צוויי ווילנער אינסטיטוציעס. די ערשטע איז די היסטאָריש=
עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנסקי.
דאָס איז אַ שוועסטער=אינסטיטוציע פֿון ייִוואָ. זייער אַרבעטס=געביט איז
דער גלייַכער. ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פֿון ייִוואָ, האָט די
אַנסקי=געזעלשאַפֿט איר אַרבעט אָפּגעשטעלט. אָבער מיר זייַנען ניט
מקנא דער ייִנגערער שוועסטער=אינסטיטוציע. בײַ אונדז איז זייער אַקטועל
די פֿראַגע וועגן פֿאַראייניקן זיך מיטן ייִוואָ. ווי נאָר עס וועט זייַן פֿאַרטיק
דער בנין פֿון ייִוואָ, וועט זייַן נייטיק אַריבערצוטראָגן אַהין אַלע זאַמלונגען
פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט. מיר ווינטשן אויך, אַז אויך די שטראַשון=
ביבליאָטעק זאָל קענען געפֿינען אַן אָרט אין בנין פֿון ייִוואָ, אַזוי אַרום
וועט קאָנצענטרירט ווערן אין איין אָרט אַ געוואַלדיקער אוצר פֿון ייִדישער
גייסטיקער ענערגיע, וואָס וועט זייַן אָפֿן פֿאַר איטלעכן פֿאָרשער, פֿאַר
איטלעכן שאַפֿער.

די צווייטע ווילנער אינסטיטוציע, וואָס איך האָב דעם כּבֿוד צו פֿאַר=
טרעטן, איז דער ווילנער פֿאַראיין פֿון ליטעראַטן און
זשורנאַליסטן. די ייִדישע ליטעראַטן פֿילן גוט זייער צונויפֿבונד
מיטן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. זייַן אַרבעט איז די אַרבעט פֿאַר דער
ייִדישער ליטעראַטור. אָן אַ וויסנשאַפֿטלעכער קולטור קען קיין ליטעראַטור
ניט עקסיסטירן.

ב. קאַרליניוס באַגריסט אין נאָמען פֿון וואַרשעווער פֿאַראיין
פֿון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן: אונדזער פֿאַראיין איז די לעצטע צייט
געוואָרן אַ ציל=פּונקט פֿאַר אַ פֿאַרביסענער העצע. די זעלביקע העצע איז
בעצם געווענדט אויך קעגן אייך. אָבער איר מוט זיך אייער זאַך מיט דער=
זעלביקער נעטריישאַפֿט און ליבע, ניט אָפּגעווענדט אָן אַ זייט. מען רעדט
וועגן איבערבראָכן און שינויים אין ייִדישן לעבן. דער גרעסטער איבער=
בראָך איז דער איבערבראָך אין באַוווסטזיין. און דאָס באַווייַזט צום מייַנסטן
ווילנע. ווילנע—די אַלטע פּאַטריציער=שטאָט—האָט אַ גרעסער באַוווסטזיין
ווי וואַרשע. ווילנע איז אויך אַ שטאָט פֿון מעשים. מיר האָבן שוין הייַנט

געזען אַ גרויסן בנין, ווו עס איז צונויפגעקליבן דער אוצר פון אַלע ווינקעלעך פון יידישן גייסטיקן לעבן. איך באַגריס די אויפטועך פון דער גרויסער אַרבעט, די בויער פונם פרעכטיקן בנין, וואָס איר האָט געשאַפן.

ד"ר י. ש י פ ע ר, וואַרשע. איך בין לכתחילה באַשטימט געווען צו באַגריסן די קאָנפערענץ אין נאָמען פון „טאָז", דער וואַרשעווער געזעלשאַפט פאַר פאָלקס-געזונט, וואָס איז ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווייל זי האָפט, אַז ער וועט העלפן אויסאַרבעטן אַ מעדיצינישע טערמינאָלאָגיע אין יידיש און פירט אַן אַרבעט פון פסיכאָלאָגישע און פּעדאָלאָגישע פאָרשונגען. די באַגריסונג פון „טאָז" איז איבערגעגעבן געוואָרן שריפטלעך. איך וויל איצט ריידן אין אייגענעם נאָמען. ווען איך שטיי דאָ איצטער, וויל איך ניט באַהאַלטן, אַז איך שטיי פאַר אייך אַלס ציוניסט. איך בין צוגלייך אַן אויפריכטיקער פריינט פון ייוואָ. געוויס זיינען פאַראַן חילוקי דעות ביי אונדז, און אימלעכער באַדאַרף קעמפן אין פאָלק פאַר זיינע אמתן. אָבער דער קריג דאַרף געפירט ווערן צוליב שלום, צוליב צעמענטירן דאָס פאָלק. ווען מיר אָבער פאַרשאַרפן דעם קאַמף, האָב איך מורא, אַז מיר וועלן אויפרייסן דאָס, וואָס מוז זיין איין גאַנצס, אין צוויי טיילן. דער היסטאָרישער וועג פון העברעיש און יידיש איז ענג פאַרבונדן. מיר האָבן געבויט קולטור סיי אין העברעיש און סיי אין יידיש, און עס איז ניט געווען קיין קריג. וואָס וואָלט געווינען יידיש אַז העברעיש און פאַרקערט? לאָמיר דריקן צום האַרצן דיווירקלעכקייט ווי זי איז, צוויי שפראַכן פאַרמאָגן מיר, וואָס אין זיי ביידע לעבט זיך אויס דער יידישער גייסט. און דאָ אין וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט טוט זיך אַן אַרבעט, וואָס קען פאַרנעמען אַלעמען. די זאַך שטייט העכער פאַר פּערזענלעכע רייבונגען. קיין זאַך קען מיר ניט שטערן מיטצוהעלפן דאָרט, ווו עס טוט זיך יידישע זאַפטיקע אַרבעט. נאָר איינס דאַרפן מיר געדענקען: מיר דאַרפן שטעלן דעם טראָפּ אויפן אייגענעם נאָמען: י י ד י ש ע װ י ס נ ש אַ פ ט.

ג. א י י ז נ ע ר (ניו-יאָרק). איך ברענג אייך גרוסן פון יענער זייט ים, פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון ייוואָ. איך וויל ניט פאַרנעמען מיט פיל רייד די צייט פון דער קאָנפערענץ, וואָס דאַרף טאָן פּראַקטישע אַרבעט. מיר אין אַמעריקע קוקן אויס אויף דער איניציאַטיווע פון ווילנער צענטער. אין אַמעריקע ווערט דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט רעספּעקטירט. מיר האָפן, אַז נאָך דער קאָנפערענץ וועט די אַרבעט זיך פאַרשטאַרקן.

י ו ד ל מ אַ ר ק (ריגע). אין נאָמען פון דער לעטלענדישער ציש"אָ, אין נאָמען פון לעטלענדישן עלטערן-פאַרבאַנד, אין נאָמען פון די לערער און שילער, אין נאָמען פון דער בילדונגס-געזעלשאַפט אין ליטע, אין נאָמען פון דער ווילקאָמירער יידישער גימנאַזיע, אין נאָמען פון די יידישע

שולן אין ליטע האָב איך דעם גרויסן כּבֿוד צו באַגריסן די ערשטע קאָנפערענץ פון ייוואָ. ייוואָ איז די קרוין פון אונדזערע אַלע אויפטוען. די פרייד, וואָס מיר האָבן נאָך איר אַזוי געוואַרט. די קאָנפערענץ איז אונדזער יום־טובֿ. ווען מיר קומען אַהער, טוען מיר זיך אויס פון אַלע טאָגטעגלעכע ליידנשאַפטן, פון דעם פּאַרטייען־קאַמף. מיר קומען אַהער מיט דער נשמה יתרה. זאָל אַ פלאַטער טאָן איבער אונדז דער גייסט פון דער יידישער געשיכטע. מיר גייען בויען אַ נייע יבֿנה. בשעת נייע טיטוסן צעשטערן די נייע ירושלימס, אין דער צייט האָבן מיר אַ שטיץ אין ייוואָ. מיר קומען צו דער קאָנפערענץ דערהויפּט מיט אַ געפיל פון דרך־ארץ: דאָס איז דער ווינקל, וווּ עס קען זיין פאַראייניקט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. מיר מוזן דאָ דערמאָנען דעם געטרייען, קרישטאָל־קלאָרן אידעאַליסט, וואָס האָט אין זיין גייסט אויסגעטראָגן די אידעע פון אינסטיטוט, מיר מוזן דאָ דערמאָנען מיט הויכאַכטונג און ליבע נחום שטיפן, מיר מוזן דאָ מיט דאַנק דערמאָנען דעם זאַמלער אין שטעטל — וואָס זיין נאָמען איז לעגיאָן. אין מאָמענטן פון יאוש האָבן מיר איצט אַ טרייסט — דאָס איז ייוואָ. לעבן זאָל אונדזער טרייסט! לעבן זאָל ייוואָ!

ד״ר י. פ אַ י ע נ ס אָ ן (רעדפּעט) באַגריסט אין נאָמען פון די עסטלענדישע פריינט פון ייוואָ: איך קום פון אַ קליינעם לאַנד מיט גאָר אַ קליינעם יידישן קיבוץ: סך־הכּל פאַרמאָגן מיר 5000 יידישע נפשות. אויף אונדזער קליינעם יידישן קיבוץ איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע היסטאָרישע אַחריות. מיר עסטלענדער יידן זיינען דערוויל די איינציקע, וואָס האָבן אַ פון געזעץ באַשטעטיקטע קולטורעלע אַליינפאַרוואַלטונג, וואָס גרויסע יידישע קיבוצים שטרעבן ערשט צו איר. אָבער מיר ווייסן וויל, אַז ביי אונדז איז דאָס נאָר אַ פאָרם. די אמתע קולטור־אַווטאָנאָמיע, איר פולער אינהאַלט איז אָט דאָ. און דאָ, וווּ עס האָבן זיך צונויפגעקליבן די פאָרשטייער פון יידן פון אַ סך לענדער, לאָזט מיר אויסריידן מיין האַרץ. איך בין אַ געטרייער ציוניסט, איך בין צוגלייך אַן איבערצייגטער יידישיסט. אין אונדזערע קליינע פאַרהעלטענישן קומט אָפטמאָל אויס נאָך צו דערווייזן די עלעמענטאַרסטע זאַכן, ווי דאָס, אַז יידיש קען זיין די שפּראַך פון קולטור. און אָט קומט דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מיט זיין עקסיסטענץ און מיט זיין אַרבעט און מיט זיינע אויסגאַבן און באַווייזט דאָס אַלעמען בחוש. פאַר דער באַזונדערער אונטערשטיצונג, וואָס מיר, דער קליינער יידישער קיבוץ, האָבן פון ייוואָ, ערלויבט מיר אים באַזונדער צו דאַנקען און צו באַגריסן. זאָל ער לאַנג לעבן און ווייטער טאָן זיין אַרבעט.

Vivat, crescat, floreat in aeternum דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

מ. ווײַנרײַך מעלדעט, אַז דער אָנגעמערקטער רעפעראַט זײַנער „די ייִדישע וויסנשאַפט — אירע אויפגאַבן און פּערספּעקטיוון" פאַלט אַרויס מחמת דער שפּעטער צײַט. די געשעפטלעכע זיצונג הויבט זיך אָן מאָרגן האַלב 11, און הײַנט 9 אין אָוונט קומט פאָר אַ וויסנשאַפטלעכע זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון א. טשעריקאָווער.

מ. גראָטבּ (וואַרשע). אין נאָמען פוגם אַנסקי־זאַמלער־קרײַז האָב איך דעם כּבֿוד צו באַגריסן די קאָנפערענץ. אויב די קאָנפערענץ איז אַ יום־טובֿ פאַר די פרײַנד פון ייִדיש און פון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור, איז זי פאַר אונדז זאַמלער אַ מאָפּעלער יום־טובֿ. אַ גרויסער טייל פון דעם אוצר, וואָס דער ייוואָ פאַרמאָגט, באַשטייט פון די מאַטעריאַלן, וואָס די זאַמלער האָבן אַרײַנגעבראַכט. אַלע אָנערקענען, אַז דער גרעסטער פאַרדינסט פון ייוואָ איז דאָס, וואָס ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ באַזונדער נשמה אין דער וויסנשאַפט, ער האָט פון איר געמאַכט אָנשטאָט אַ זאַך פאַר יחידים אַן ענין פאַר אַ מאַסע. אָט דאָס איז דער פאַרדינסט פון די אַרבעטער־זאַמלער. מיר פאָדערן ניט קיין דאַנק דערפאַר, דאָס האָבן מיר געטאָן פאַר זיך. קיין ציוניסט קען ניט האָבן צום אינסטיטוט אַזאַ באַציִונג, ווי מיר אַרבעטער. מיר זײַנען פאַר ייִדיש, ווײַל ייִדיש איז אונדזער שפּראַך. דער אינסטיטוט מוז זיך שטיצן אויף די ברייטע מאַסן. ער מוז אויך געבן דער מאַסע, ער מוז טאָן פאַר דער ייִדישער שול, שאַפן אַ גראַמאַטיק, לערנבּיכער. אין נאָמען פון די הונדערטער זאַמלער, און דווקא אַרבעטער, ווײַל איך באַגריסן דעם אינסטיטוט. מיר וועלן ווײַטער אַרבעטן פאַר אים און קעמפן דערפאַר, אַז ער זאָל זיך אַנטוויקלען אין אונדזער גײַסט.

וו. לאַצקי־בערטאָלדי (ריגע). אין נאָמען פון ריגער בוי־קאָמיטעט פאַרן ייוואָ באַגריס איך די קאָנפערענץ פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין דער שטאָט ווילנע. ווילנע איז פאַר אונדז ניט כּתּם אַ שטאָט, זי איז אַ שטאָט אַ אידעע. אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זײַנען פאַראַן אַ רײ אַזעלכע שטעט, וואָס פאַרקערפּערן אידעען: פּאַריז, רוים, ירושלים... ווילנע איז אויך אַזאַ אידעע. ווילנע איז דער צענטער פון צעזייטן ייִדישן גײַסט. מיר זעען דאָ מאַקע הײַנט אַן אידעיִשן קיבוץ גלויות. דאָס איז געוואָרן אַ דאַנק דעם ייוואָ. און מיר ווינטשן דעם ייוואָ, ער זאָל ווערן דער אָרט פון דער פ ר ײַ ע ר ייִדישער וויסנשאַפט. וואָרום פרײַהייט איז ניט קיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל אײַנגעשטעלטער פאַרגלייווערטער באַגריף. צו פרײַהייט דערגייט מען דורך מדרגות, דורך בחינות. וואָס הײַנט איז פרײַ, קען מאָרגן זײַן ניט פרײַ. מען האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פרײַהייט איז וועלטלעכקייט. אָבער אויך וועלטלעכקייט קען ווערן פאַר־קנעכטונג, ווען עס ווערט פאַרשטיינערט צו אַ דאָגמע.

לאָמיר בלייבן ביי דער אמתער פרייהייט. לאָמיר זיך לערנען ביי פּרצן: ער איז געווען דער אמתער פרייגייסט. זייענדיק פריי, איז ער קיינמאָל ניט געווען קיין אַפּיקורס. האָט ער פאַר אונדז דאָך געעפנט די קוואַלן פון חסידות.

איך ווינטש, אַז ייוואָ זאָל ווערן דער מיטלפּונקט פון פרייען גייסט, און ווילנע זאָל אַזוי אַרום בלייבן ווערט דעם נאָמען ירושלים דליטא.

נ. ג ע ר ג ע ל (בערלין): איך באַגריס די קאָנפערענץ אין נאָמען פון דער בערלינער געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ. פאַר מיר איז די דאָ־זיקע קאָנפערענץ פון ייוואָ באמת אַ קולטור־קאָנגרעס פון יידישיסטן, פון די, וואָס קעמפן פאַר דער יידישער קולטור. איך בין אַליין אַ סאָציאַליסט, אָבער איך בין מודה, אַז יידיש איז אַ ברייטערער באַגריף. מיט 21 יאָר צוריק איז געווען די ערשטע יידישיסטישע קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. זי איז געווען נאָך האַלב שטאַמלעריש. זי האָט זיך קוים דערוועגט צו פּראָקלאַמירן, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. איצט וועט זיך שוין קיינער ניט באַנוגענען מיט דער דאָזיקער פאָרמולירונג. איצטער איז נאָר מעגלעך איין פאָרמולירונג: יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך. דאָס וואָס דער ייוואָ האָט אויפגעטאָן באַווייזט, אַז יידיש איז ד י נאַציאָנאַלע שפּראַך. אָבער ניט די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז אונדזער עובדא. מיר דאַרפן איצט אַרויסגיין צום פאָלק מיט אַ נייעם לאָזונג: מיר ווילן און האָפן צו זען ביי דעם אינסטיטוט אַ יידישן אוניווערסיטעט. חברים, עס איז אַ סך גרינגער צו אַפּלאָדירן, ווי דעם אוניווערסיטעט צו שאַפן. עס זיינען פאַראַן דערביי אַ סך האַרבע פראַגן, אי פּאָליטישע, אי פינאַנציעלע, אי אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע. אָבער מיר מוזן דעם דאָזיקן ציל האָבן פאַר די אויגן. מיר האָבן נאָך ווייניק געטאָן אויף אויסצוקעמפן אונדזער נאַציאָנאַלע אַווטאָ־נאָמיע. מיר קענען זי דערגרייכן נאָר דורך מעשים, דורך פאַקטן. איינער פון די דאָזיקע פאַקטן דאַרף זיין דער יידישער אוניווערסיטעט. איך גלייב, אַז אויף דער נאָענטסטער קאָנפערענץ וועלן מיר זיך טרעפן אויף דער עפענונג פון אוניווערסיטעט.

דער פאָרזיצער שליסט די פייערלעכע עפענונגס־זיצונג.

וויסנשאַפטלעכע זיצונג

דאָנערשטאָג, דעם 24טן אָקטאָבער (9 אינאָוונט).

די וויסנשאַפטלעכע זיצונג פון דער קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן ביי אַ פול באַזעצטן זאַל אין טעאַטער „פּאַלאַס" 9 אַ זייגער אין אָוונט. פאָרזיצער איז א. טשעריקאָווער.

פאַר די פאָרטראָגן באַגריסט דער פאָרזיצער דעם דעלעגאַט פון קאָוונער געזעלשאַפט פריינד פון ייִוואָ, אַדוואָקאַט עוזר פינקעלשטיין, וואָס איז מיט דער ספּעציעלער ערלויבעניש פון דער פּוילישער און ליטווישער רעגירונג אַריבערגעפאָרן די אַדמיניסטראַטיווע ליניע און האָט באַוויזן צו קומען ערשט צו דער וויסנשאַפטלעכער זיצונג.

ביי דער געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט פון דער אוידיטאָריע ווערן געהאַלטן די פאָרטראָגן:

נח פּרילוצקי — איבער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע.

יעקב לעשטשינסקי — עקאָנאָמישע עוואָלוציע פון די דייטשע יידן אין 19טן יאָרהונדערט.

ד״ר יצחק שיפּער — וועגן ועד ארבע הארצות.

ד״ר ר. גנעלבלום — יידן אין דער פּוילישער פּרעסע סוף 18טן יאָרהונדערט.

דריטע זיצונג

(פרייטאָג, דעם 25טן אָקטאָבער האַלב 11 פרי).

ד״ר מ. ווײַנרײַך עפנט די זיצונג און לייגט פאָר אויסצוקלייבן אין פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ: ד״ר י. בערנפעלד — טשערנאָוויץ, י. גימערמאַן — וואַרשע, א. טשעריקאָווער — בערלין, נ. מייזיל — וואַרשע, ה. עמקין — ריגע, נ. פּרילוצקי — וואַרשע, ד״ר ה. קאָוואַרסקי — ווילנע, פרוי אַננאַ ראָזענטאַל — ווילנע, ד״ר י. שיפּער — וואַרשע און ד״ר מ. ווײַנרײַך — ווילנע. די פאָרגעלייגטע ליסטע ווערט אָנגענומען אַן בלאָק. פאַרן סעקרעטאַר פון פּרעזידיום ווערט אויסגעקליבן נ. מייזיל.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער נ. פּרילוצקי.

צום אַלגעמיינעם באַריכט פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט באַקומט דאָס וואָרט

מ. ווײַנרײַך (אָ. ק.): איך נעם אָן, אַז אין אַלגעמיין איז די טעטיקייט פון אינסטיטוט אַלע דעלעגאַטן באַקאַנט. איך וועל זיך דעריבער אין מיין באַריכט ניט אָפּשטעלן אויף קיין פרטים וועגן דער פאַרגאַנגענער אַרבעט, נאָר דער עיקר באַטאָנען די פאַקטן, וואָס זיינען שייך צו דער צוקונפט.

די הויפּט-אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז צו שאַפן אַן אָרגאַניזיר-סטאַטוט, וואָס זאָל פּאַסן צו אונדזער ברייט-פאַרצווייגטער טעטיקייט. ביז איצט האָט אונדזער אַפּאַראַט ניט געקענט זיין אָרגאַניזירט ווי עס געהער צו זיין. אויב מיר האָבן אַן אַ קאָנסטיטוציע פונדעסטוועגן

ניט ווייניק איפֿגעטאָן אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע 4 יאָר, געפֿין איך דערויף בלויז איין דערקלערונג: דאָס איז מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דער וואַרעמקייט, וואָס האָט געהערשט אין די קעגנזייטיקע באַציונגען פֿון די טוער. מער ווי איין מאָל איז בערלין געווען אומצופֿרידן מיט ווילנע און פֿאַרקערט, מער ווי איין מאָל זיינען געווען טענות אַהין און צוריק — אָבער מיר האָבן דאָס אַלצדינג גרינג גובר געווען, ווייל יעדערער פֿון אונדז איז גערן געווען ביי אַ סיכסוך צווישן פֿאָרם און עיקר צו פֿאַרביגן די פֿאָרם צוליב דעם עיקר. לאָמיר זען, אַז די דאָזיקע וואַרעמקייט, וואָס האָט ביז איצט געמאַכט די ייִוואָ=טוער פֿאַר איין משפּחה, זאָל אָנהאַלטן אויך ווייטער, בשעת מיר טרעטן אַרויס אויף אַ ברייטערן שליאַך.

מיר מעגן זיין זיכער, אַז די דאָזיקע וואַרעמקייט און דאָס דאָזיקע אחריות=געפֿיל וועלן ביי אונדז בלייבן, וואָרום דער ייִוואָ איז דאָך ניט קיין קליין הייפֿל יחידים, נאָר ער ווערט געטראָגן פֿון אַ גרויסן שטראָם פֿאָלקסענערגיע. דער אויפֿטו און דאָס גליק פֿון דעם ייִוואָ באַשטייען אין דעם, וואָס ער האָט געמאַכט הונדערטער פֿאַר מיטבויער און טויזנטער פֿאַר סימפּאַטיקער. קיין שום אַנדער יידישע וויסנשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע קען זיך אין דעם צו אונדז ניט גלייכן.

דער אָרגאַניזיר=קאָמיטעט פֿאַר דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אויף דער בערלינער פֿאַרבאַראַטונג אין אַוגוסט 1925, איז באַשטאַנען פֿון 4 מענטשן: טשעריקאָווער, רייזען, שפּיר, ווײַנרייך. ווען שפּיר איז אין מאַי 1926 אַוועקגעפֿאָרן פֿון בערלין, איז קאָאָפּטירט געוואָרן אין אָרגאַניזיר=קאָמיטעט יעקב לעשטשינסקי, וועלכער איז פֿין אָנהייב אָן געשטאַנען נאָענט צום ייִוואָ. אין 1926 האָט אין משך פֿון עטלעכע חדשים מיטגעאַרבעט אין אָרגאַניזיר=קאָמיטעט, צווייג ווילנע, אויפֿן סמך פֿון קאָאָפּטאַציע, מ. עריק. אַ קאָלעגיע פֿון 4 איז תּחילת אפֿשר געווען געניג, אָבער אין דער מאָס ווי די אַרבעט איז געוואַקסן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַשטאַנד פֿון דער הנהגה מוז פֿאַרגרעסערט ווערן. אין דעם באַשלוס פֿון דער פֿאַרבאַראַטונג איז געווען פֿאָרויסגעזען, אַז אויב עס וועלן זיך שאַפֿן נייע לאַנד=אָרגאַניזאַציעס, וועלן זיי קענען אַריינשיקן זייערע פֿאָרשטייער אין אָרגאַניזיר=קאָמיטעט. אין עטלעכע פֿאַלן איז אויך געגאַנגען אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם; אָבער צוליב דער איבערמאָס פֿון אַרבעט איז מען ניט געקומען צו דער רעאַליזירונג פֿון באַשלוס. אַ סוראָגאַט פֿון ברייטערער באַטייליקונג איז געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם, וואָס די פֿאַרוואַלטונגען פֿון דער ווילנער און בערלינער געזעלשאַפֿטן „פֿריינד" האָבן זיך באַטייליקט אין די באַשלוסן וועגן אַלע וויכטיקערע פֿראַגעס. אין אַ גאַנצער ריי פֿאַלן איז אָנגעגאַנגען אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער אַמעריקאַנער סעקציע, שפּעטער אויך

מיט דער וואַרשעווער געזעלשאַפט „פּריינר״ אאַז״וו. אָבער די דאָזיקע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט זיינען ניט געווען איינגעשטעלט סטאַטוטאַריש, און ממילא זיינען זיי ניט געווען גענוג רעגלמעסיק און זיכער. די קאָנפערענץ מוז אויסאַרבעטן אַן אָרגאַניזיר־פּלאַן, וואָס זאָל אַוועקשטעלן אַלע געהעריקע אָרגאַנען.

ניט גענוג פעסט אָרגאַניזירט איז אויך געווען ביז איצט די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. די פאָרבאַראַטונג האָט פּראָקלאַמירט 4 סעקציעס און באַשטימט פאַר דריי פון זיי די סעקרעטאַרן: א. טשעריקאָווערן פאַר דער היסטאָרישער סעקציע, י. לעשטשינסקין פאַר דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער, מ. ווײַנרייכן פאַר דער פילאָלאָגישער. די פראַגע וועגן דעם פאָרשטייער פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע איז געבליבן אָפן. אין נאָמען פון די סעקציעס זיינען אַרויסגעגאַנגען די בענד שריפטן, און זייער נאָמען איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ היפּשע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט (למשל, די עטנאָגראַפישע אַרבעט, די עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע אויספאָרשונג אין פּוילן 1927, די אָנקעטעס פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע), אָבער קיין איינהייטלעכע אָרגאַניזיר־פאָרם פון די סעקציעס איז ניטאָ ביז היינט. אין דער אָנפירונג פון דער פילאָלאָגישער סעקציע האָבן געאַרבעט איך סעקרעטאַר און ז. רייזען — אָן אַ באַשטימטער טיילונג. די עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע סעקציע האָט פּ׳ לעשטשינסקי יאָ געפּרוווט אָרגאַניזירן, און אַ פאַרזאַמלונג אין בערלין האָט אויסגעקליבן י. לעשטשינסקין פאַרן פאָרזיצער פון דער סעקציע, י. קאַראַלניקן פאַרן סעקרעטאַר. פאַר דער היסטאָרישער סעקציע האָט פּ׳ טשעריקאָווער געפּרוווט שאַפן אַ פּלענום, וועלכער האָט זיך אויפגעקליבן עטלעכע מאָל אין בערלין, (א. טשעריקאָווער האָט געהייסן „אָנפירער פון דער סעקציע״). די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע האָט זיך ווידער אָרגאַניזירט אויף אַ באַזונדער שטייגער: אַ פאַרזאַמלונג אין ווילנע האָט אויסגעקליבן אַ ביוראָ (פאָרזיצער ד״ר ה. קאָוואַרסקי, סעקרעטאַר א. גאָלאָמב), און די רעדאַקציע פון די שריפטן איז אָנגעטרויט געוואָרן לייבוש לערערן אין ניו־יאָרק.

איך גלייב, אַז עס וועט ניט זיין קיין פּחיתת־הכבוד פאַר קיינעם, אויב איך וועל זאָגן, אַז די ריכטיקע קאָלעגיאַלע צוזאַמענאַרבעט פון די סעקציעס דאַרף זיך נאָך ערשט אָנהייבן. עס איז שוין איצט צייט, אַז די סעקציעס זאָלן זיך אויף אַן אמת קאָנסטיטויִרן. די אַרבעט פון דעם אינסטיטוט איז שוין אויף אַזוי פיל אויסגעוואַקסן, אַז דאָס פאָדערט זיך אומבאַדינגט. אַגב איז שוין דאָס מעגלעך אויך, וואָרים אין דער ביז־איצטיקער צוגרייט־סטאַדיע האָבן מיר שוין קאָנצענטרירט אַרום דעם

אינסטיטוט אַ שיינע צאָל מיטאַרבעטער פון די פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן.

איך זע קלאָר, אַז ספּעציעל די פראַגע וועגן קאָנסטיטויִרן די סעקציעס איז זייער אַן איידעלע און אַ האַרבע. עס וועט ניט גרינג זיין צו באַשליסן, ווער עס קען זיין אַ ווירקלעכער מיטגליד פון אַ סעקציע. לויט מיין מיינונג קען ניט יעדער מיטאַרבעטער פון די שריפטן eo ipso זיין אַ מיטגליד אין דער סעקציע. מיר מוזן זען, אַז די קאָלעגיעס, וואָס מיר שאַפן, זאָלן האָבן דעם געהעריקן וויסנשאַפטלעכן אַווטאָריטעט, און דעריבער האַלט איך, אַז ווירקלעכע מיטגלידער פון דער סעקציע, פּוסקים וועגן אייגענער און פרעמדער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, קענען זיין בלויז די, וואָס האָבן אַליין ביז איצטער שוין געטאָן קוואַליפיצירטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און זיינען גרייט מיטצואַרבעטן מיטן אינסטיטוט אין דער אַלגעמיינער ריכטונג פון זיין טעטיקייט.

מיין פאָרשלאָג איז, אַז אויף דער היינטיקער זיצונג זאָל די קאָנפערענץ אויסקלייבן אַ קאָמיסיע פאַר אָרגאַניזיר־פראַגעס, וועלכע זאָל ביז מאָרגן נאָכמיטאָג צושטעלן אַ בפרטיותדיקן פּראָיעקט וועגן אַלע שייכותדיקע פּונקטן. אַהער וועט אַריינגיין די אָקאָרשט באַרירטע פראַגע וועגן די סעקציעס און דערנאָך — די אַלגעמיינע סכעמע פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ווי אַזוי זאָל די דאָזיקע סכעמע אויסזען? מיר דאַרפן זי שוין איצטער ניט אויספּאַנטאַזירן. מיר האָבן אין 17 לענדער, אין אַלע לענדער פון דעם יידישן מאַסן־יישוב, לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, שטיצגרופּעס, געזעלשאַפטן „פריינד פון ייוואָ”; מיר מוזן בלויז פאַראיינהייטלעכן און אַקטיווירן דאָס, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט געשאַפן. אויף אַ זיצונג אין דער פאַרוואַלטונג פון דער וואַרשעווער געזעלשאַפט „פריינד”, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, האָט פּ׳ לאַזאַר קאַהאַן זייער טרעפיק פאָרמולירט די אויפגאַבע: עס מוז געשאַפן ווערן אַן אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד פון די געזעלשאַפטן „פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט”. דאָס וועט זיין דער מאַטעריעלער פאַרזאָרגער פון ייוואָ; די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועט געטאָן ווערן דורך די פּלאַנמעסיק־קאָנסטרויִרטע סעקציעס.

ווער קען זיין אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט „פריינד פון ייוואָ”? יעדער איינער ווער עס סימפּאַטיזירט מיט די צילן פון אינסטיטוט. קיין שום אַנדערע פאָדערונג דאַרפן מיר צו אַזאַ מיטגליד ניט שטעלן.

ווען איך קום צו צו דעם פּונקט, מוז איך ניט ווילנדיק אָנרירן די טעמעס, וואָס זיינען אַרויסגעשוואומען נעכטן, בעת דער פייערלעכער זיצונג.

עס איז אַ פאַקט, אַז צווישן די מענטשן וואָס שטיצן דעם אינסטיטוט זיינען פאַראַן ניט נאָר אַזוינע, וואָס שטיצן ביי היינטיקן טאָג די יידישע וועלטלעכע שול. און עס איז ניטאָ קיין גרונד, אַז מיר זאָלן זיך

אָפּזאָגן פון זייער אונטערשטיצונג. אַדרבא. דאָס גופא, וואָס וויסנשאַפט־לעכע אַרבעט אין יידיש צים צו סימפּאַטיעס פון נייע קרייזן, איז אַ סימן, ווי שטאַרק מיר זיינען שוין אויסגעוואַקסן.

ווען מיר זוכן דעם יחוס פון דער יידישער בילדונגס־אַרבעט פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, שטויסן מיר זיך אָן אויף די אומלעגאַלע אַרבעטער־קרייזלעך, ווו מען האָט באַהאַלטענערהייט געלייגט דעם יסוד פאַר אַ מאָדערן יידיש וויסן — ניט נאָר אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נאָר אויך אין נאַטורוויסנשאַפט, געאָגראַפיע און געשיכטע. די דאָזיקע קרייז־לעך זיינען געווען אינגאַנצן איזאָלירט, די מיטגלידער זייערע זיינען גע־ווען ענלעך צו אַ מין רעליגיעזן אָרדן. אַלע דרויסנדיקע זיינען געווען פרעמד, דאָס רוב פיינדלעך.

ווען רעלאַטיווע פרייהייט האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו עפענען שולן מיט דער יידישער לערנשפּראַך, איז דאָס געווען אַ העכע־רער שטאַפּל פון אונדזער אַנטוויקלונג, מיילן ווייט פון דעם ערשטן. די שולן האָבן נאָך אויך שונאים, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי שוין אַרום זיך אַ פעסטן גאַרטל פון טויזנטער פּאַרטיידיקער.

צום ערשטן גאָרן, צו דער פאָלקס־שול, איז צוגעקומען ביי אונדז פאַמעלעך דער צווייטער — די גימנאַזיעס, די לערער־סעמינאַרן, און איצ־טער זיינען מיר אַלע עדות, ווי עס ווערט געבויט נאָך אַ העכערער גאָרן, דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

דער אינסטיטוט האָט נאָך ווייניקער געגנער איידער די יידישע עלע־מענטאַרע שולן. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. פאַקטן ווירקן בעסער ווי רייד. ניט אומזיסט האָבן מיר אין אַ שטאָטראָט געהאַט דעם סימן, אַז נאָכדעם ווי אַ גרופּע פּוילישע ראַטמענער האָט געשטימט פאַר אָן אַסיג־נירונג לטובת דעם ייוואָ, האָט זי מיט אַ קורצער צייט שפּעטער געשטימט אויך פאַר סובסידירן די אָרטיקע יידישע שול: אויב אַ פאָלק באַשאַפט אין זיין שפּראַך אַ העכערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע, פאַרוואָס זאָל עס ניט קענען האָבן אין דער שפּראַך אַן עלעמענטאַרע שול.

ווער עס שטייט פאַר דער מאָדערנער יידישער שול, דער שטייט געוויס פאַר דעם ייוואָ, אומבאַדינגט, מיט אַלע זיינע חושים. אָבער די פּראַקטיק האָט געוויזן, אַז דער ייוואָ האָט אויך אַנדערע פריינד. אַט זאָגן איינע, אַז פון יידישע שולן האַלטן זיי ניט, נאָר וויסנשאַפטלעכע אַרבעט איז זיי ליב, אפילו ווען זי ווערט געטאָן אין יידיש. אַט זאָגן אַנדערע, אַז לויט זייער מיינונג וועט יידיש אונטערגיין, נאָר דווקא איבער דעם דאַרף מען אויפהיטן און אויספאָרשן אַלצדינג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידיש־תקופה אין אונדזער געשיכטע, מיט די לעצטע טויזנט יאָר.

צי זאָל דער אינסטיטוט זיך אָפּזאָגן פון אַזוינע „באַדינגטע" פריינד?

מיר מוזן זאָגן: יעדער טוער פון אינסטיטוט מוז טאָן וועלכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ער וויל. אָבער דער אינסטיטוט, ווי אַן אינסטיטוציע, מוז שטיין אויסער דעם פּאָליטישן קאַמף.

דער וועג פון אינסטיטוט איז נאָר ממשותדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט.

אויב מען וויל קריטיקירן די ביז־איצטיקע טעטיקייט פון אינסטיטוט פאַר שלעכטע אַרטיקלען אין די „שריפטן“, פאַר ניט געלונגענע אַנקעטעס, איז דאָס אויפן פּלאַץ; אָבער ווער עס מאָנט רעזאָלוציעס, וואָס זייַנען ניט אָנגענומען געוואָרן, דער רעדט ניט אויף דער טעמע.

דעם בעסטן באַווייַז, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג, זע איך אין דעם, וואָס די גרויסע מאַסע פרייַנד און זאַמלער האָט ניט קיין תביעות צום אינסטיטוט. יעדער איינער טראָגט צו צום בנין דאָס בעסטע וואָס ער קען. און ווי אַזוי וואָלט דען געקענט זייַן אַנדערש? מיטשאַפער פון אינסטיטוט זייַנען מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און פאַרשיידענע שיכטן; אָבער ג ע נ י ס ע ר פון דער ייִוואָ־אַרבעט זייַנען טאַקע צום ווייט־גרעסטן טייל די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, וואָס יידיש איז זייער שפּראַך, די שפּראַך פון זייער קאָפּ און זייער האַרץ.

מען קען אפשר צעקריגן אַ טייל פרייַנד און זאַמלער מיטן אינסטיטוט. אויב מען זאָל אַרויס מיט אַ לאָזונג, אַז דעם אינסטיטוטס ריכטונג טויג ניט, קען מען שאַפן ביי אַ טייל פרייַנד אַ קאָנפליקט צווישן זייער אוממיטלבאַרן געפיל און זייער געזעלשאַפטלעכן געוויסן. אָבער איך גלייב ניט, אַז דאָס זאָל זיין כּדאַי און אַז עמעצער זאָל קענען דערפון פּראָפיטירן.

אַלצדינג, וואָס איך האָב געזאָגט צו דער טעמע וועגן ריכטונג און באַזיס, איז מיין אייגענע פאָרמולירונג. איך ווייס ניט, צי די אַנדערע מיטגלידער פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט שטימען איין דערמיט, אָבער לויט די א ו י ס פ י ר ן, וואָס דרינגען אַרויס פון מיינע רייד, האָט זיך געהאַלטן דער גאַנצער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון ערשטן טאָג אָן ביז היינט.

איצטער נאָך בקיצור וועגן אונדזער אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע היינטיקן פרילינג און זומער. די אַמעריקאַנער סעקציע האָט אַריינגעשיקט אַ גאַנץ גענויען נאָטאַריעל באַשטעטיקטן פינאַנץ־באַריכט, וועלכער איז אָפן פאַר אַלע דעלעגאַטן, אַזוי אַז איך פאַרשפּאָר זיך אָפּצושטעלן אויף פּרטים און קען זיך באַנוגענען מיט ראָשי־פּרקים. די קאָמפּאַניע האָט אַריינגעבראַכט ביי 14000 דאָלאַר, פון וועלכע עס איז נאָך געבליבן איינצוקאַסירן אַ 4000. קנאַפּע 3000 זייַנען אַוועק אויף הוצאות, דערפון אַ 1700 דאָלער אויף מיין נסיעה און אויפהאַלט אין אַמעריקע אין משך פון פיר חדשים. דאָס מיינט, אַז ביי פאַרענדיקן די קאָמפּאַניע האָבן מיר געקענט דיספּאָנירן מיט אַ 7000 דאָלאַר. די סומעס זייַנען געקומען פון הונדערטער מענטשן. אַ גרויסער טייל פון דעם געלט איז שוין אַוועק אויף דער בוי־אַרבעט.

אין די ערשטע וואָכן פון דער קאַמפּאַניע האָט זיך געקענט דוכטן, אַז דער מאַטעריעלער רעזולטאַט וועט זיין אַ גרעסערער, ווייל דער אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע, סיי אין ניו-יאָרק און סיי אין דער פּראָווינץ, איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך וואַרעמער. אָבער עס איז געווען אַן אָפּמישער אָפּנאַר: פון צייטונגס-אַרטיקלען אַליין ווערט קיין געלט ניט. די פריינדשאַפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין די צייטונגען איז אָבער אַ גוטע זייונג, און שניידן וועלן מיר שפּעטער, בשעת די אַרבעט פון דער אַמעריקאַנער סעקציע וועט זיך פונאַנדערוויקלען.

דעם אויסגאַנג פון דער אַמעריקאַנער קאַמפּאַניע טאָרן מיר בשום אופן ניט שאַצן בלויז לויטן פינאַנציעלן רעזולטאַט. וויכטיקער איז די פּערספּעקטיווע.

ביז דער קאַמפּאַניע איז די אַמעריקאַנער סעקציע געווען אַ לפי-ערך ענגער קרייז, אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער, וואָס צאָלן צו צען דאָלאַר אַ יאָר. די אָרגאַניזאַציע האָט ניט געהאַט אין איר רשות קיין שום טעכנישע הילפס-קרעפטן, די גאַנצע שווערע שוואַרצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע גופא, אין דער ערשטער ריי דורך דעם סעקרעטאַר פון דער סעקציע ד"ר י. שאַצקי.

אין דער קאַמפּאַניע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר דאַרפן זיך אין אַמעריקע רעכענען מיט דריי קאָנצענטרישע קרייזן. פריער גייען די ביז-איצטיקע פריינד פון אינסטיטוט, וואָס זיינען גוט געווען באַקאַנט מיט זיינע אויפטוען. אַרום זיי גייט דער צווייטער קרייז: מענטשן, וואָס האָבן ביז איצט נאָר געהאַט געהערט וועגן דעם ייוואָ מיט איין בּרעג אויער און זיינען ערשט דורך דער קאַמפּאַניע געוואָרן מער באַהאַוונט אין דער זאַך. ענדלעך גייט דער דריטער, דער דרויסנדיקסטער קרייז — די טויזנטער מענטשן, וואָס זיינען דורך דער קאַמפּאַניע צום ערשטן מאָל געוואָר גע-וואָרן וועגן דעם עצם עקסיסטענץ פון דעם אינסטיטוט.

אַן אַדעקוואַטע אונטערשטיצונג, מאָראַליש און מאַטעריעל, האָבן מיר געקענט באַקומען בלויז ביי דעם ערשטן קרייז. ער האָט דאָס טאַקע געגעבן אין דער פולער מאָס. אין דער פּעריפעריע האָבן מיר בלויז געקענט אָנקניפּן פאַרבינדונגען אויף להבא. איך בין זיכער, אַז בשעת די אַמעריקאַנער סעקציע וועט פאַרברייטערן איר טעטיקייט, וועט זי פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן גרויס נוצן.

אויפן סמך פון דער פּראַקטיק אין דער ערשטער אַמעריקאַנער קאַמ-פּאַניע אונדזערער קום איך צום באַשלוס, אַז אַן אינטערעס און אַ „באַדינגטע פריינדשאַפט" פאַר דער יידישער וויסנשאַפט וועט זיך שאַפן מיט דער צייט אַפילו אין די לאַנג-אַמעריקאַניזירטע (די אַזוי גערופענע „יאַהודישע") קרייזן. דער ביטול צו יידיש איז שוין דאָרט איצט כמעט

ווי פאַרביי. די סיבה איז אַ פּשוטע: פאַקטן אימפּאָנירן מער ווי אַלץ. פון דעם ראָזיקן אָפּשיי פאַר פאַקטן נעמט זיך, למשל, די סימפּאַטיע פון די יאַהודישע קרייזן צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַמבּאַרבאַנד, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ניט נאָר האָט דער אַגראָחזשאָינט אינוועס־טירט מיליאָנען אין דער איבערוואַנדער־אַרבעט, נאָר אַפילו אַ ספּע־ציעלע קאָלאָניע „ראָזענוואַלד" איז געגרינדעט געוואָרן אין אוקראַינע צווישן די נייע יידישע קאָלאָניעס, אויפן נאָמען פון דעם שיקאַגער מיל־יאָנער דזשוליוס ראָזענוואַלד, וועלכער האָט מנדב געווען פינף מיליאָן דאָלאַר פאַר דער קאָלאָניזאַציע. איך בין זיכער, אַז אין אַ געוויסער מאָס וועט זיך דאָס איבערחזרן אויפן פעלד פון קולטור: וואָס מער עס וועט וואַקסן די יידישע קולטור־אַרבעט בכלל, די יידישע וויסנשאַפטלעכע אַר־בעט בפרט, אַלץ מער וועט זי אַרויסרופן צו זיך רעספּעקט און אָנער־קענונג.

צוליב דער באַגרענעצטער צייט וועל איך ניט גיין אָנרופן דאָ די נעמען פון די צענדליקער מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן, וואָס האָבן ביי דער קאַמפּאַניע מיטגעהאָלפן און זיינען געבליבן וואַרעמע פריינד פון ייוואָ אויף וויימער. איך וויל נאָר באַמערקן, אַז די באַציִונגען וואָס מיר האָבן אָנגעקניפּט באַגרענעצן זיך ניט בלויז מיט דער יידישער סביבה. עס איז אונדז געראָטן אַרויסצורופן אַן אינטערעס צו אונדזער אַרבעט אויך ביי זייער אָנגעזעענע ניט־יידישע געלערנטע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז פון די פאָרשונגען אין דער ספּעציפישער יידישער סביבה קען מען אויך מאַכן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע אַלגעמיינע אויספירן אויפן פעלד פון סאָציאָלאָגיע, עקאָנאָמיק, לינגוויסטיק א. אַז״וו. די באַקאַנטשאַפט מיט די דאָזיקע קרייזן האָט באַשטעטיקט אונדזער ביז־איצטיקע פּראַקטיק אין אייראָפּע, אַז ביי ניט־יידישע געלערנטע קענען מיר אַמאָל געפינען מער פאַרשטאַנד און סימפּאַטיע פאַר אונדזער זאַך איידער ביי יידן, וואָס זיינען פאַרבלענדט פון פאָראורטיילן.

איך קען פאַרענדיקן דערמיט מיין רעפעראַט, וואָרעם וועגן די אַרבעט־פּלענער פון די איינציקע סעקציעס וועלן באַריכטן באַזונדערע רעפע־רענטן. איך וועל דעריבער מאַכן נאָר אַ פּאָר פאַרשלאָגן.

אַלע פריערדיקע צווייגן פון אונדזער אַרבעט מוזן בלייבן, מיר מוזן זיי נאָר פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן.

מיר מוזן אַרויסבראַגן אַ באַשלוס וועגן אַן אייגענעם זשורנאַל; אַ גענויען פּראָיעקט האָט פּ' רייזען פּובליקירט אין די „ליטעראַרישע בלעטער".

מיר מוזן שאַפן די לינגוויסטישע קאָמיסיע, ווי אַ נאָרמאַטיווע אינסטיטוציע פאַר דעם יידישן שפּראַך־באַנוץ.

מיר מוזן נעמען אויף זיך צו שאַפן אַ סדר אין דער יידישער אָרטאָ־

גראַפיע — דעם גייטיקן אויטאָריטעט האָט שוין דער ייוואָ. מיין פאַרשלאָג איז, אַז סוכות 1930, ביים חנוכת־הבית פון אונדזער אייגענעם בנין, זאָל פאָרקומען אין ווילנע אַן אַלוועלטלעכע אָרטאָגראַפישע קאָנפערענץ, און ביז דעמאָלט זאָלן מיר אין אַ זאַמלבוך (אָדער עטלעכע זאַמלביכער) דורכדיסקוטירן אַלע שטרייטיקע פראַגעס.

מיר מוזן עפענען אַן אינסטרוקטאָרן־קורס, כדי צו סיסטעמאַטיזירן און פאַרטיפערן די זאַמל־אַרבעט.

מיר מוזן שאַפן אַ פרעסע־ביוראָ, כדי צו האַלטן די עפנטלעכע מיינונג אין קורס פון אונדזער אַרבעט.

מיר מוזן אַרויסגעבן רעגלמעסיק אונדזערע „ידיעות“.

מיר מוזן פאַרשטאַרקן אונדזער פרעמדשפּראַכיקע פּראָפּאַגאַנדע. קודם־כל מוזן מיר אַרויסגעבן אַ פּוילישע בראָשור וועגן אינסטיטוט, דערנאָך אַ פראַנצויזישע.

מיר מוזן זען צו באַוואָרענען אונדזער בודזשעט. דאָס איז ניט שווער צו דערגרייכן ביי דער געהעריקער אַרבעט. אַ ספּעציעלע אַכט מוז געלייגט ווערן אויף דעם, אַז עפנטלעך־רעכטלעכע קערפּערשאַפטן, רעגירונגען, שטאָט־פאַרוואַלטונגען און יידישע קהילות אין אַלע לענדער פון יידישן מאַסן־יישוב זאָלן ערפילן זייער חוב לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און שטיצן די צענטראַלע יידישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע.

די אינטערעסטע שורה: מיר האָבן אויפגעטאָן פאַר די פיר יאָר צייט מער איידער מיר האָבן זיך אַליין געריכט. לאָמיר זיך ווינטשן, אַז אין דעם נאָענטסטן יאָר זאָל דער ייוואָ אויפטאָן מער איידער אין די פיר פריערדיקע.

באַריכט פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע.

די עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע סעקציע פונם ייוואָ איז געגרינדעט געוואָרן אין בערלין פרילינג 1926. אַלס אָנפירער פון דער סעקציע און רעדאַקטאָר פון די „שריפטן פאַר יידישער עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק“ איז אויסגעקליבן געוואָרן יעקב לעשטשינסקי. די סעקציע האָט אירע אויפגאַבן אַזוי פאָרמולירט:

א) זאַמלען, באַאַרבעטן און פאַרעפנטלעכן די עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען צעזייט אין די מלוכישע, קאָמונאַלע, געזעלשאַפטלעכע און אַנדערע אויסגאַבן;

ב) אָרגאַניזירן אין די גרעסערע ערטער הילף־גרופּעס און אין די קלענערע — קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע זאָלן זאַמלען ידיעות וועגן יידישן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן;

ג) זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די יידישע קהילות, עקאָנאָמישע, פּראָפעסיאָנעלע, געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטו־

ציעס און ווירקן אויף זיי, אַז אין זייערע רעגיסטראַציעס, צעטלען, פאַר־שרייבונגען וכדומה זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אַ באַשטימטער סכום אַל־געמיינע פראַגן, כדי ס'זאָלן מעגלעך ווערן פאַרגלייכונגען צווישן פאַר־שיידענע שטעט און לענדער;

ד) אָרגאַניזירן אַ סטאַטיסטיש־אינפאָרמאַטיוון אַפּטייל מיט פאָלגנ־דיקע פונקציעס: 1. אויסאַרבעטן אַנקעטעס, פרעגבוגנס וכדומה מאַ־טעריאַלן פאַר געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, וועלכע נעמען אונטער אויספאָרשונגען פון יידישן לעבן, זיי געבן די נייטיקע אָנווייזונגען און אינסטרוקציעס; 2. געבן ביבליאָגראַפישע אינפאָרמאַציע געלערנטע און שטודירנדיקע וועגן יידישע עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע פראַגן; 3. געבן סטאַטיסטישע ידיעות אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס וועגן פאַרשיי־דענע זייטן פונם יידישן לעבן;

ה) שאַפן אַ צענטראַלע עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע ביבליאָטעק און אַרכיוו.

איינע פון די ערשטע גרעסערע אַרבעטן, וואָס די סעקציע האָט דורכ־געפירט, איז געווען דאָס אויספאָרשן די לאַגע פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין פוילן. דער פירער פון דער סעקציע יעקב לעשטשינסקי האָט באַ־זוכט ווילנע, וואַרשע און ביאַליסטאָק און האָט געזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל. אונטער זיין אָנפירונג זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרן אויך אייניקע קלענערע פונקטן. ס'איז אויך געזאַמלט געוואָרן אַ רייכע ליטעראַטור וועגן דער עקאָ־נאָמישער לאַגע פון פוילן בכלל און פון דער יידישער באַפעלקערונג בפרט. אויפן סמך פון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ ווערק — אַ 10—12 דרוקבויגן — וועגן דער לאַגע פון יידן אין פוילן נאָך דער מלחמה. אַ חוץ דעם איז אויפן סמך פון אָט די געזאַמלטע מאַ־טעריאַלן אינם זשורנאַל „ווירטשאַפט און לעבן" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין ווילנע. אינם אַרכיוו ליגן נאָך זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן פון ביאַליסטאָק, וואַרשע, ברעזשין און מעזעריטש, וועלכע וועלן אינגיכן באַאַרבעט און פאַרעפנט־לעכט ווערן.

אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער אינפאָרמאַציע האָט די סעקציע פון צייט צו צייט צעשיקט קאָמוניקאַטן דער פרעסע און צו יידישע פּאָלי־טישע און געזעלשאַפטלעכע טוער (וועגן געמישטע חתונות אין אוקראַינע, וועגן יידישע אַרבעטער אין אוקראַינע, וועגן יידן אין די סאָוועטן, וועגן יידישע שולן אין רוסלאַנד, וועגן דער אַרבעטסלאָזיקייט אין ביאַליסטאָק וכדומה). פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געווענדט מיט אָנפראַגן און באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן פאַרשיידענע זייטן פונם יידישן לעבן אין אַלערליי לענדער. אַזוי האָט די סעקציע צונויפגעשטעלט פיר פרעג־בויגנס פאַר אַן אויספאָרשונג פונם יידישן האַנטווערק אין לעטלאַנד. פאַרן

„אָרט" אין ריגע, פאַרן „אָרט" אין ווילנע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן זעקס פּרעגבויגנס פאַר אַן אויספאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין די שטעטלעך; פאַר „אָזע" אין בערלין זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן טאַבעלעס וועגן פאַרשיידענע קראַנקייטן ביי יידן און וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון די יידישע רעקרוטן אין אוקראַינע; דעם „הילפס־פעראיין דער דויטשען יודען" אין בערלין איז געגעבן געוואָרן אינפאָרמאַציע וועגן געמישטע חתונות און שמדן ביי יידן אין דייטשלאַנד פאַר אַ ריי יאָרן ביז 1925, וועגן דער צאָל יידישע סטודענטן אין די דייטשע אוניווערסיטעטן פאַר די לעצטע יאָרן; דעם געאָגראַפישן אינסטיטוט ביים אוניווערסיטעט אין לידס (ענגלאַנד) זיינען געגעבן געוואָרן מאַטעריאַלן וועגן דער געאָגראַפישער פאַרטיילונג פונם יידישן פאָלק, וועגן קאָנצענטראַציע־טענדענצן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע לענדער און וועגן דער אינעווייניקסטער איבערוואַנדערונג אויף דער טעריטאָריע פון געוועזענעם רוסלאַנד אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה און פון די רעוואָלוציעס; און נאָך און נאָך. אויך פּריוואַט־פּערזאָנען, ווי געלערנטע און שטודירנדיקע האָבן זיך אָפט געווענדט מיט אָנפראַגעס וועגן יידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פאַר זייערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, דאָקטאָר־אַרבעטן וכדומה.

האַרבסט 1928 איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון די „שריפטן פאַר יידישער עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק". די „שריפטן" זיינען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דער יידישער עפנטלעכקייט און געפונען זייער אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין פאַרשיידענע פּרעסע־אָרגאַנען. (גר. אָראַנסאָן אין „ביכער־וועלט", פּרץ ווערניק אין „מאָרגן־זשורנאַל" און אַ סך אַנד.) אויך די יידיש־דייטשע פּרעסע האָט זיך מיט סימפּאַטיע אָפּגערופן (למשל, „דאָס יודישע עכאָ", „צייטשריפט פיר יודישע וואָהלפאַהרטספּלעגע" א. אַנד.). און ניט נאָר אין דער יידישער, — אויך אין דער אַלגעמיינער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור איז דער באַנד „שריפטן רעצענזירט געוואָרן. אַזוי האָט ד"ר א. רופּין פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע רעצענזיע אינעם „אַלגעמיינעם סטאַטיסטישן אַרכיוו".

די אַרבעט פון דער סעקציע איצט איז קאָנצענטרירט אויף צוגרייטן דעם צווייטן באַנד „שריפטן", פאַר וועלכן ס'זיינען שוין פאַרטיק אַ ריי אַרבעטן אויף פאַרשיידענע געביטן. אַזוי וועלן אינם צווייטן באַנד, וועלכער וועט אינגיכן געגעבן ווערן אין דרוק, צווישן אַנדערע פאַרעפנטלעכט ווערן פאָלגנדיקע גרעסערע אַרבעטן:

י. לעשטשינסקי. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם דייטשן יידנטום אינם לעצטן יאָרהונדערט. — דר. ד. בעקער. פּסיכישע קראַנקייטן ביי יידן אינם ליכט פון נייע פאָרשונגען. — י. באָרנשטיין. א) סטאַטיסטיק פון דער צאָל האַנטווערקער אין פּוילן. ב) דער בערשטער־פאַך אין

פוילן. ג) די יידישע קאָנפעקציע־בראַנזשע אין פוילן. — ב. ברילינג. די סטאַטיסטיק פון די יידן אין שלעזיע. — פראָפ. ב. ברוצקוס. די ווירט־שאַפטלעכע און סאָציאַלע פראַגן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. — דר. מ. גאָלאַנדסקי. א) צי קאָן זיך פּאַרגרעסערן דער יידישער קיבוץ אין לעטלאַנד? ב) די יידן אין סקאַנדינאַוויע. — י. גרינ־בוים. די שטייערן־עקספּלואַטאַציע פון די יידן אין פוילן. — פּראָפ׳ ל. הערש. די באַפעלקערונג־באַוועגונג ביי די פוילישע יידן נאָך דער מלחמה. — י. קלינאָוו. יידן אין דער אַלגעמיינער פרעסע און פּאָליטיק. — פ. קאָן. א) יידישע בעלי־מלאכות אין ווילנע אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. ב) דער יידישער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט אינם שטעטל מיר. — דר. ה. לאַנדוי. א) דער אַנטייל פון יידן אין דער רוסישער נאַפט־פּראָדוקציע און האַנדל. ב) יידן אינם באַנקוועזן. — דר. י. ליפּאָווסקי. די סך־הכּלען פון דער דזשווינט־אַנקעטע אין פוילן. — דר. ר. מאַהלער. די יידן אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט אין יאָר 1764/5. — מ. נעמיראָווסקי. דער יידישער שטאָטישער אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל. — דר. ע. רינגעלבלום. די תקנות פון דער „חברה חייטים" אין פּלאָצק אין יאָר 1798. — דר. צ. שאַבאַד. די שטאַרבלעכקייט ביי ווילנער יידן פון טובערקולאָז און פון ראַק פאַר די לעצטע 18 יאָר. — דר. י. שיפּער. דער בודזשעט פון דער אַלטער פוילישער קהלה אויפן סמך פונם דראָביטשער פּנקס. — דר. ק. פּאָרנ־בערג. די טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון יידישע צדקה־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע. — דר. נ. גערגעל. די יידישע שול אין סאָוועט־רוס־לאַנד. — י. קאָראַלניק. די יידן אין אונגאַרן לויט דער לעצטער ציילונג. — דר. י. שאַצקי. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פוילן פאַרן אויפשטאַנד פון 1863. — א. מענעס. די פּרווּ אין יידישן עקאָ־נאָמישן לעבן.

אויסערדעם וועט אינם באַנד פאַרעפנטלעכט ווערן אַ סך מאַטער־יאַל אין פאָרם פון כראָניק און נאָטיצן, ביבליאָגראַפיע אאַז״וו.

ס׳איז שוין אויך געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט צו אַן עקאָנאָ־מיש־סטאַטיסטישער ביבליאָטעק און אַרכיוו. די סעקציע האָט איבערגע־נומען דעם אַרכיוו פון די „בלעטער פאַר דער יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק", וועלכער איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן פון די „בלעטער" און פון אַ גאַנצער ריי מאַטער־יאַלן און מאַנוסקריפּטן, למשל: די ציילונג פון די יידישע קהלות אין לעטלאַנד אין 1921, די אינדוסטריעלע ציילונג אין ריגע אין 1925 א. אנד. אין דער לעצטער צייט זענען צוגעקומען די אַנקעטע פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" אין פוילן, די מאַטער־יאַלן איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין פוילן, חורבן ווילנע

א. אנד. די סעקציע זוכט ארויס און שרייבט אפ סיסטעמאטיש אלע יידישע ציפערן פון די אלגעמיינע סטאטיסטישע אויסגאבן, און אזוי ארום איז געבילדעט געווארן א רייכע קארטאטעק מיט סטאטיסטישע מאטעריאלן וועגן דער יידישער באפעלקערונג אין דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד, לעטלאנד, ליטע, בולגאריע, רומעניע, שווייץ, פוילן און א סך אנדערע, וועלכע נעמען ארום פארשיידענע זייטן פונעם יידישן לעבן. די סעקציע פארמאגט א גאנצע רייע אויסגאבעס, למשל, די גאנצע פוילישע ציילונג פון 1921, 17 בענד פון דער רוסישער ציילונג אין 1926, כמעט אלע אויסגאבן פונם אוקראינישן סטאטיסטישן אמט, סטאטיסטישע יארביכער פון לעטלאנד, ליטע, רומעניע א. אנד.

א ווארט צום באריכט פון דער עקאנאמיש-סטאטיסטישער סעקציע באקומט

י. לעשטשינסקי (א. ק.). פון קיין סעקציע פאדערט מען נישט אין אזא מאס קיין ענטפער אויף טאגטעגלעכע פראגעס פון יידישן לעבן, ווי פון דער עקאנאמיש-סטאטיסטישער. עס איז טאקע איר דירעקטע אויפגאבע צו באלייכטן וויסנשאפטלעך דאס יידישע מאסן-לעבן. אונדזער סעקציע האט דאס ביז אהער נישט געקענט טאן אין פולן פארנעם. די סיבות זיינען קלאר. ראשית, ווייל דער צענטראלער ארט פון אונדזער סעקציע איז בערלין, און נישט קיין ארט פון א קאמפאקטן יידישן ישוב. והשנית, בכדי צו ארגאניזירן די אויספארש-ארבעט, אדער אפילו אויסנוצן און באארבעטן סטאטיסטישן מאטעריאל פון אלגעמיינע ציילונגען, באדארף מען האבן גרויסע געלט-פאנדן, און דאס האבן מיר ביז אהער נישט געהאט. און איצט, אויב מיר ווילן אוועקשטעלן ווי עס געהער צו זיין די ארבעט פון דער עק.-סטאט. סעקציע, באדארפן מיר טראכטן קודם-כל, ווי אזוי צו שאפן די נייטיקע געלט-מיטלען. אויף אויסצופירן די דאזיקע ארבעט דארפן ארגאניזירט ווערן טעטיקע צענטראלע לאנד-קאמיסיעס אין פוילן, רומעניע, לעטלאנד, ליטע, וואס זאלן אוועקשטעלן די ארבעט אויף די ערטער. זיי מוזן זיך פארבינדן מיט די יידישע געזעלשאפטלעכע אוןווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס, וואס זיי זיינען אין זייער פראקטישער ארבעט פאראינטערעסירט מיט די רעזולטאטן פון אונדזערע וויסנשאפטלעכע אויספארשונגען. די אנגערופענע ארגאניזאציעס קענען אויך זיכערן דעם בודזשעט פון דער סעקציע. די לאנד-קאמיסיעס קענען מאכן סטאטיסטישע אויספארשונגען אין איין צווייג פון ווירטשאפטס-לעבן פון זייער לאנד, אדער איבער דעם ווירטשאפטס-לעבן פון א געוויסער געגנט אדער פון טיפישע פונקטן: א גרויסע שטאט, א מיטעלע שטאט, א קליין שטעטל. צוליב די דאזיקע פארשונגען איז נישט אלע מאל נייטיק אן אייגענע ציילונג. אוצרות מאטעריאל קען מען איצט געפינען אין די אלגעמיינע סטאטיסטישע אמטן פון דער מלוכה, פון דער שטאט-פארוואלטונג, פון

די קראַנקען־קאַסעס אאַז״וו. די אָפיציעלע סטאַטיסטישע אַמטן זיינען שטענדיק גרייט צו לאָזן אויסנוצן זייער מאַטעריאַל. לויט דער אינציאַטיווע פון דער סעקציע האָט די „אַקאַדעמיע פיר די וויסנשאַפט דעם יודענטומס״ אין בערלין גענומען אויף זיך צו באַאַרבעטן דעם יידישן מאַטעריאַל פון די פאָלקס־ציילונגען אין דייטשלאַנד. בכלל, זאָלן נאָר זיין די געלט־מיטלען, וועט מען קענען אַ סך אויפטאָן פאַר דער באַלויכטונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן, און ממילא אויך פאַר דער באַשטימונג פון די מיטלען, ווי אַזוי זי אויצובעסערן.

באַריכט פון דער היסטאָרישער סעקציע.

די היסטאָרישע סעקציע האָט זיך געגרינדעט דעם 31טן אָקטאָבער 1925 אין בערלין, אויף אַ זיצונג אונטער דעם פאָרזיץ פון פראָפ׳ ש. דובנאָוו, מיטן אָנטייל פון ד״ר מ. ווישניצער, יעקב לעשטשינסקי, א. משעריקאָווער, ב. צ. כ״ץ, א. מענעס און נ. שטיף. דער אַרבעטס־פּלאַן, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אויף דער זיצונג דורך דעם באַריכט־אָפּגעבער א. טשעריקאָווער, האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע פּראָגראַם פון דער אַרבעט אויף דער נאָענטסטער צייט: 1) באַשרייבונג פון אַרכיוון, 2) היסטאָרישע ביבליאָגראַפיע, 3) היסטאָרישע פאָרשונגס־אַרבעטן, 4) רעפעראַטן אויף היסטאָרישע טעמעס, 5) צוגרייטן דעם ערשטן באַנד פון די היסטאָרישע שריפטן. אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער סעקציע איז באַשטעטיקט געוואָרן א. טשעריקאָווער, ערן־פאָרזיצער פון דער סעקציע איז אויסגעוויילט געוואָרן ש. דובנאָוו.

אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1926 זיינען אייגעאָרדנט געוואָרן אין בערלין צוויי רעפעראַטן אויף היסטאָרישע טעמעס („היסטאָרישע מיטטיילונגען״). נ. שטיף האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „אַ פּרוּוו פון אַ יידישן טעאַטער אין באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר אין יאָר 1854 (דער יידישער טעאַטער פאַר גאָלדפאַדענען)״ און א. טשעריקאָווער האָט מיטגעטיילט וועגן אַ ריי ניט־פאַרעפנטלעכטע אַרכיוו־דאָקומענטן. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ וויסנשאַפטלעכער דיספוט צווישן נ. שטיפן און א. טשעריקאָווער אויף דער טעמע: „די משכילים, די רוסישע רעגירונג און די יידישע מאַסע״.

די הויפּט־אַרבעט פון דער סעקציע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער צוגרייטונג פון דעם באַנד „היסטאָרישע שריפטן״, וועלכע האָט אָפּגענומען איבער צוויי יאָר צייט. אַדאַנק דעם באַנד איז אויך געלונגען אַריינצובאַקומען אַ ריי היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די אַרטיקלען.

ביז סוף דעצעמבער האָט די סעקציע — אויסער דער אַרבעט אַרום דעם באַנד — פּאַקטיש ניט עקסיסטירט. אין דעצעמבער 1928 איז צונויפ־גערופן געוואָרן אַ זיצונג מיטן צוועק צו בילדן אַ גרופּע אַרום דער סעקציע. פּאָלגנדיקע פּערזאָנען נעמען איצט אַן אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער סעקציע: ד"ר י. ברוצקוס, ד"ר חיים באַראַנסקי, ד"ר י. גראַדזענסקי, א. טשעריקאָווער, י. לעשטשינסקי, א. מענעס, ה' סיסטער, פּרל' ד"ר פּאַץ; אַלס גאַסט האָט אָנטייל גענומען אויך זלמן רובאַשאָוו. עס ווערן אויך צו־געצויגן אַ ריי יונגע היסטאָריקער פון דער שטודירנדיקער יוגנט.

די אַרבעט פון דער באַנייטער סעקציע איז געפירט געוואָרן אין צוויי ריכטונגען.

1) עס ווערן איינגעאָרדנט וויסנשאַפטלעכע מיטטיילונגען פון דער סעקציע. אַזעלכע מיטטיילונגען זיינען ביז אָנהייב מערץ 1929 פאָרגעקומען דריי: 1) א. טשעריקאָווערס מיטטיילונג וועגן אייניקע דאָקומענטן פון די רוסישע אַרכיוון; 2) דעם זעלביקנס פּאָרטראָג „העברעיש און יידיש אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיט 50 יאָר צוריק (ליבערמאַן און זיין עפּאָכע)"; 2) פּרל' ד"ר פּאַץ — „צו דער געשיכטע פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און איר באַציִונג צום יידישן פּראָבלעם". די מיטטיילונגען האָבן אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטן אינטערעס; צו פּרל' פּאַצס פּאָרטראָג זיינען געקומען אייניקע אוקראַאינער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע.

2) עס ווערן איצט דורכגעפירט פּאָלגנדיקע אַרבעטן: א) ביב־ליאָגראַפיע פונם מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון די יידן אין רוס־לאַנד, וואָס געפינט זיך אין דער דייטש־יידישער פּרעסע, אָנגעהויבן פון די 30סטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דערווייל זיינען אויספירלעך באַאַרבעט געוואָרן עטלעכע יאָר פון דער „אַלגמיינער צייטונג דעס יודענטומס". די ביבליאָגראַפיע ווערט אַריבערגעטראָגן אויף ספּעציעלע קאַרטלעך, מיט גענויע אָנווייזונגען פון כאַראַקטער פון אַרטיקל (אָדער נאָטיץ) און דער גרייס. די דאָזיקע נאָטיצן אין ידיעות וועלן אויך בהדרגה איבערגעשריבן ווערן, אַזוי אַז עס וועט זיך אָנזאַמלען אַ ווערט־פולער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון די רוסישע יידן. כדי צו באַווייזן, ווי גרויס ס'איז דער מין מאַטעריאַל ווילן מיר דאָ באַמערקן, אַז נאָר פאַר די יאָרן 1841—1842 האָבן מיר נאָטירט 6600 שורות מאַטעריאַל.

ב) ביבליאָגראַפיע פון דער ליטעראַטור אין דייטש און אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט (ביכער, בראָשורן) וועגן די יידן אין רוסלאַנד און פּוילן.

ג) אַרויסגעפינען און באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל פון דער ליטע־ראַטור און פון די אַרכיוון וועגן געוויסע תקופות, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון מזרח־יידן, צום ביישפיל: וועגן דער דייטשער אָקו־פּאַציע פון צפון־פּוילן אין 1795—1808, וועגן דער טראַנסמיגראַציע פון די רוסישע יידן דורך דייטשלאַנד נאָך די פּאָגראָמען פון די 80קער יאָרן, ליבערמאַנס פּראָצעס אין בערלין אין אַפּריל 1879 און אַנד. די סעקציע האָט אַסיגנירט קליינע סכומים אויף די נייטיקע הוצאות ביי אַזעלכע אויס־פאָרשונגען.

ד) די סעקציע האָט אויך אָנגעהויבן אַליין זאַמלען היסטאָ־רישן מאַטעריאַל. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ספּעציעלער אויפרוף צו די דייטשע יידן וועגן צושיקן דאָקומענטן און אַלטן פאַמיליען־מאַטעריאַל, דערוויילע האָבן מיר שוין אַריינבאַקומען פאַר דער סעקציע אַ ריי אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן. עס איז געשאַפן געוואָרן אין בערלין אַ ספּעציעלע זאַמל־קאָמיסיע.

די סעקציע האָט אויך באַשלאָסן צו באַוועגן די יידישע סטו־דענטן, אַז ביי די דאָקטאָר־אַרבעטן זאָלן גענומען ווערן יידישע טעמעס, אין אויסהעלפן מיט די נייטיקע אָנווייזונגען און מאַטעריאַלן.

די סעקציע האָט אָנגעמערקט די צוגרייטונג פון אַ צווייטן באַנד היסטאָרישע שריפטן און אויך פון אַ ריי היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, וואָס די סעקציע האַלט פאַר באַזונדערס וויכטיק.

•

נאָך מערץ 1929 האָט די סעקציע געהאַט עטלעכע זיצונגען.

אויף איינער האָט ד״ר י. ברוצקוס געמאַכט אַ וויסנשאַפטלעכע מיטטיילונג „די יידן בימי וויטאָווט אין ליטע (ענדע 14טן יאָרהונדערט)", אויפן סמך פון נייע מאַטעריאַלן.

עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ סובסעקציע פאַר אַלט־געשיכטע און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צוליב דוחק אין קרעפטן די פראַגע אָפּלייגן. א. מענעס האָט איבערגענומען צוצושטעלן אַ פּראָיעקט וועגן אַרויסלאָזן אַ ספּעציעלן באַנד וועגן דער אַלט־יידישער געשיכטע (ביבלישע תקופה און פריער מיטלעלטער).

עס איז אויך געקומען אַ פאָרשלאָג וועגן גרינדן אַ סובסעקציע פאַר געשיכטע־פילאָזאָפישע פראַגן. אָבער היות ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויך אויף דעם געביט אַ דוחק אין קרעפטן, איז באַ־שלאָסן געוואָרן איצט אַזאַ סובסעקציע ניט גרינדן.

פרל' פּאַץ איז באַאויפטראָגט געוואָרן אויפצוגעפינען אין די בער־לינער אַרכיוון מאַטעריאַל וועגן דעם פּראָצעס פון אַהרן ליבערמאַן אין

בערלין אין 1879. לײדער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז באַקומען אַ צו־טריט צו די מאַטעריאַלן אין אַרכיוו איז זײער שווער.

עס איז פאַרגעזעצט געוואָרן די היסטאָריש־ביבליאָגראַפישע אַרבעט.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו אַקצעפטירן דעם פאָרשלאַג, וואָס פראָפ. באַלאַבאַן האָט געמאַכט, וועגן אַרויסלאָזן זיין היסטאָרישע ביב־ליאָגראַפיע פאַר די לעצטע 25 יאָר.

די סעקציע האָט אויך באַקומען פון ח. לונסקי פון ווילנע אַ פאָר־שלאָג אָפקאָפירן אַ רײ פנקסים פון חברות (אין ווילנע). ער האָט צוגע־שיקט אַ מוסטער פון אַזעלכע אָפקאָפירטע פנקסים.

די סעקציע האָט אויך באַקומען אַ בריוו פון אַ גרופע סטודענטן אין פראָג, וואָס אינטערעסירן זיך מיט געשיכטע און זיינען גרייט צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר דער סעקציע.

די סעקציע האָט אויך באַקומען פון אַ גרופע אַקאַדעמיקער אין גענט, בעלגיע, אַ באַאַרבעטן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יידן אין גענט אין די יאָרן 1792—1830.

אַ רײ סטודענטן און יונגע געלערנטע פון פאַרשיידענע פונקטן האָבן זיך געווענדט צו דער סעקציע וועגן אָנווייזונגען. די אָנווייזונגען זיינען געגעבן געוואָרן פון פאַרשיידענע מיטגלידער פון דער סעקציע.

די סעקציע האָט אַריינבאַקומען פון דער אַלמנה פון ד״ר ברענדער דעם אַרכיוו פון סקאַנדינאַווישן הילפס־קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון מלחמה און פאָגראָמען (קאָפענהאַגען) — זייער אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן דער יידישער לאַגע און הילפס־טעטיקייט אין צייט פון מלחמה און פאָ־גראָמען. דער אַרכיוו ווערט איצט געבראַכט אין אָרדענונג. די דרוקזאַכן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין אַרכיוו, זיינען איצט אַריבערגעשיקט גע־וואָרן קיין ווילנע.

די גאַנצע אַרבעט פון דער סעקציע האָט ניט געטראָגן קיין סיסטע־מאַטישן כאַראַקטער, ווייל די סעקציע האָט ניט קיין סעקרעטאַר, וואָס זאָל אויספירן די אַרבעט, און האָט אויך ניט געהאַט קיין מיטלען.

פאַרן צווייטן באַנד היסטאָרישע שריפטן האָבן זיך שוין באַקומען עטלעכע אַרטיקלען אין אַ רײ פאָרשלאָגן, דער צווייטער באַנד ווערט פראָ־יעקטירט אַלס „דובנאָוו־באַנד״ געווידמעט דובנאָוון צו זיין 70־יאָריקן יובל. די פראַגע וועגן דעם, ווען דער באַנד וועט דערשיינען, קען נאָך אָבער איצט ניט באַשלאָסן ווערן ענדגילטיק.

די סעקציע טרעט קאָנקרעט צו צו דער „געשיכטע פון חסידיזם״ פון ש. דובנאָוו, וועלכע דערשיינט גלייכצייטיק אין יידיש, העברעיש און דייטש. דאָס ווערק וועט האַלטן 40—50 דרוקבויגן (2 אָדער 3 בענד).

אויסער דער צענטראַלער היסטאָרישער סעקציע (בערלין) האָבן זיך געבילדעט היסטאָרישע קאָמיסיעס אין ווילנע און וואַרשע.

די קאָמיסיע אין ווילנע האָט אָנהייב 1927 אויסגעאַרבעט און פאַרעפנטלעכט אַן אַנקעטע צו די יידישע קהלות און אויך אָנווייזונגען ווי אַזוי צו קאָפּירן פּנקסים און אַלטע דאָקומענטן. צו דער ווילנער קאָמיסיע האָבן געהערט: י. טשערניכאָוו, ע. רינגעלבלום, פּ. כאַן און אַנד. די קאָמיסיע האָט אָבער לאַנג ניט עקסיסטירט. עס האָט נאָר געאַרבעט אַ סובקאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ זייער אויספירלעכע אַנקעטע וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. די אַנקעטע איז שוין איצט פאַרטיק. די סובקאָמיסיע איז באַשטאַנען פון: מ. יעווזעראָוו, ש. באַסטאַמסקי, אַ. קרעמער, ד. אידעלסאָן, אַננאַ ראָזענטאַל און י. פלודערמאַכער.

די היסטאָרישע קאָמיסיע אין וואַרשע האָט זיך געגרינדעט ערשט סוף 1928. אין דער קאָמיסיע זיינען אַריין די מיטגלידער פון סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע ביי דעם ייד. אַקאַדעמישן היים. די קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע זיצונגען, איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע מיט דער באַטייליקונג פון א. טשעריקאָווער, ד״ר שיפּער, ד״ר רינגעלבלום און ל. צאַמבער. די קאָמיסיע האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון איר טעטיקייט: 1) אויפן געביט פון ביבליאָגראַפיע פאַר דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן 2) פון אַרויסגעבן היסטאָרישע זאַמלביכער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע.

צוזאַמען מיט: 1) דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט ביי יידן, 2) יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדוויסנשאַפט, 3) צענטראַלע פון די אַקאַדעמישע לאַנדקענטשאַפט-קרייזן און דעם צ״ק פון די אַקאַד. פאַראיינען איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע קאָמיסיע פאַר אויספאָרשן די יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פּוילן. די קאָמיסיע האָט איינגעאָרדנט 1) אַ חודשדיקן קורס פאַר קאָנסערוואַטאָרן און אַרכיוויסטן; לעקטאָרן זיינען געווען: ד״ר שיפּער, פּראָפ. באַלאַבאַן, ש. זאַיטשיק, ח. הערשטיין און י. מ. ניימאַן. דעם קורס האָבן באַזוכט 25 פּערזאָנען (אַקאַדעמיקער, זאַמלער, מיטגלידער פון דער לאַנדוויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט); 2) אָפּגעהאַלטן צוויי וויסנשאַפטלעכע זיצונגען וועגן אַלטערטימלעכקייטן אין אַ ריי אַלטע יידישע שטעט אין פּוילן; 3) די קאָמיסיע גרייט איצט צו אַן עקספּעדיציע אויף אויספאָרשן די יידישע אַלטערטימלעכקייטן פון לובלינער קאַנט.

צום באַריכט פון דער היסטאָרישער סעקציע באַקומט דאָס וואָרט א. טשעריקאָווער (אַ. ק.) די היסטאָרישע סעקציע פון ייוואָ אונטערשיידט זיך אין איר אַרבעט פון אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס פאַר-

נעמען זיך מיט פאָרשן די יידישע געשיכטע, ניט נאָר לויט איר שפּראַך; אויך דער היקף און די מעטאָדע פון דער אַרבעט מוזן זיין ביי איר אייגענע. קודם=כל: פון וואָסער תקופה הויבן מיר אָן פאָרשן? פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע געשיכטע איז איין גאַנצהייט און מען קען ניט באַגרענעצן זיך נאָר מיט דער נייערער צייט. מיר וועלן אַרומנעמען אַלע תקופות. מיר קענען זיך ניט זאָגן, אַז די אַלטע געשיכטע, אַ שטייגער, ווערט שוין באַזאָרגט פון אַנדערע. די מעשה דערפון איז, וואָס אין די פריערדיקע פעריאָדן פון דער יידישער געשיכטס=פאָרשונג איז די יידישע געשיכטע אַרויסגעקומען אַן אַרומגעשאָרענע, און דערפאַר אַן איינזייטיקע. זי דערציילט נאָר וועגן רבנים און ספרים און פורעניות — זי שילדערט ניט דאָס פאָלקס=לעבן. מוזן דעריבער אַלע ביז איצטיקע געשיכטס=ווערק רעווידירט ווערן לויט דער נייער געשיכטלעכער מעטאָדע. אויך די ביבל=פאָרשונג דאַרפן מיר אַריינגעמען אין קרייז פון אונדזער אַרבעט.

אָבער אין דער נאָענטסטער צייט שטעלט זיך אַן ענגערע אויפגאַבע, וואָס מיר זיינען צו איר בעסער צוגעגרייט, און מיר קענען אין איר ביי היינטיקן טאָג אויפטאָן מער, ווי עמעצער אַנדערש. דאָס איז די לעצטע תקופה פון דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח=אייראָפּע, זייערע פרנסות, זייער קאַמף פאַר רעכט, זייער קולטור=אַנטוויקלונג. דאָ שטייען מיר צום נאָענטסטן צו די קוואַלן פון דער דאָזיקער געשיכטע, מיר אַליין טראָגן נאָך אויף זיך אירע לעבעדיקע רעזולטאַטן, מיר קענען בעסער ווי אַנדערע צוקומען צו די מאַטעריאַלן. אויך האָבן מיר אין אונדזערע רייען פאָרשער, ווי דובנאָוו און שיפּער, וואָס האָבן די ערשטע אויפגעהויבן דעם שלייער פון דער דאָזיקער תקופה.

קאָנצענטרירן מיר דערווייל די אַרבעט פון דער היסטאָרישער סעקציע: אויסצופאָרשן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין מזרח= און מיטל=אייראָפּע פון מיטלאַלטער ביזן 19טן יאָרהונדערט. די אַרבעט פון זאַמלען מאַטעריאַל דאַרף גיין מיטן זעלביקן וועג, ווי די אַרבעט פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע. מען באַדאַרף זיך ווענדן צו זאַמלער, זיי זאָלן צושיקן מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ היסטאָרישן ווערט. מיט 30 יאָר צוריק האָט דובנאָוו זיך געווענדט צום עולם מיט אַן אויפרוף אים צוצושטעלן היסטאָרישע מאַטעריאַלן, און ער האָט אויפגעקליבן אַ ווערטפולן אַרכיוו, וואָס איז איינער אין דער וועלט. מיר קענען נאָך איצט אויפווייזן אויף די רעזולטאַטן פון דער וועלט=מלחמה, וואָס האָט צעגישטעוועט אַן אַ שיעור היסטאָרישן מאַטעריאַל. אין ייוואָ וועלן אַלע די דאָזיקע מאַטעריאַלן אָפּגעהיט ווערן. עס דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן אַ רשימה פון פּנקסים; מען דאַרף איבערשרייבן די פּנקסים, ווי ווייט מען קען די אָריגינאַלן ניט קריגן; עס דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן אַ רשימה פון דער רבנישער ליטעראַטור, ספּעציעל שאלות ותשובות, אויף אַרויסצונעמען

דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, אויסשרייבן די געהעריקע ערטער. ווייטער איז פאַראַן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט פון אָפּשרייבן דעם יידישן מאַטעריאַל פון די אַלגעמיינע מלוכישע און שטאָטישע אַרכיוון. צוליב די נוצן פון די ברייטע מאַסן, פאַר שול און זעלבסטבילדונג, לייגט די סעקציע פאָר, לויט דער איניציאַטיווע פון דובנאָוו, אַרויסצוגעבן אַ כרעסטאָמאַטיע פון היסטאָרישע מקורים אין יידיש. די כרעסטאָמאַטיע דאַרף באַשטיין פון 4 טיילן: I — די ביבלישע תקופה און די העלעניסטיש-רוימישע, II — מיטלעלטער — ביזן 16טן יאָרהונדערט, III — ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; IV — ביז דער נייסטער צייט. אַ ווייטערער שריט פון דער היסטאָרישער סעקציע איז אַרויסצוגעבן מאָנאָגראַפיעס פון דער יידישער געשיכטע. פאַר דער ערשטער אַרבעט פון דעם מין איז אַקצעפּטירט דובנאָווס „געשיכטע פון חסידות”, וואָס ער גרייט איצט צו אינטענסיוו צום דרוק.

באַריכט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע.

אין דער פאָרמולירונג פון די צילן און וועגן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז „דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט דאַרף זיין דער צענטער פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין יידיש, און אין דער ערשטער ריי — די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר דער פאָרשונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור”. איז דאָך די עצם אידעע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אויפגעקומען קודם-כל אַדאַנק דעם דראַנג צו אָרגאַניזירן די פאָרשונגס-אַרבעט אויפן געביט פון דער יידישער פילאָלאָגיע, אַן אַרבעט, וועלכע איז אין משך פון די לעצטע יאָרן ביזן אינסטיטוט געטאָן געוואָרן פון אַ ריי פאָרשער אין וויסנשאַפטלער מיט גאַנץ ממשותדיקע רעזולטאַטן, אָבער אָן דעם געהעריקן קאָנטאַקט צווישן אַנאַנד. די אַרבעט אויף דעם געביט פון דער יידישער פילאָלאָגיע איז דעריבער געשטאַנען ווי אַ צענטראַלע אויפגאַבע זינט דער גרינדונג פון ייוואָ.

די פאָרבאַראַטונג וועגן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין בערלין פון 7—12 אויגוסט 1925, וועלכע האָט אָנגענומען דעם אַרבעטספּלאַן פאַרן ייוואָ, האָט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע סעקציעס אויך געשאַפן די פילאָלאָגישע און אַלס סעקרעטאַר פון דער סעקציע אויסגעוויילט ד״ר מ. ווינרייך; זי האָט אויך באַשלאָסן צו בילדן ביי דער פילאָלאָגישער סעקציע אַ קאָמיסיע פאַר דער רעגיסטראַציע פון דער יידישער בוך-פּראָדוקציע, אַ קאָמיסיע פאַר אויסלייגן און אַ צענטראַל-פּונקט פאַר זאַמלען דעם יידישן פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל. די אַרבעט פון דער קאָמיסיע פאַר ביבליאָגראַפיע (ביבליאָגראַפישע צענטראַלע) און פון דער

עטנאָגראַפישער קאָמיסיע איז זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז זי האָט אַבסאָרבירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער סעקציע, ביז זיי האָבן געמוזט אויסגעטיילט ווערן ווי באַזונדערע, זעלבשטענדיקע און גאָר וויכטיקע צווייגן פון דער ייוואָ־טעטיקייט, בלויז אין אַ לויזן קאָנטאַקט מיט דער פילאָלאָגישער סעקציע. אַזוי־אַרום איז פאַר דער סעקציע גופא געבליבן אַן ענגערער טעטיקייטס־געביט, אָבער אויך אַ גענוג ברייטער און וויכטיקער: רעגולירן די יידישע אויסלייגונג, שאַפן אַ לינגוויסטישע קאָמיסיע, אַרבעטן אויפן געביט פון דער יידישער טערמינאָלאָגיע, אַרויסגעבן די שריפטן פון דער סעקציע.

ליידער איז אויף די אַקטיווע טוער פון דער פילאָלאָגישער סעקציע געפאַלן די הויפט־לאַסט פון דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פאַרן ייוואָ און דעריבער האָט די סעקציע ניט געקאָנט אַנטוויקלען אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט צו רעאַליזירן אירע אָנגעמערקטע פּלענער.

אויפן אַרויסגעבערישן געביט רעפּרעזענטירט זיך די אַרבעט פון דער סעקציע דורך די דריי בענד „פילאָלאָגישע שריפטן" (איבער 105 דרוקבויגן). אין די 3 בענד זיינען אָפּגעדרוקט 122 אַרטיקלען און נאָטיצן אויף די געביטן פון ליטעראַטור־געשיכטע, פאָלקלאָר, לעקסיקאָלאָגיע און עטימאָלאָגיע, דיאַלעקטאָלאָגיע, וואָרטבילדונג און סינטאַקסיס, פאָנעטיק, געשיכטע פון דער יידישער פילאָלאָגיע, ביבליאָגראַפיע — פון 64 מחברים, ד"ה במעט פון אַלע יידיש־פילאָלאָגן, סיי פון די וואָס שרייבן אין יידיש, סיי פון די, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט יידישיסטיק אויף פרעמדע שפּראַכן. אייניקע פון דער לעצטער קאַטעגאָריע האָבן אין די „שריפטן" אויך אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש. אייניקע יונגע פאָרשער האָבן אין די „שריפטן" געהאַט זייער דעביוט.

די „פילאָלאָגישע שריפטן" זיינען אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר מ. וויינרייך און ז. רייזען, טיילווייז אויך פון נח פּרילוצקי.

דורך די „פילאָלאָגישע שריפטן" זיינען בכלל צוגעצויגן געוואָרן צו דער מיטאַרבעט פון ייוואָ אַזוינע וויסנשאַפטלער, וואָס זיינען ביז־אַהער געשטאַנען ווייט פון אונדזער קולטור־ספערע. אויב אין דעם דאָזיקן פאַקט איז געקומען צום אויסדרוק די נאַטירלעכע ערשיינונג, וואָס צוזאַמען מיטן קולטורעלן אויפשטייג פון מזרח־יידנטום מראַגט זיך דער שווערפּונקט פון דער יידיש־פאָרשונג אַריבער אין דער יידישער שפּראַך, איז אָבער דער דירעקטער גורם פון דעם פאַקט געווען די פילאָלאָגישע סעקציע, ווי דער ייוואָ בכלל. און די דאָזיקע אויפגאַבע — צו זאַמלען אַרום דעם ייוואָ אַלע כוחות, וואָס קומען אין באַטראַכט פאַר אונדזער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, האָט טיילמאָל געמוזט אָוועקרוקן אויפן צווייטן פּלאַן די פראַגע פון סיסטעמאַטישקייט אין דעם מאַטעריאַלן־באַשטאַנד פון די „שריפטן", אויף וויפיל פון אַזאַ סיסטעמאַטישקייט קען בכלל זיין אַ רייד אין אַזעלכע

מיני אויסגאַבן. מ'דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז די צייט, ווען די ערשטע 3 בענד „פילאָלאָגישע שריפטן" זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז געווען אַ צוגרייטונגס־פעריאָד, און ערשט איצט, ווען אונדזערע וויסנשאַפטלעכע כּוחות זיינען מער־ווייניקער קאָנסאָלידירט אַרום דער פילאָלאָגישער סעקציע פון ייוואָ, וועלן די „שריפטן" קענען רעאָרגאַניזירט און פאַרברייטערט ווערן, צווישן אַנדערן — דורך איינפירן אַרטיקלען און איבערבליקן וועגן אַלגעמיין־פילאָלאָגישע פּראָבלעמען, ווי אויך דורך איינפירן אַן אָפּטיילונג פון רעצענזיעס — ווידעראַמאָל נישט דווקא אויף טעמעס פון יידישיסטיק.

די „פילאָלאָגישע שריפטן" זיינען וואָרעם אויפגענומען געוואָרן נישט נאָר פון דעם ערנסטן יידישן לייענער, נאָר זיי זיינען אויך אַריינגעדרונגען אין אַזעלכע קרייזן פון מערב־אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער געלערנטע, וואָס מ'האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט דער עקזיסטענץ פון אַ וויסנשאַפטלעך יידיש וואָרט. זיי זיינען אויך לפּי ערך זייער גוט פאַרשפּרייט געוואָרן, אַזוי אַז דער ערשטער באַנד (דאָס „לאַנדוי־בוך"), אַרויסגעגעבן זומער 1926, האָט שוין אין יאָר 1928 געמוזט איבערגעדרוקט ווערן, און אויך די אַנדערע צוויי בענד האַלטן קרוב הדרבּיי.

נאָך איידער עס איז אַרויס דער ערשטער באַנד פון די „פילאָלאָגישע שריפטן", האָט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן דאָס לעצטע העפט פון זשורנאַל „יידישע פילאָלאָגיע" אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר מאַקס ווייגרייך, נח פּרילוצקי און ז. רייזען.

ביי דעם אַקטיוון אָנטייל פון די טוער פון דער פילאָלאָגישער סעקציע איז אויך פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ביי דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון ד"ר מ. ווייגרייך, יודא א. יאַפע, י. ל. כּהן, ש. ניגער, יצחק ריבקינד און ד"ר יעקב שאַצקי, אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּערמיליאַריקער זשורנאַל פאַר יידישער ליטעראַטורגעשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע „פּנקס". אין די 4 העפטן פון דעם באַנד I „פּנקס" (1927—1928, 25 דרוקבויגן, גרויס־אָקטאַוו) זיינען פאַרעפנטלעכט 64 אַרטיקלען, נאָטיצן, רעצענזיעס, זכרונות און בריוו — מיט זייער אַ ווערטפולן אינהאַלט.

אַלס פּעריאָדישע אויסגאַבע איז אויך געפּלאַנט „דער אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער און דראַמע", וואָס ערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר יעקב שאַצקי. דער ערשטער באַנד — פון 30 דרוקבויגן גרויס־אָקטאַוו, — איז שוין באַלד פאַרטיק און וועט אַרויסגיין פון דרוק אין משך פון די נאָענטסטע פאַר חדשים מיט זייער אַ רייכן און וויכטיקן מאַטעריאַל, צווישן אַנדערן:

ש. ערנסט: טעקסטן און קוועלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער, פאַרווייַלונגען און מאַסקאַראַדן ביי יידן. — י. ליפשיץ: בדחנים און לצים ביי יידן. — משה שטאַרקמאַן: מאַטעריאַלן צו אַברהם גאָלדפאַדענס ביאָגראַ־

פיט. — ח. נ. פישערמאַן: גאָלדפאַדען אין ליכט פון זכרונות. — ב. ווייַנ=
שטיין: די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו=יאָרק —
מ. ש"ס ראָמאַן: דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט
אין 1877. — ד"ר יעקב שאַצקי: גאָלדפאַדענס אַ סטאַטוט פאַר אַ יידישער
דראַמאַטישער שול אין ניו=יאָרק, אין 1888. — י. ש.: דער יידישער טעאַטער
אין לעמבערג אין 1890 און אין 1897. — מ. אָשעראָוויטש: דוד קעסלער.—
ד"ר מאיר בן אַברהם הלוי: די „גרויסע שול" אין בוקאַרעשט אין דער גע=
שיכטע פונם יידישן טעאַטער. — ד"ר יעקב שאַצקי: וועגן אַהרן האַללע
וואָלפסזאָהנס פּיעסעס. — ד"ר יעקב שאַצקי: צו דער ביאָגראַפיע פון דעם
יידישן „האַנס=וואורסט" יעקב בן מרדכי ריז. — ד"ר יעקב שאַצקי: אַן
אַחשורוש=שפּיל אין פּראָג מיט 100 יאָר צוריק. — ד"ר א. מוקדוני:
זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער=קריטיקער. — ד"ר יהושע בלאָך: גאָלד=
פאַדענס העברעישע דראַמע. — ד"ר יעקב שאַצקי: די יידישע אויסגאַבעס
פון דער דראַמע „מלחמה בשלום". — שלום פּערלמוטער: דער ערשטער
סטאַטוט פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און זיין פּאַרפאַסער משה
פינקעל. — פאַני שאַפּיראָ: דער טעאַטער=מוזיי אויפן נאָמען פון אסתּר=
רחל קאַמינסקי ביים ייוואָ. — ד"ר מ. ווייַנרייך: פיר אומבאַקאַנטע בראָ=
דער יידישע קאָמעדיעס פון מיטן XIX יר"ה. — ז. רייזען: דער אַמסטער=
דאַמער מאַנוסקריפּט פון איציק אייכלס קאָמעדיע „ר' הענאָך". — מאַטער=
יאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. — רעצענזיעס. — בריוו.

אויפן פאַרלעגערישן געביט האָט די סעקציע אויך אָנגעמערקט אַ ריי
אויסגאַבן אין דער סעריע „ביבליאָטעק פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן
אינסטיטוט", אייניקע פון זיי זיינען שוין פולשטענדיק פאַרטיק צום
דרוק, ווי:

יוסף פּערלס יידישע כתבים — צום ערשטן מאָל פאַר=
עפנטלעכט פון מאַנוסקריפּט פון ישראל ווייַנלעז (לעמבערג), וועלכער האָט
די דאָזיקע כתבים אַנטדעקט אין אַ פּראָווינציעלער ביבליאָטעק אין גאַ=
ליציע, צווישן זיי אויך אַן אָריגינאַל=יידישן טעקסט פון דעם באַרימטן
„מגלה טמירין". צו דעם בוך, וואָס וועט האַלטן אַ 20 דרוקבויגן, קומט
אויך אַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע איבער דעם דאָזיקן באַרימטן פיהער
פון דער השכלה, געשריבן פון ישראל ווייַנלעז אויפן גרונד פון נאָך ניט
אויסגענוצטע אַרכיוו=מאַטעריאַלן.

מענדל לעפינס „קהלת" אין אַ פאַקסימילירטער אויס=
גאַבע, לויט דעם אָריגינאַל=כתב=יד, וואָס ווייַנלעז האָט געפונען צווישן די
אוצרות פון דער אָקאָרשט געדאַכטער מזרח=גאַליציאַנער ביבליאָטעק.
דער כתב=יד פון לעפינס „קהלת", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט 1873,
העכער 50 יאָר נאָך דעם איבערזעצערס טויט, איז וונדערשיין געשריבן,
אויף איין זייט דער העברעישער טעקסט, אויף דער אַנטקעגנדיקער — די

יידישע איבערזעצונג. מיט דעם דערלויב פון דער ביבליאָטעק האָט דער ייוואָ אָפּגעפאָטאָגראַפירט דעם כתב־יד און גיט אַרויס אַ געטרייע רעפּראָדוקציע פון דעם ספר, וואָס האַלט 23 בלעטער (46 זייטן).

די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. דאָס וועט זיין דער ערשטער פולער באַריכט פון דער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער יידישער קולטור־באַוועגונג. דער באַריכט פון די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ איז צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די באַריכטן און נאָטיצן אין דער יעמאָלטיקער יידישער פּרעסע און אויך אַנדער־שפּראַכיקע אָרגאַנען פון אייראָפּע און אַמעריקע, עס ווערן אויך געבראַכט פּרעסע־שטימען וועגן דער קאָנפערענץ און זכרונות אין בילדער פון די אָנטיילנעמער. דאָס בוך וועט האַלטן אַרום 15 דרוקבויגן.

די סעקציע האָט אויך געמאַכט די ערשטע שריט צו דער רעגולירונג פון דעם געברויך פון דעם גראַמאַטישן מין אין יידיש.

זומער 1928 איז אָפּגעדרוקט און צעשיקט געוואָרן אין אַ ריי פּונקטן די ערשטע אַנקעטע פון דער לינגוויסטישער קאָמיסיע: „דער מין פון סובסטאַנטיוו”. ביז היינט זיינען שוין אָנגעקומען איבער 200 תשובות פון די פאַרשיידענע געגנטן אין היינטיקן פּוילן, פון ליטע, לעטלאַנד, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, רומעניע, ארץ־ישראל א"אַ. פון אַ ריי ערטער, סיי אין פּוילן און סיי אין אַנדערע לענדער, מיט וועלכע די קאָמיסיע האָט זיך פאַרבונדן, ווערן דערוואַרט נאָך אַ גרעסערע צאָל ענטפערס. אין לעטלאַנד, אַ שטייגער, האָט די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע גענומען אויף זיך צו באַזאָרגן תשובות פון דעם דאָרטיקן אַלמיגעזעסענעם יידישן ישוב אין לאַטגאַליע (די דאָזיקע אַרבעט פירט אָן פריינד יודל מאַרק). אַן ענלעכע אַרבעט וויל אויך דורכפירן די געזעלשאַפט „פריינד” אין קראָקע — פאַר מערב־גאַליציע, אַזוי אַז די אַנקעטע האָט געמוזט אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ צווייטער אויפלאַגע. שוין די ביז־איצט אויפגעקליבענע תשובות אויף דער אַנקעטע גיבן פיל שטאָף פאַר אינטערעסאַנטע אויספירונגען בנוגע דער פראַגע וועגן גראַמאַטישן מין. די סעקציע רעכנט בקרוב צו באַאַרבעטן און פּובליקירן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל.

עס איז אויך צו פאַרצייכענען, אַז אויף דער ווענדונג פון דעם פּוילישן מיניסטעריום פאַר פאָלקסבילדונג צום ייוואָ האָט די פילאָלאָגישע סעקציע אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ טראַנסקריפּציע פון יידיש. דאָס מיניסטעריום האָט מיט דאַנק אָנגענומען דעם פּראָיעקט פון דער פאָרגעלייגטער טראַנסקריפּציע, און זי ווערט זינט אָנהייב 1928 באַנוצט ביים קאַטאַלאָגירן די יידישע דרוקזאַכן, וואָס באַקומען זיך אין דער „נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק” פון דער פּוילישער רעפּובליק.

ביי דער סעקציע איז אויך געווען טעטיק אַ ספּעציעלע טערמינאָלאָ־גישע קאָמיסיע. די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע איז ניט געווען פּאַרויסגע־זען אין דעם באַשלוס פון דער פאָרבאַראַטונג; זי איז געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיווע פון אַ. קרעמער־ווילנע און האָט באַוויזן אויפצוקלייבן אַ שפּאָר ביסל מאַטעריאַל לויט די אָנווייזונגען, וואָס זיינען געדרוקט גע־וואָרן אין די „ידיעות" נומ׳ 7 און אין סעפּאַראַטע אָפּצוגן. איבער 200 טערמינאָלאָגיעס פון איבער 60 פאַכן, דערין אַ סך ווערטיקע, זיינען ביז־איצט אויפגעקליבן געוואָרן.

די קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט דריי אויפגאַבעס:

(א) אויפקלייבן די „פאַכווערטער", וואָס גייען אום אין פאָלק;

(ב) צונויפנעמען און סיסטעמאַטיזירן די וויסנשאַפטלעכע טערמינאָ־לאָגיע פון די יידישע פאָלקס־, מיטל־און פּראָפעסיאָנעלע שולן אין פאַר־שיידענע מקומות;

(ג) אויסאַרבעטן טערמינאָלאָגיעס פאַר אַזוינע צווייגן, וואָס פאַר זיי פעלן נאָך אין יידיש די געהעריקע באַצייכענונגען.

אויסאַרבעטן טערמינאָלאָגיעס האָט די קאָמיסיע ניט געהאַט כמעט קיין מעגלעכקייט, בלויז איין סובקאָמיסיע, פאַר גימנאַסטיק, האָט געאַרבעט ענערגיש, לויט דער איניציאַטיווע פון פּראַקטיקער, וועלכע האָבן אַליין גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט. די רעזולטאַטן פון איר אַרבעט זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם האַנטבוך פאַר גימ־נאַסטיק פון ח. גליאַט און מ. סאָלאָווײַ, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „מאָז" (וואַרשע, 1928).

אַ היפּשער טייל טערמינען איז שוין אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף ספּעציעלע קאַרטלעך; גאָר דערנאָך איז אויסגעקומען איבערצורייסן די אַר־בעט צוליב דוחק אין געלט־מיטלען. די זאַמלאַרבעט פון דער קאָמיסיע גייט אָבער ווייטער; לעצטנס איז די קאָמיסיע צוגעטראָטן צו פאַרעפנטלעכן אַנ־קעטעס לויטן מוסטער פון די עטנאָגראַפישע; די ערשטע איז געווען וועגן קצבות. די צווייטע וועט אַרומנעמען די יידישע געאָגראַפישע נעמען און וועט ליווערן שטאָף פאַר דעם געאָגראַפישן אינדעקס.

די צאָל ווערטער, וואָס די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע פאַרמאָגט, דערגרייכט בערך 6000.

ביי דער וואַרשעווער געזעלשאַפט „פריינד פון ייוואָ" האָט נח פּרילוצקי זומער 1929 געפירט אַ פילאָלאָגישן סעמינאַר.

צום באַריכט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע באַקומט דאָס וואָרט

ז. ר ייזען (אַ. ק). די פילאָלאָגישע סעקציע האָט ביז איצט מיט איר דירעקטער אַרבעט וויניק זיך געקאָנט פאַרנעמען. גראָד זיינען די מיטער פון דער פילאָלאָגישער סעקציע, ד"ר ווײַנרייך און דער באַריכט־אָפּגעבער,

געווען פארנומען מיט דער ארגאניזיר=ארבעט פון אינסטיטוט און זיינען צו זייער וויסנשאפטלעכער ארבעט ווייניק צוגעקומען. דערצו נאך האבן זיי נישט געקאנט נעמען אויף זיך די גאנצע אחריות פאר דער ארבעט, וויבאלד די קאלעגיע פון דער סעקציע איז נאך נישט געווען ארגאניזירט. די איצטיקע קאנפערענץ וועט קאנסטרויִרן די פילאלאגישע סעקציע און וועט באדארפן שאפן די געהעריקע תנאים פאר איר ארבעט. די פאקטישע אויפטוען פון דער פילאלאגישער סעקציע זיינען אבער אויך נישט קיין קליינע: צו איר געהערן דאך אויך די טערמינאלאגישע קאמיסיע און די ביבליאגראפישע צענטראלע. אויך די ארויסגאבע פון די „שריפטן" דארף פאררעכנט ווערן פאר א וויכטיקן אויפטו: טראץ זיינען פאראן געוויסע חסרונות אין דער רעדאקטירונג פון די „שריפטן", שטאמען זיי צום גרעסטן טייל פון דוחק אין מיטלען. מיר האבן נישט געצאלט קיין האנאראר, דעריבער האבן מיר נישט אלע מאל געקאנט באשטעלן ארטיקלען, איבערזיכטן, רעצענזיעס. מיר האבן זיך געמוזט באנוגענען מיט דעם, וואס עס איז געווען ביי די מחברים פארטיק.

די סעקציע וועט האבן איצט צו רעאליזירן א גאנצע ריי אויפגאבן. ערשטנס: רעגולירן די יידישע ארטאגראפיע. די סעקציע האט געפרואווט עפעס אנהייבן טאן אין דעם פרט, אבער איצט וועט די דאזיקע ארבעט אויסגעשטעלט ווערן סיסטעמאטיש. מיר מוזן פריער די זאך אויפקלערן אין א ברייטערער דיסקוסיע, אין א באזונדער זאמלבוך אדער זאמלביכער, און דערנאך צונויפרופן אן ארטאגראפישע קאנפערענץ. די באשלוסן אירע מוזן זיין אבליגאטאָריש. מיר וועלן אויך די צייטונגס=ארויסגעבער באוועגן זיך אונטערצוגעבן, מיר וועלן ווירקן דורך די ליטעראטן= און זשורנאליסטן=פאראיינען און דורך די דרוקער=פאראיינען. מען וועט אויך מוזן ארויסגעבן אן ארטאגראפיש ווערטערבוך פאר דעם באנוץ פון ברייטערע קרייזן. א פראקטישע אויפגאבע איז אויך רעגולירן דעם גראמאטישן מין אין יידיש. מיר האבן שוין געמאכט אן אנהייב מיט דער אנקעטע וועגן גראמאטישן מין. די דאזיקע ארבעט דארף ווייטער געפירט ווערן, און אלס רעזולטאט באדארף ארויסגעגעבן ווערן א ווערטערבוך פון גראמאטישן מין. אויך א ווערטערבוך פון העברעיִזמען שטייט אויפן סדר=היום. ספּיוואקס יהואשס שעפט נישט אויס אינגאנצן — עס האט נאר ביז 6000 ווערטער, בשעת אין קיעוו האט א. ש. ראבינאוויטש צונויפגעקליבן אין משך פון 25 יאר ביז 20.000 ווערטער. אויך לאזט די אפטייטשונג ביי יהואש=ספּיוואק איבער א סך צו ווינטשן. נאך אן אויפגאבע שטייט פאר דער פילאלאגישער סעקציע. ב. באראכאוו האט אין ווילנער „פנקס" 1913 אפגעדרוקט זיין גרונדלייגנדיקע ארבעט „די ביבליאטעק פון יידישן פילאלאג", א ביבליאגראפיש הילפסבוך, וואס קיין יידיש=פארשער קען זיך אן דעם נישט באגיין. דאס ווערק איז אבער געבליבן אין מיטן, עס זיינען אויך צו דעם פאראן

איצט אַ סך מילואים און תיקונים — די פילאָלאָגישע סעקציע פון ייוואָ באַדאַרף אַרויסלאָזן אַ צווייטע פאַרבעסערטע און פאַרפולקומטע אויסגאַבע פון באָראָכאָווס „ביבליאָטעק“. ד"ר יעקב שאַצקי האָט שוין פאַרטיק אַ פולקומע ביבליאָגראַפיע פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור ביז 1860. מען דאַרף די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט וואָס גיכער פאַרעפנטלעכן און זי אויך ווייטער פירן ביזן יאָר 1926 (זינט ווען די רעגיסטראַציע פון דער יידישער דרוקפּראָדוקציע ווערט געפירט פון אונדזער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע). אַ דערגאַנצנדיקע אויפגאַבע איז אויך די שאַפונג פון אַ ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער בעלעטריסטיק און וויסנשאַפט פון צייטונגען און בפרט פון זשורנאַלן און זאַמלביכער — אויך ביז דער דערמאָנטער דאַטע 1926.

פאַר דער ביבליאָטעק פון ייוואָ וואָלט בעצם געפּאַסט צו האָבן אַלע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען ווען עס איז געדרוקט געווען. דערגרייכן דעם דאָזיקן אידעאַל וועלן מיר קיינמאָל ניט. מיר מוזן אָבער זוכן צו קריגן די יידישע יקר-המציאותן, און אַ סך קען מען נאָך אין דעם פּרט אויפטאָן. אָט האָט אונדזער פריינד א. זיינפעלד פון קראָקע, צווישן אַנדערע זאַכן, אונטערגעטראָגן אונדז אַ געשאַנק: חייקל הורוויצעס „צפנת פענח“, אַ ווערק אַן אוניקום, וואָס איז העכסט וויכטיק פאַר דער יידיש-פאָרשונג. פר' זיינפעלד האָט צוגעזאָגט צו זוכן פאַר אונדז נאָך זעלטענע יידישע ביכער און כתב-ידן. אויך מ"ל פעטשעניקן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַזאַ זעלטן בוך ווי מענדל לעפינס „משלי“. הלוואי זאָלן אַלע אונדזערע פריינד נאָכמאַכן זייער ביישפּיל. פון די ביכער און כתב-ידן, וואָס מיר קענען אָבער ניט קריגן אין אָריגינאַל, וועלן מיר מוזן זען צו קריגן פאָטאָגראַפיעס פון די עקזעמפּלאַרן, וואָס געפינען זיך אין אַנדערע ביבליאָטעקן. בכדי צו פאָרשן די אַלט-יידישע ליטעראַטור מוז מען האָבן אין האַנט די טעקסטן, און זעלטן ווען אַ פאָרשער איז אין שטאַנד צו מאַכן די נסיעות צו יענע אַלע ווייטע ביבליאָטעקן אין מערב-אייראָפּע און אַמעריקע, וואוהין יידישע כתבים און דרוקווערק האָבן אַנגעשפּאַרט דורך דער שפּיל פון דעם צופאַל. עס מוז דעריבער געשאַפן ווערן ביי דער סעקציע אַ קאָלעקציע פון פאָטאָגראַפירטע אַלט-יידישע ווערק.

די פילאָלאָגישע סעקציע מוז זיך נאָך פאַרפולקומען מיט איין צווייג, וואָס זיין פעלן איז זייער ניכּר. עס מוז געשאַפן ווערן אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע, וואָס איר אַרבעטס-פעלד וועט זיין די נייע יידישע ליטעראַטור, ביאָ- און ביבליאָגראַפיע, סטיל-פאָרשונג אאַז"וו.

די פילאָלאָגישע סעקציע וועט מוזן אויך נעמען זיך פאַרן ענין פון יידישן ווערטערבוך. איינציקע פאָרשער אַרבעטן אימלעבער פאַר זיך און האָבן צונויפגעקליבן זאַמלונגען, ווי אַ שטייגער ד"ר א. לאַנדוי, ד"ר מ. וויינרייך און אַנד. די פילאָלאָגישע סעקציע וועט מוזן צונויפנעמען אַלע די באַזונדערע התחלות און שאַפן דאָס גרויסע ווערטערבוך. אויך אין דעם ענין

פון דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע וועט די פּאַראייניקונג פון פריינד נ. פּרילוצקיס ערפאַרונג מיט אונדזער אַפּאַראַט שאַפן די געוואונטשענע שלמות. וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס וועט האָבן אויך פאַר דער אָפּפרישונג פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן, האָבן מיר זיך אַלע געקאָנט איבערצייגן פון דעם גלענצנדן פאָרטראָג פון פּ' פּרילוצקי אויף דער נעכטיקער וויסנשאַפטלעכער זיצונג. אין דער ערשטער ריי וועט די שול געניסן פון דער פרוכט פון די דאָזיקע אַרבעטן.

פאַר דער שול איז אויך העכסט וויכטיק די טערמינאָלאָגיע פון פאַרשיידענע פאַכן און לימודים. די סעקציע פאַרמאָגט שוין היפּש זאַמלונגען פון פאַרשיידענע טערמינאָלאָגיעס, וואָס זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן דורך יחידים און אַנשטאַלטן לויט דער אויפפאָדערונג פון דער סעקציע. עס האָט אַ שטיקל צייט געאַרבעט אַ טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע. איצט דאַרף די דאָזיקע אַרבעט באַנייט ווערן אין אַ גרעסערן פאַרנעם: די טערמינאָלאָגיעס דאַרפן ווערן געאָרדנט און אַרויסגעגעבן צום נוצן פון די שולן.

אַ באַזונדער אָרט אין דער טערמינאָלאָגיע פאַרנעמען די געאָגראַפישע נעמען. אין די מקומות, וואו יידן זיצן אין גרויסע קיבוצים, האָבן זיי אָפט געביטן די נעמען פון די ישובים און פון די טייכן, טיילמאָל אַפילו אַליין געשאַפן אייגענע געאָגראַפישע נעמען. דאָס דאָזיקע געביט איז נאָך ווייניק אויסגעפאָרשט. ס'איז דערפאַר אַ וויכטיקע אויפגאַבע צונויפצושטעלן דעם „יידישן געאָגראַפישן אינדעקס” דער ייוואָ פאַרמאָגט שוין אויף דעם געביט אַ פּאָר אַרבעטן פון ד”ר י. טאָגליכט, שמואל ווינטער (אין די „פילאָלאָגישע שריפטן”), שאול חיות א”אַ.

צולעצט דאַרף דערמאָנט ווערן די נייטיקייט אַוועקצושטעלן ווי געהעריק די ל י נ ג ו ו י ס ט י ש ע ק אָ מ י ס י ע פון ייוואָ, אַלס אינסטאַנץ, וואָס זאָל קענען (פאָרויסגעזען דעם נייטיקן טאַקט) פּסקענען שאלות פון גראַמאַטיק, ווערטער-אויסקלייב און סטיל. די פאָדערונג אויף אַזאַ אָרגאַן איז גרויס אין אַלע קרייזן פון דער יידישער קולטור-באַוועגונג, און די קאָסטיטוירטע קאָלעגיע פון דער פילאָלאָגישער סעקציע וועט זיך קענען נעמען די דרייסטקייט פון אַ פּוסק מיט אַ גרויסער האָפענונג אויף אָנערקענונג. ביזאַהער האָט עס די פילאָלאָגישע סעקציע געקענט טאָן נאָר פון פאַל צו פאַל. אַזאַ שפּראַך-אינסטאַנץ קען האָבן זייער אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג און נאָרמאַליזירונג פון דעם יידישן סטיל, פאַר אָפּרייניקן אים פון פרעמדאַרטיקע עלעמענטן, וואָס זשאַרגאָניזירן די שפּראַך אאַז”וו.

דער פ אָ ר ז י צ ע ר מעלדעט, אַז די זיצונג ווערט איצט איבערגעריסן. די קאָנפערענץ איז פאַרבעטן צו דער פייערלעכער גרונטשטיין-לייגונג פאַרן בנין פון ייוואָ אויפן אייגענעם פּלאַץ (וויוולסקי גאַס 18). די נאָכמיטאָג-זיצונג הייבט זיך אָן 5 אַזייגער מיטן סדר-היום: המשך פון די באַריכטן און אַלגעמיינע דעבאַטן.

די בוי־פייערונג.

(פרייטאָג, 26טן אָקטאָבער, 2 אַזייגער בייטאָג)

צו דער פייערלעכער גרונדשטיין־לייגונג פאַרן בנין פון ייוואָ אויפן איינענעם פּלאַץ פון ייוואָ (וויוואָלסקי גאַס 18) זיינען געקומען אַלע דעלע־גאַטן און געסט פון דער קאָנפערענץ. עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרוי־סער עולם פון מויזנטער מענטשן. עס זיינען געקומען די יידישע שולן מיט זייערע אָרקעסטערס און פאָנעס, די יידישע פאָלקס־שול פון ניי־ווילייקע איז געקומען ספּעציעל צו פאָרן. די פייערונג עפנט

סענאַטאָר ד"ר צ. שאַבאַד:

טייערע פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט!

אין די פאָר זיצונגען, וואָס מיר האָבן שוין די טעג געהאַט, איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז דער געדאַנק פון דער וויכטיקייט פון אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט דורכגעדרונגען די ברייטסטע שיכטן פון יידישן פאָלק. אָבער היינטיקן טאָג הערט אויף דער דאָזיקער געדאַנק צו זיין בלויז אַ אידעע. ער ווערט פאַרקערפּערט אין מעשים, אין אַ יש, וואָס באַ־קומט שוין זיין אויסדרוק אין אַ בנין, אין פיזישע פאָרמען, וואָס יעדערער קען דאָס זען מיט זיינע אייגענע אויגן.

מיר לייגן היינט דעם גרונדשטיין צו אַ בנין, וואָס דאַרף וואַקסן און זיך אַנטוויקלען, וואָס דאַרף דינען דער יידישער וויסנשאַפט אין אַלע צווייגן פון דעם יידישן קולטור־לעבן. היינטיקער טאָג איז נאָר אַן אָנהייב פון דער גרויסער זאַך, וואָס באַגייסטערט אונדז אַלעמען.

איך זע דאָ דאָס באַשיידענע הילצערנע, פאַרלאָזענע הויז, וואָס דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בנין פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אָבער אונטער אים טיף אין דער ערד ווערט אַרונטערגעלייגט אַ שטאַרקער מויערנער פונדאַמענט, געבויט פון בעטאָן און פון אייזן. אונטער דעם דאָ־זיקן שוואַכן הויז ווערט געבויט אַ שטאַרקע פעסטונג, געשיצט פון פייער און פון וואַסער, וואו ס'וועלן ווערן געזאַמלט און באַוואָרנט אַלע אוצרות פון יידישן גייסט, פון יידישן שאַפן.

און אָט אויף דער דאָזיקער אייביק שטאַרקער פעסטונג וועט ווערן וואָס ווייטער געבויט דער בנין פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. מיר ווילן בויען אַ פּאַלאַץ, אַ טעמפּל, אַ טורעם, וואָס וועט לייכטן ווייט, ווייט אַרום אים, אומעטום, וואו ס'זיינען נאָר פאַראַן יידישע ישובים, יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס ריידן און פילן אויף יידיש.

דאָס וועט זיין אַ טורעם, אָבער ניט דער טורעם בבל, וואָס זאָל צע־טיילן די מענטשן אויף הונדערטער שפּראַכן, אַז זיי זאָלן ניט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. אונדזער טורעם וועט האָבן איין שפּראַך, אונדזער

נאַציאָנאַלע שפּראַך — יידיש! דער דאָזיקער טורעם, דער דאָזיקער טעמפּל וועט זיין דאָס האַרץ און דער מאַרך פון יידישן פאָלק. צו אים וועלן זיך ציען טויזנטער נערוון און אָדערן פון דער גאַנצער וועלט. דורך די אָדערן וועלן פליסן מיליאָנען בלוט־קערפּערלעך, דורך די נערוון וועלן שטראָמען גייסטיקע זאַפטן פון פאָלק צום צענטער און פון צענטער צוריק צום פאָלק.

טייערע פריינד! מיר אַלע דאָ זיינען שטערבלעך, מיר זיינען מערניט ווי מענטשן, און קיינער ווייס ניט, וואָס וועט מיט אים זיין מאָרגן. אָבער אַט די דאָזיקע געמויערטע וואַנט, דער בנין, וואָס מיר בויען דאָ, וועט אינדז אַלעמען איבערלעבן און בלייבן אַ זכר לדורות. צו אייך, יידישע שול־יוגנט, וואָס האָט זיך דאָ אויפן פּלאַץ פאַרזאַמלט אין די טויזנטער, ווענד איך זיך אין דעם היינטיקן היסטאָרישן מאָמענט מיט אַ רוף: העלפט אונדז בויען דעם טורעם, שטיצט אונדזער יידישע קולטור, פירט ווייטער די אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווען מיר, די אַלטע טוער, וועלן שוואַך ווערן און אַוועקגיין פון אייך!

טיף אין באָדן איז אַריינגעלייגט דער גרונדשטיין פון אונדזער בנין. טיף אין פאָלק זיצן די וואָרצלען פון דער אידעע פון יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט. און איך בין שטאָלץ מיט מיין ווילנע, וואָס גראָד דאָ אין דער פאַראָרעמטער ווילנע ווערט געשאַפן אַזאַ הערלעכער אינסטיטוט, וואָס וועט באַשיינען און באַפרוכפּערן דאָס יידישע לעבן פון דער גאָרער וועלט.

לעבן זאָל דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט! זאָל ער בליען און וואַקסן!

מ. ווייינרייך לייענט פאָר דעם גרונדשטיין־אַקט:

„פרייטאָג דעם 26טן אָקטאָבער 1929 — כ״א תשרי תר״ץ — אין פינפטן יאָר זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ווערט פאַרלייגט דער ווינקל־שטיין פון דעם אייגענעם בנין פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

דער דאָזיקער טאָג, ווען מען טרעט צו צו בויען אַן אייגענע היים פאַר דער יידישער וויסנשאַפט, איז אַ יום־טוב פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבן געפונען אין דעם אינסטיטוט דעם צענטער און אַן אָנשפּאַרפּונקט אין קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנסיפּאַציע און פאַר העכערע פאָרמען פון מענטשלעכן זיין.

די דאָזיקע פייערונג פאַלט אויס אין די טעג, ווען עס האָט זיך אויפ־געקליבן אין ווילנע די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דעם יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט, באַזוכט פון פאַרטרעטער פון פוילן, לעטלאַנד, עסטלאַנד, ליטע, רומעניע, דייטשלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע און באַגריסט מיט די פרייד־פולע ברכות פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער.

די קאָנפערענץ און דער בוי־קאָמיטעט קאָנסטאַטירן מיט האַרציקער באַפרידיקונג, אַז דער בנין, וואָס מיר גייען איצטער בויען, איז ניט קיין זאַך פון יחידים בלויז, נאָר ער ווערט אויפגעשטעלט, פונקט ווי דער גאַנצער ייוואָ, מיט דער באַטייליקונג פון טויזנטער פריינד אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק.

זאָל שטיין אויף אייביקער צייט די היים פאַר דער יידישער וויסנשאַפט אין דער אַלטער און תמיד יונגער יידישער ווילנע!"

אַלע מיטגלידער פון בוי־קאָמיטעט און דעלעגאַטן פון דער לאַנפּע־רענץ התמען זיך אויף דעם אַקט, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין אַ מעטאַ־לענער פושקע צוזאַמען מיט די ווילנער יידישע און פוילישע צייטונגען פון דעם טאָג, וואָס אין זיי זיינען געווען באַריכטן פון דער קאָנפערענץ, מיט דער טאָג־אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ און מיט דעם ספּעציעל אויסגעגראַ־ווירטן זשעטאָן. דאָס קעסטל ווערט פאַרהתמעט מיטן זיגל פון ייוואָ, און דער פאָרזיצער פון בוי־קאָמיטעט ט. ב ו נ י מ אָ ו ו י ט ש פאַרמויערט דאָס קעסטל אין פונדאַמענט פון בנין.

פ ר ץ ה י ר ש ב י י ן : מיט 5 יאָר צוריק, פאַר מיין אָפּפאָרן פון אַמעריקע, האָב איך אויך געהאַט די זכיה בייצווזיין ביי דער גרונדשטיין־לייגונג פאַר אַ בנין, דאָס איז געווען אַ בנין פון אַ יידישער שול אין ניו־יאָרק. אין דער גרויסער שטאָט איז די פייערונג געווען באַשיידענער און דער בנין באַשיידענער, אָבער עס איז געווען אַ בוי־אַרבעט. און אויך היינט, ביים געזעגענען זיך מיטן יידישן קיבוץ אין פוילן, שטיי איך ביים אָנהייב פון אַ בוי־אַקציע. דאָס איז אַ גוטער סימן. מיר זיינען די לעצטע צייט אַזוי פיל צוגעוווינט צו צעשטערונג, אַז אימלעך בויען קומט אויס אין אונדזערע אויגן ווי אַ נס. אויך די גאַמור וויים ניט נאָר פון בויען, נאָר אויך פון צעשטע־רונג. אָבער זי צעשטערט צוליבן בויען פון דאָס ניי. ביי אונדז איז נאָך שוואַך די מחשבה פון בויען. און בויען מיר שוין יאָ עפּעס אויף, ווערט דאָס פאַרשריבן אויף אַ פרעמדן חשבון. אָבער דאָ אין ווילנע שפּירט זיך דאָס יידישע לעבן נאָר אַנדערש. אָט דער איצטיקער בנין איז אַ סימבאָל פון נייעם אויפבוי, וואָרום ער שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גאַנצער קייט מעשים פון אויפלעבונג, ער איז פאַרבונדן מיט אַ נאַטירלעכן וואוקס, ער איז דער פועל־יוצא פון דעם אויפבלי פון דער יידישער שפּראַך און קולטור. דאָס האַרץ איז אַזוי פול ביי דעם היינטיקן יום־טוב, און עס איז שווער אויסצודריקן די געפילן, וואָס באַשטורעמען. דער היינטיקער אָנהייב קוקט דאָך אַרויס אין אַ ווייטער צוקונפט. איך גלויב אין אונדזער קיום. ביי אונדזער נאָרער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט זיינען מיר איינס. איך ווינטש דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, עס זאָל קומען די צייט פון בויען דעם בנין פון יידישן אוניווערסיטעט, אַז פון שטיין, וואָס מיר זעצן איצט

אַריין, זאָל אויסוואַקסן דער גרויסער בנין פון דער יידישער וויסנשאַפט. לעבן זאָל דער אָנהייב פון דער גרויסער אַרבעט!

מ. ווייגרייך: די שולן האָבן געבראַכט אַדרעסן צום גרונד־שטיין־לייגן פון ייווא. היות ווי די צייט ערלויבט ניט אויסצוהערן אַלע, וועט באַקומען דאָס וואָרט אין נאָמען פון דער גאַנצער ווילנער יידישער שילער־שאַפט דער פאָרשטייער פון דעם העכסטן לערן־אַנשטאַלט, וואָס מיר פאַר־מאָגן דערווייל, פונם לערער־סעמינאַר.

פ. טאָבאָק (לייענט):

„היינט, פרייטאָג, דעם פינף און צוואַנציקסטן טאָג אין חודש אָקטאָ־בער פון טויזנט ניין הונדערט גיין און צוואַנציק לויט דער ציילונג פון אייראָפּע, און הושענא־רבה פון יאָר תר״ץ, אויפן אַכט און פערציקסטן יאָר נאָך דער דערשיינונג פון דער „פאָלקסביבליאָטעק“, צום איין און צוואַנציקסטן יאָר נאָך דער יידישער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ און דער גרינדונג פון דער ערשטער נאָרמאַלער יידישער פאָלקס־שול, צום אַכטן יאָר פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע און דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע און אויפן פערטן יאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, זיינען מיר, די תלמידים און לערער פון יידישן לערער־סעמינאַר א. נ. פון זול. מעדעם, געקומען אַהער צו זיין עדות ביים אָנהייבן בויען דעם היכל פון אונדזער וויסנשאַפט.

ניט קיין טויטן טעמפּל, ניט קיין הייליקן אָרט בויט מען דאָ.

אומעטום, וואו עס לעבן יידישע מאַסן, גייט מיט זיי מיט דער משכן פון דער יידישער קולטור. דער אינסטיטוט איז דער גרויסער זאַמלער פון דער קולטור־ענערגיע פון די יידישע מאַסן, פון אַלע קוואַלן פון זייער שאַפן.

מיר, דער יידישער לערער־סעמינאַר, זיינען ביז איצט דער העכסטער שטאַפּל פון יידישן שול־בנין. מיר וועלן זיך אָבער מיט שמחה און התלהבות אַרונטערשטעלן אַלס פונדאַמענט פאַר דעם העכסטן גאָרן — פאַר דער יידישער הויכשול.

זאָל דאָס לייגן דעם דאָזיקן גרונדשטיין זיין דערפון די התחלה.

די לערער און תלמידים פון יידישן לערער־סעמינאַר א״נ פון זול. מעדעם אין ווילנע.

דערמיט איז די בוי־פייערונג פאַרענדיקט.

פערטע זיצונג.

(פרייטאָג, 26טן אָקטאָבער, 5 אַזייגער נאָכמיטאָג)

פאָרזיצער: י. גיטערמאַן, נ. פּרילוצקי.
אויפן סדר־היום: באַריכטן און אַלגעמיינע דעבאַטן.

באַריכט פון דער פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישער סעקציע.

די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע האָט אַלס אָביעקטן פון איר אַרבעט דאָס יידיש קינד און די יידישע דערציִונג — אַ געביט מיט אַזאַ רייכן פּאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס קיין שום אַנדער סעקציע קאָן זיך אפשר אין דעם ניט פאַרגלייכן. איז אָבער דער דאָזיקער געביט דווקא דער סאַמע פאַרוואָרלאָזטער, דער צום ווייניקסטן באַאַרבעטער. סיבות זיינען דאָ אַ סך:

א) אַפילו אונזער אינטעליגענץ באַציט זיך מיט אַ שטיקל גוט־מוטיקן בימול צום גאַנצן ענין פון פּעדאַגאָגיק און דערציִונג, בעת ליטע־ראַרישע פּראָבלעמען האָבן אַ ברייטן אָפּהילך אין אונדזער געזעלשאַפט, האַלט מען פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען פאַר ספּעציעלע און אַ ביסל מינער־ווערטיקע.

ב) דער פּראַקטישער טוער אויף דעם געביט, דער יידישער פאָלקס־לערער, איז אין זיינע מאַסן, ווי אומעטום אויף דער גאָרער וועלט, ניט זיין אויסבילדונג ניט באַרופן צו טאָן ריין־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. ער איז ווידער אַזוי פאַרוואָרפן מיט טאָג־טעגלעכע אַרבעט און זאָרגן, אַז עס בלייבט אים בפּועל ממש קיין צייט ניט צו באַטראַכטן די דאָזיקע אַרבעט גופא, ניט נאָר די אַלגעמיינע אויספירן פון איר. געגוג צו זאָגן, אַז דער לערער איז איינציייטיק דער לערער, דער אָרגאַניזאַטאָר, דער געזעלשאַפט־לעכער טוער און דער קעמפער פאַר דער שול און צו דעם אַלעם איז זיין לאַגע אַזאַ, וואָס מען דאַרף באַוונדערן ניט וואָס ער טוט ניט מער, נאָר וואָס ער טוט אַזוי פיל.

ג) די אַרבעט פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע קען איבערהויפּט געטאָן ווערן דאָרטן, וואו עס איז קאָנצענטרירט די יידישע דערציִונגס־אַרבעט, אָבער די דאָזיקע שטעט זיינען ניט בכּוח צוצוציען און צו קאָנצענטרירן די פּערזאָנען, וואָס זיינען מסוגל זיך אָפּצוגעבן מיט דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונגס־אַרבעט אויף דעם געביט.

אָט די אַלע מאָמענטן האָבן געווירקט און ווירקן אויף דעם לאַנגזאַ־מען טעמפּ פון דער אַרבעט אין אונדזער סעקציע. ניט געקוקט אָבער אויף דעם, ווערט אונזער אַרבעט געטאָן.

בנוגע צום ערשטן אָביעקט האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצואַרבעטן די מעטאָדן פון קינדער־פאָרשונג, וואָס זאָל זיין צום בעסטן צוגעפּאַסט צו אונדזערע פאַדינגונגען. דערצו האָט מען געדאַרפט נעמען פאַראַנענע סיסטעמעס, צופּאַסן, קאָמביגירן און אויספּרוּוון. אונדזער סעקציע פאַרמאָגט ביי היינטיקן טאָג אייניקע סיסטעמעס און מאַטעריאַל פון דורכגעפירטער פאָרשונג איבער עטלעכע הונדערט קינדער אין אייניקע שטעט. די סעקציע שטרעבט צו ווערן דער צענטער, וואו עס זאָל זיך צו־נויפזאַמלען דער גאַנצער פאָרש־מאַטעריאַל אויף דעם פעלד.

די סעקציע באַמיט זיך אַריינצוציען אין דער דאָזיקער אַרבעט די לערער און די קינדער פון די שולן. צו דעם צוועק פאַרטיקן מיר אויס אינסטרוקציעס.

נים געקוקט אויף די אויבנאָנגעמערקטע באַדינגונגען איז דאָך שוין ביז איצט אונדז געלונגען אויף אָט דעם אופן צונויפצוזאַמלען היפּשן מאַטעריאַל.

כדי מיר זאָלן זיך קענען תמיד דירעקט ווענדן מיט אונדזערע אינ־סטרוקציעס צו די שולן און צו די לערער, האָבן מיר זיך פאַרנומען מיטן שאַפן אַ קאַרטאָטעק פון דעם געזעלשאַפטלעכן שול־וועזן ביי יידן אין אַלע לענדער. נים אַלע שול־צענטראַלעס האָבן געפונען פאַר מעגלעך אונדז צו געבן די רשימות פון זייערע שולן. מיט אייניקע פון זיי פירן מיר נאָך אונ־טערהאַנדלונגען.

וואָס עס איז שייך צו דעם דערציִונגס־וועזן ביי יידן, גייט אונדזער אַרבעט אין עטלעכע ריכטונגען. ערשטנס ווילן מיר צונויפזאַמלען אַן אַר־כיוו פון קוועלן, דאָ האָט אונדז כמעט על־פּי נס אָפּגעגליקט צו באַקומען אַ גרויסן אַרכיוו, אַן אוצר, וואָס נעמט אַרום די יאָרן 1847—1914, אַלזאָ קנאַפּע 80 יאָר יידישע בילדונג אין רוסלאַנד. וויסנשאַפטלער וועלן האָבן צו אַרבעטן אויף דעם אַרכיוו אין משך פון יאָרן. מיר האָפן, אַז שוין אין דעם נאָענטסטן ווינטער וועט מען צוטרעטן דעם אַרכיוו צו באַאַרבעטן. אויסער דעם דאָזיקן גרויסן אַרכיוו האָבן מיר אויך פאַרשיידענע אַנדערע קלענערע און ווערטפולע אַרכיוו־מאַטעריאַלן.

מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דערציִונגס־וועזן דורך אַנקעטעס. אַזוינע אַנקעטעס — וועגן חדר — זיינען איצט פאַר־עפנטלעכט צוויי, און עס גרייטן זיך ווייטערדיקע (וועגן חומש־חדר, גמרא־חדר און ישיבה). די סעקציע פאַרמאָגט אַ גרעסערע צאָל וויכטיקע ענט־פערס.

צום באַריכט פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע באַקומט דאָס וואָרט

א. גאָלאָמב (ווילנע). די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע האָט אין איר אַרבעט זיך גענומען צו פאַרבינדן זיך מיט די לערער פון די שולן, וואו

עס לערנען יידישע קינדער. די סעקציע באַמיט זיך צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיטן גאַנצן יידישן שול־וועזן פון אַלע טיפן און מינים. זי אינסטרויִרט די לערער, ווי אַזוי זיי זאָלן זאַמלען די פאַרשיידענע מאַטעריאַלן פאַר דער קינדער־פאָרשונג. ווי קינדער־פאָלקלאָר, קינדער־שפּראַך, צייכענונגען, שפּילן; אאַז"וו. אויך פאַרן צווייטן געביט פון אונדזער פאָרשונג — פאַר דער געשיכטע פון יידישן דערציִונגס־וועזן האָט די סעקציע געקליבן מאַטעריאַלן אויפן זעלביקן וועג. דורך אינסטרוקציעס, אַנקעטעס זוכן מיר צו אַקטיווירן ווי ווייט מעגלעך די שול־טוער. מיר האָבן שוין אָנגעקליבן אַ גאַנץ היפּשן מאַטעריאַל, וואָס די ווירטשאַפטלער וועלן קאָנען באַאַרבעטן, און מיר וועלן אויך ווייטער גיין אין זעלביקן וועג.

די סעקציע פאַרמאָגט ביי הײַנטיקן טאָג אַ צאָל אינדיווידועלע שילער־בויגנס. עס זיינען דורכגעמאַכט אַ גאַנצע ריי פאָרשונגען ווי כאַראַקטעריסטיקעס פון קינדער פון פאָרשול־עלטער, אַ פאָרשונג פון אַ 500 קינדער פון די ערשטע קלאַסן אין די ווילנער יידישע שולן פון אַלערליי ריכטונגען לויט דער בינע־מעטאָדע; איצט ווערט זי באַאַרבעט. עס זיינען צוגעגרייט איייניקע נייע אויספאָרשונגען (קאָלירן־חוש, צייכנערישע באַגאַבטקייט, אַן אַנקעטע וועגן לערער־באַשטאַנד ביי יידן), וואָס וועלן אין גיכן געלאָזט ווערן אין גאַנג.

פאַר דער נאָענטסטער צייט זיינען אָנגעמערקט אַזעלכע אויפגאַבעס:

1) זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן יידישע שולן פון אַלע ריכטונגען (סטאַטיסטיק, שול־אַרבעטן, מעטאָדן, פּראָגראַמעס אאַז"וו). 2) זאַמלען ווייטער מאַטעריאַלן וועגן דערציִונגס־וועזן פאַרן אַרכיוו, 3) פירן אַ סיסטעמאַטישע אויספאָרשונג פון פיזישן און פסיכישן צושטאַנד פון יידישן קינד, 4) אַרויסגעבן דעם ערשטן באַנד שריפטן פון דער פסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע, 5) אויף צו קאָנצענטרירן און סיסטעמאַטיזירן די פאָרשאַרבעט, איז נייטיק: א) אויסבילדן פאַכלייט דורך וויסנשאַפטלעכע קאָמאַנדירונגען, ב) אַריינציִען אין דער אַרבעט יונגע יידישע אַקאַדעמיקער פון די נעהעריקע פאַקולטעטן, ג) שאַפן אַ וויסנשאַפטלעכע פאַך־ביבליאָטעק.

די אָרגאַניזאַציע פון דער סעקציע דאַרף זיין אַיינגעשטעלט אַזוי, אַז די אָנפירונג זאָל זיך געפינען אין פּוילן, און דאָס אויספיר־ביוראָ אין ווילנע. ביי די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס ווערן געגרינדעט אָרטיקע קאָמיסיעס.

באַריכט פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע.

אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27טן אָקטאָבער 1927, פּונקט מיט פיר יאָר צוריק, איז צום ערשטן מאָל פאָרמולירט געוואָרן די אַרבעט פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע: קלייבן ווי ווייט מעגלעך סיסטעמאַטיש מאַטעריאַלן פונם יידישן פאָלקסשאַפן אין

אַלע יידישע ישובים פון גאָר דער וועלט און זיי צוגרייטן פאַר די קומענדיקע פאָרשער.

צום ערשטן מאָל איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון אַן אָרגאַניזירטער זאַמלאַרבעט אין אַ ברייטן פאַרנעם. און מיר קענען היינט זאָגן מיט זיכער־קייט, אַז דער פּרווו האָט זיך אונדז איינגעגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז פעלערן זיינען געווען, מיר האָבן דאָך אָנגעהויבן די אַרבעט אָן קיין שום געניטקייט, דערצו איז נאָך אויסגעקומען צו אַרבעטן אין די באַדינגונגען פון אַ פּריוואַ־טער אינסטיטוציע, אָן וואָסערע עס איז פאָנדן און אָן אַ זשורנאַל, וואָס איז נייטיק צו אַזאַ מין אַרבעט.

דער געזעלשאַפטלעכער שיכט, וואָס אויף אים האָבן מיר זיך געדאַרפט אָריענטירן, איז די גרויסע מאַסע פּשוטע פאָלקסמענטשן און די אַזוי־גערופענע פאָלקס־אינטעליגענץ. זיי האָבן פאַקטיש באַשטימט דעם אייגנ־אַרטיקן וועג און אופן פון אונדזער אַרבעט. צום בעסטן אילוסטרירט דעם צוזאַמענשטעל פון אונדזער זאַמלערשאַפט די אַנקעטע, וואָס מיר האָבן דורכ־געפירט וועגן זייערע פּראָפעסיעס. פון 136 זאַמלער, וואָס האָבן אויף אונד־זער אַנקעטע געענטפערט, זיינען:

43 פיזישע אַרבעטער (שניידער, וועבער, זעצער, שוסטער, בעקער, פריזירער, טרעגער, שלאָסער, סטאָלער);
27 אָנגעשטעלטע;
18 שילער,
15 לערער,
8 סוחרים,
7 זשורנאַליסטן,
2 ישיבה־בחורים,
2 שמוביקע.

אין אַלגעמיין זיינען מיר געשטאַנען אין פאַרבינדונג אין משך פון די פיר יאָר מיט 500 זאַמלער פון: פוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, ארץ־ישראל א״אַ.

אַזוי ווי די יידישע עטנאָגראַפישע אַרבעט האָט ביז דעם ייוואָ אַרומ־גענומען צום גרעסטן טייל פאָלקסלידער און שפּריכווערטער, האָבן מיר באַ־שלאָסן אין דער ערשטער ריי זיך צו פאַרנעמען גראָד מיט אַנדערע געביטן. אונדזער ערשטע אַנקעטע איז געווען וועגן יידישע לעגענדעס. ס'איז געווען אַ נייס און האָט פאַראינטערעסירט די נייע זאַמלער. גלייכצייטיק זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן כללים פאַר זאַמלער און אַן אויפרוף צו זאַמלען און אויפהיטן די אוצרות פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג.

פון וואַנען האָבן מיר גענומען זאַמלער? די אַנקעטעס, כללים, אויפ־רופן פלעגן מיר צעשיקן אין אַלע יידישע צייטונגען פון גאָר דער וועלט, און אַ גרויסער טייל אויסגאַבעס פלעגט דאָס אָפּדרוקן. אַ סך פריינד זיינען

צו אונדז געקומען דורך לייענען אונדזערע אויפרופן צי אַנקעטעס אין די צייטונגען. אַ חוץ דעם האָבן מיר באַקומען אַדרעסן פון קאָרעספּאָנדענטן פון דער „ייד. פילאָלאָגיע“, פון לערער און שולן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער ייש״אָ פון וואַרשע.

כּדי צו פאַרפעסטיקן דעם קאָנטאַקט מיט די נייע זאַמלער, האָבן מיר געמוזט אין אונדזערע בריוו זיי ענטפערן אויף אַלע זייערע פראַגן און ספיקות, אָנווייזן זיי די וויכטיקייט פון די פאַרשיידענע געביטן, אויפמערקזאַם מאַכן אויף פאַרשיידענע ערשיינונגען, דערקלערן זיי די עלעמענטאַרע באַגריפן אין דער פאָלקסקענטעניש אאַז״וו. אַזוי למשל: אַ זאַמלער שיקט צו אַ לידער־זאַמלונג, ווייזן מיר אים אָן, אַז אַ ליד אָן אַ ניגון פאַרלירט דעם ווערט, אַז מען מוז אומבאַדינגט אויסזוכן אַ נאָמען־שרייבער און אים צוציען צו פאַרשרייבן ניגונים צו די געזאַמלטע לידער; האָבנדיק שוין די דערפאַרונג פון אַנדערע שטעט, ווייזן מיר אָן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן זאַמלער־קרייזן; די זאַמלער האַלטן זיך אין קלאָגן אויף זייערע ערשטע דורכפאַלן: דאָ האָט מען אים אָפּגעזאָגט, דאָ אויסגעלאַכט, דער וויל אָן געלט ניט דערציילן; אָדער דער זאַמלער וויל וויסן, ווי אַזוי דערקענט מען אמתע פאָלקסשאַפונג פון אַ נאָכגעמאַכטער נאָך ליטעראַטור, וואָס טוט מען מיט די „גראָבע זאַכן“, וואָס עס איז אַ חרפּה איבערן מויל צו ברענגען אאַז״וו, אאַז״וו.

אין משך פון די ערשטע צוויי יאָר האָט די קאָמיסיע אַדורכגעפירט אַן אויספאָרשונג פון יידישע יומטוב־מנהגים. ס׳זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנקעטעס וועגן אַלע ימים־טובים; זיי זיינען אַרויס ערב דעם נעגעבענעם יומטוב, כּדי די זאַמלער זאָלן אַזוי־ערנאָך קענען גוט אָבסערווירן די אַלע מנהגים און פירונגען אין זיי שפּעטער באַשרייבן.

ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן אַן אומגעהייער אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל פון די פאַרשיידנסטע געגנטן. ס׳זיינען אויפגעדעקט געוואָרן אַלטע מנהגים, ווי למשל, דאָס הייצן די אויוונס צו די סדר־נעכט, אָדער דאָס גיין מיט אַ שמאַטע־פיגור אַחרון של פּסח.

אַ ספּעציעל רייכן און פאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל האָט אַריינגעבראַכט די פּורים־אַנקעטע: כּלערליי מינים גראַגערס, המן־קלאַפּערס, מאַסקעס, לידער, באַשרייבונגען, פּורים־שפּילן א״אַ. ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגן מיר שוין 61 פּורים־שפּילן.

פאַראַיאָרן האָבן מיר אויפן סמך פון דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל איבערגעאַרבעט אונדזערע יומטוב־אַנקעטעס און זיי אַרויסגעגעבן אַלע צוזאַמען אַלס די ערשטע בראָשור פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע.

די קאָמיסיע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַן אַנקעטע וועגן קינדערשאַפונג, חברה־קדישא און אירע מנהגים און אַ גרויסע אַנקעטע וועגן יידישע

פאָלקס־מעשיות. ס'זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן קלענערע פאָרשונגען פון באַזונדערע מנהגים ווי: „אָפּשערעניש", נוסחאות פון קלאָגערייען נאָכן טויט א"אַ.

דעצעמבער 1928 איז אויסגעשריבן געוואָרן אַ קאָנקורס אויף די בעסטע עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלן. צום קאָנקורס האָבן זיך געמאָלדן אַ סך נייע טיכטיקע זאַמלער פון געגנטן, וואו מיר האָבן פריער נים געהאַט קיין קאָרעספּאָנדענטן, ווי בעסאַראַביע, מזרח־גאַליציע א"אַ. די אַרבעט פון די פריערדיקע זאַמלער איז אויך געוואָרן אינטענסיווער און האָט אַריינגעבראַכט נאָך אַ היפּשן מאַטעריאַל.

פעברואַר 1929 איז אַרויס די צווייטע בראָשור פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע:

„וואָס איז אַזוינס יידישע עטנאָגראַפיע? (האַנטביכל פאַר זאַמלער)" — אַ ביכל, וואָס אויף דעם האָבן אונזערע זאַמלער שוין לאַנג שטאַרק אַרויסגעקוקט און וואָס וועט זיי בלי־ספק ברענגען אַ סך נוצן אין זייער זאַמלערישער אַרבעט. צום ערשטן מאָל איז דאָרט געמאַכט געוואָרן דער פּרוּוו צונויפצושטעלן אַן עטנאָגראַפישע טערמינאָלאָגיע און צו באַשטימען די אַלע באַגריפן, וואָס גייען אַריין אין געביט פון עטנאָגראַפיע.

ס'איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ פאָנעטישער טראַנסקריפּציע. טייל זאַמלער און זאַמלער־קרייזן פאַרשרייבן שוין די זאַמלונגען אין דער דאָזיקער טראַנסקריפּציע.

איבער 50.000 נומערן פון דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל זיינען שוין ביי היינטיקן טאָג אינווענטאַריזירט. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז פונאַנדערגעטיילט אויף גרויסע געביטן ווי: לעגענדעס, מעשיות, לידער, אַנעקדאָטן, ווערטלעך, פאָלקס־מעדיצין, ימים־טובים א'אַ. יעדע אָפּטיילונג האָט נאָך אונטעראָפּטיילונגען, וואָס ווערן באַשטימט לויט די באַזונדערע מאָטיוון, אָביעקטן אאַז"וו.

צום 1טן יאַנואַר 1929 האָבן מיר געהאַט: שפּריכווערטער און ווערטלעך 27.374; קינדער־שפּילן, — לידער, — ווערטלעך א"אַ 4.163; זאַבאָבאָנעס און פאָלקס־מעדיצין 3.764; לידער 3.031; אַנעקדאָטן 2.319; מעשיות און לעגענדעס 1.727; מנהגים 726; פּורים־שפּילן 61; ניגונים 523. סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז די גאַנצע צייט געווען ח. כאַיעס.

צום באַריכט פון דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע באַקומט דאָס וואָרט

נ. ו ו י י נ י ג (ווילנע). דער באַריכט וועגן דער ביז־איצטיקער עקזיסטענץ פון אונדזער קאָמיסיע איז אויף אַזוי פיל אויספירלעך, אַז איך קען באַלד אַריבער צו דער פראַגע, וואָס מיר קלערן צו טאָן ווייטער.

1. קודם-כּל פירן מיר ווייטער אונדזער פאָרש-אַרבעט אויף דעם זעלביקן אופן ווי ביז איצט: דורך אַנקעטעס. אויפן ערשטן פּלאַן גייט די צונויפזאַמלונג פון זאַבאַבאָנעס און די אויספאָרשונג פון דער יידישער פאָלקס-מעדיצין. אין אונדזערע נאָענטסטע אַנקעטעס וועלן מיר זיך מאַכן פאַרגעמען מיט די דאָזיקע געביטן.

2. פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער אַרבעט טרעטן מיר צו צונויפצושטעלן קאַטאַלאָגן פון אונדזערע זאַמלונגען. אַלס ערשטער וועט צונויפגעשטעלט ווערן אַ קאַטאַלאָג פון יידישע מעשיות לויט דער סיסטעם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער פאָלקלאָריסטן-פעדעראַציע (F. F.). דער דאָזיקער קאַטאַלאָג וועט אַרומנעמען סיי די פון אונדז געזאַמלטע, סיי אַלע וועלן און וואו עס איז געדרוקטע יידישע פאָלקס-מעשיות.

3. ס'זיינען שוין אָנגעהויבן געוואָרן די אַרבעטן פאַר אַ ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער עטנאָגראַפיע. ווי אָרעם ס'איז ניט די יידישע עטנאָגראַפישע וויסנשאַפט, זיינען פונדעסטוועגן אין צענדליקער צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן צעוואָרפן אומגעהייער וויכטיקע מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן געקענט בלי-ספק ברענגען אַ גרויסן נוצן די היינטיקע פאָרשער און וואָס מיר האָבן פון זיי אַפילו קיין השגה ניט. מען מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל צונויפנעמען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. מיר הייבן אָן די אַרבעט פון צונויפנעמען די עטנאָגראַפישע ליטעראַטור אין יידיש.

4. די פראַגע וועגן עקספּעדיציעס איז איינע פון די האַרבע פראַגעס, וואָס מאַטערן אונדז פון אָנהייב אָן. ווי גוט ס'זיינען ניט די זאַמלונגען פון אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן, ווערן זיי דאָך פאַרשריבן פון מענטשן ניט קיין געשולטע, וואָס נאָר זייער וואַרעמע באַציונג צו דער יידישער קולטור האָט זיי געבראַכט צו אונדז. און אַ חוץ אַלץ: פאַראַן נאָך היינט געגנטן אין מזרח-גאַליציע, וואָלין, קאַרפּאַטן-רוסלאַנד, וואו ס'גליווערט נאָך דאָס ריינע פאַרצייטיקע יידישע לעבן. ס'איז אַן אומגעהייער רייכער קוואַל פאַר דער יידישער עטנאָגראַפיע. דאָס זיינען פאַרוואָרפענע געגנטן, שטעטלעך און דערפלעך, וואָס אונדזער רוף דערגייט ניט אַהין. מען מוז זיך צואײַלן, ווייל מיט יעדער יאָר גייען פאַרלאָרן אוצרות יידיש פאָלקסשאַפן. מיר טאָרן ניט וואַרטן, ביז וואַנען ס'וועט עמיץ פון דאָרטן אונדז קומען צו הילף, ווייל ס'קען אַמאָל זיין שוין צו שפּעט.

אויף פאַראַיאָרן ווינטער איז געווען געפּלאַנט אַ פילאָלאָגיש-עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע קיין בורגנלאַנד. מחמת פאַרשיידענע סיבות און דער עיקר מחמת פעלן פון געלט, איז די עקספּעדיציע ניט צו שטאַנד געקומען.

און וועלן מיר האבן שוין א שטיקל פאנד אויף אונדזערע עקספעדיציעס, קאנען מיר גארנישט ניט אנהייבן, כל=זמן מיר האבן ניט אין אונדזער רשות א פ א נ א ג ר א ף, כדי אויפצונעמען ניגונים און דיאלעקטישע ניואנסן. אונדזערע לאנדאנער פריינד האבן זיך אמאל געהאט אונטערגענומען אזא אפאראט פאר אונדז צו באזארגן, אבער זיי זיינען לעת=עתה געבליבן ביים צוזאג. מוזן מיר ווארטן, אפשר וועלן זיך נאך געפינען פריינד, וואס וועלן אויף זיך נעמען די דאזיקע הוצאה, וואס באטרעפט סך=הכל א וואסערע 200—250 דייטשע מארק.

5. שוין ביים אנהייב פון אונדזער ארבעט האט זיך געפילט א נויטווענדיקייט פון אן ע ט נ א ג ר א פ י ש ע ר ה א נ ט = ב י ב ל י א ט ע ק. מיר האבן זיך שוין אין אונדזערע ערשטע ידיעות געווענדט צו אלע וויסנשאפטלער, מחברים, זיי זאלן אונדז אריינשיקן ביכער פאר אונדזער ביבליאטעק. צום באדויערן האבן זיך נאר א צוויי=דריי פריינד אפגערופן. מיר האבן זיך אבער פארט איינגעשאפט, דורך אויסבייט און א ביסל אויך פאר געלט, א האנט=ביבליאטעק פון 360 ביכער, וואס צווישן זיי געפינען זיך אזעלכע, ווי: ליליענקראנס דייטשע היסטארישע פאלקסלידער (4 בענד), ערק און בעמע, דייטשער לידערהארט (3 בענד), ביגלאייזנס עטנאלאגישע שטודיעס, אפאנאסיעוו, גרים, שעפטלאוויץ, אוועלאלעמאן און אנדערע.

מיר ווענדן זיך ביי דער געלעגנהייט צו אלע פריינד מיט דער הייסער בקשה צוצושיקן אונדז פאר אונדזער ביבליאטעק אלץ, וואס האט נאר א שייכות צו עטנאגראפיע, סיי יידישער, סיי אלגעמיינער.

6. מיר ווילן, אז אונדזער קאמיסיע זאל ווערן א צענטראלער פונקט, וואו יעדער פארשער פון יידישער עטנאגראפיע זאל קענען באקומען ידיעות וועגן אלע פארהאנענע זאמלונגען, וואס געפינען זיך ביי אונדז, אדער ביי איינצלנע פארשער פריוואט. אזא מין אינסטיטוציע איז אמאל געווען די F. F. די אינטערנאציאנאלע פאלקלאריסטן=פעדעראציע. אויך מיר מוזן זען צו שאפן אזא פעדעראציע פון אלע פארשער פון דער יידישער עטנאגראפיע.

7. עס איז נייטיק איינצוארדענען הודשדיקע קורסן פאר זאמלער, כדי אויסצובילדן טוער פון דער עטנאגראפישער קאמיסיע אויף די ערטער.

8. עס איז נייטיק וואס צום גיכסטן ארויסצולאזן א באנד פאר פאלקלאר פון די זאמלונגען פון דער עטנאגראפישער קאמיסיע פון ייווא.

9. מען דארף צומרעטן צונויפצושטעלן א מעזאורום פון די יידישע שפריכווערטער.

אויב מיר וואלטן פאר אונדזער קאמיסיע געהאט א בודזשעט פון א 150—200 דאלער א חודש, וואלטן מיר געקאנט אלע אויפגאבעס באזארגן.

צולעצט וויל איך נאָך מאַכן אַ פאָרשלאָג פון מיין זייט, אַז די עטנאָ־גראַפּישע קאָמיסיע זאָל מחמת איר חשיבות רעאָרגאַניזירט ווערן אין אַ זעלבשטענדיקער עטנאָגראַפּישער סעקציע.

באַריכט פון דעם אַרכיוו פון דעם ייוואָ.

די רעגיסטראַציע אין דעם אַרכיוו פון ייװאָ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1טן נאָוועמבער 1926. ביז היינט (15טער אָקטאָבער 1929) זיינען אינעם איגוונטאַר־בוך אַריינגעפירט געוואָרן 10960 נומערן פון פּעריאָ־דישער פּרעסע און אַנדערע מאַטעריאַלן, דערביי ווערט אַ גאַנצער יאָרגאַנג פון אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע גערעכנט פאַר איין נומער. אַלע פּעריאָדישע אויסגאַבעס זיינען אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג: „צענטראַלער אַרכיוו פון דער יידישער פּרעסע", אין וועלכער עס זיינען ביז איצט פאַר־רעגיסטרירט געוואָרן איבער 3700 יאָרגענג.

ווען מ'זאָל באַטראַכטן די צאָל נומערן, וואָס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין יעדן יאָר באַזונדער, באַקומט מען אַזאַ בילד:

פון 1טן נאָוועמבער 1926 ביזן 1טן נאָוועמבער 1927 זיינען פאַר־רעגיסטרירט געוואָרן 7900 נומערן, צווישן זיי אַן ערך 1700 יאָרגענג פון דער פּעריאָדישער פּרעסע.

פון 1טן נאָוועמבער 1927 ביזן 1טן נאָוועמבער 1928 זיינען פאַר־רעגיסטרירט געוואָרן 1390 נומערן, צווישן זיי אַן ערך 300 יאָרגענג פון דער פּעריאָדישער פּרעסע. די לפי־ערך קליינע צאָל נומערן דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער אַרכיוו האָט פון דעצעמבער 1927 (ווען ח' ב. לעווין האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן) ביזן 1טן אָקטאָבער 1928 (ווען ד"ר יעקב גאָרדאָן האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן) ניט געהאַט קיין שטענדיקן מיטאַר־בעטער; עס פלעגט בלויז אינוונטאַריזירן פון צייט צו צייט ח' מ. אידעל־סאָן, וואָס אַרבעט מיט אין אַרכיוו פון דעם ערשטן טאָג אָן און ביז היינט.

פון 1טן נאָוועמבער 1928 ביזן 15טן אָקטאָבער 1929 זיינען פאַר־רעגיסטרירט געוואָרן 1670 נומערן — אויסשליסלעך פּעריאָדישע אויס־גאַבעס.

די צאָל נאָך ניט אינוונטאַריזירטע מאַטעריאַלן איז צום ווייניקסטן טאָפּל אַזוי גרויס.

די מאַטעריאַלן, וועלכע געהערן ניט צו דער פּעריאָדישער פּרעסע, זיינען קלאַסיפיצירט לויט די פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען (די קלאַסיפיקאַציע איז אַ פליסיקע, פון צייט צו צייט ווערט דער מאַטעריאַל איבערגרופּירט):

„אָזע" און „טאָז". — איינטאָגבלעטער. — אַלגעמיינע דרוקזאַכן. — צפּישן וועגן פאָרלעזונגען. — אַפּישן און פּראָגראַמען פון אָוונטן. — אַקאַ־דעמישע אָרגאַניזאַציעס. — אַרבעטער־עמיגראַציע. — אַרבעטער־קאָאָפּע־

דאַציע. — „אָרט"־דרוק־מאַטעריאַלן.—אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס.—ארץ־ישראל.

„בונד". — ביבליאָטעק־מאַטעריאַלן. — „ברייטבאַרדיאַנא".

דראַמאַטישע שולן און קורסן. — דרום־אַמעריקאַנישע לענדער: בראַזיל, אַרגענטינע א"אַנד.

האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. — הילפס־אַרבעט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין ווילנע (1915—1918). — היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפטן. — העברעישער אוניווערסיטעט.

וואַל־מאַטעריאַלן: צום אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר (1917). — צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין רוסלאַנד. — צו דער 4טער „דומע". — צו די שטאָטראַטן אין רוסלאַנד.—צום סיים אין לעטלאַנד.— צו די קהילות אין לעטלאַנד. — צו די שטאָטראַטן אין לעטלאַנד. — צום גרינדונגס־סיים אין פּוילן אינעם יאָר 1919 און צו די שפּעטערדיקע סיימען. — צו די קהילות אין פּוילן. — צו די קראַנקן־קאַסעס אין פּוילן. — צו די שטאָטראַטן אין פּוילן.

טעאַטער־אַפישן און פּראָגראַמען.

יוגנט־זשורנאַלן. — יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציע און בוקאָווינע. — יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין פּוילן.

לידער, קופּלעטן. — ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיינען.

מאַטעריאַלן פון דער אוקראַינישער הערשאַפט אין מזרח־גאַליציע (1918—1919). — מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (1905—1906). — מאַטעריאַלן וועגן דער פאָלקסציילונג אין עסטרייך 1910. — מודעות פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. — מודעות פון יידישע קהילות אין פּוילן.

סאָצ' דעמ' פּאַרטיי פון קיניגרייך פּוילן און ליטע. — סוחרים־ און קליינהענדלער־אָרגאַניזאַציעס. — ס"ס. — ספּאָרט־באַוועגונג אין פּוילן.

עמיגראַציע־געזעלשאַפטן. — ענגלאַנד.

פּועלי־ציון.—פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.—פּראָפעסיאָנעלע שולן.— פּריוואַטע מודעות. — פּרעסע: פּראָספּעקטן, מעלדונגען.

פאָלקס־פּאַרטיי. — פאַראייניקטע (ס"ס און י"ס). — פרויען־באַוועגונג.

צדקה־חברות: 1) אַלגעמיינע, 2) מעדיצינישע און מושב־זקנים, 3) געזעלשאַפטן פאַר יתומים און קינדער־פאַרזאָרגונג. — ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. — ציוניסטישע באַוועגונג: 1) אַלגעמיינע; 2) קרן־היסוד; 3) קרן קימת לישראל; 4) החלוץ, השומר און יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס; 5) ציוניסטישע קאָנגרעסן. — צענטראַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס.

.קאָמ׳ מאַטעריאַלן. — קולטור= און בילדונגס=געזעלשאַפטן. — קונסט=אויסשטעלונגען. — קונסט=געזעלשאַפטן.

רומעניע. — רעליגיעזע ענינים (מודעות פון רבנים, וועגן רעליגיעזע דינים, מנהגים וכו׳).

שול=וועזן: יידיש=וועלטלעכער, רעליגיעזער, העברעיִשער, פּריוואַטער. — שילער=זשורנאַלן.

באַריכט פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע.

די ביבליאָגראַפישע צענטראַלע האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן דעם 1טן יאַנואַר 1926 מיטן צוועק צו רעגיסטרירן די גאַנצע לויפיקע בוך=פּראָדוקציע. פון יאָר צו יאָר איז די טעטיקייט פון דער צענטראַלע געשטיגן, ווי דאָס איז צו זען פון אַזוינע ציפער: אין משך פון 1926 זיינען אָנגעקומען 150 צייטשריפטן, אין 1928 — 329. אין אַן ענלעכער פּראָפּאָרציע איז אויך געוואַקסן די צאָל ביכער, וואָס מחברים און פאַרלעגער שיקן אַריין אין דער צענטראַלע צום רעגיסטרירן.

די צאָל קאַרטלעך אין דער רעגיסטראַציע האָט זיך אויך מער ווי פאַרטאָפּלט: אין 1926 זיינען פאַרצייכנט געוואָרן ביי 10.000 קאַרטלעך, 1927 — 16.000 און 1928 ביי 22.000.

אין נאָוועמבער 1928 איז אַרויס פון דרוק דער ערשטער באַנד „ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייוואָ”. ער גיט רשימות פון: א) די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און איינטאָג=בלעטער אין 1926, ב) אַלע ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין 1926, ג) אַרטיקלען פון צייטשריפטן און צייטונגען פאַר 1926 וועגן וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט, ד) אַלע ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין 1927. צוזאַמען האַלט דער באַנד (ביי 30 דרוק=בויגן פּעטיט=זאַץ) העכער 10.000 ביבליאָגראַפישע איינסן, קלאַסיפיצירט לויט דער דעצימאַלער סיסטעם.

דאָס ביבליאָגראַפישע יאָרבוך איז דער אָנהייב פון אַ סיסטעמאַטיש געפירטער יידישער ביבליאָגראַפיע, און אין דעם זינען איז די אויסגאַבע טאַקע באַגריסט געוואָרן פון דער קריטיק מיט פיל סימפּאַטיע.

דער כתב=יד פון דעם צווייטן באַנד „ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייוואָ” איז שוין זינט חדשים פאַרטיק צום דרוק; דעם מאַטעריאַל פאַר 1928 וואָלט מען אויך גאַנץ גיך געקענט מאַכן דרוקפאַרטיק. ליידער האָט זיך דאָס אַרויסגעבן פאַרהאַלטן צוליב מאַטעריעלע טעמים. ערשט איצטער זיינען די מניעות טיילווייז באַזייטיקט געוואָרן, און אין דער נאָענטסטער צייט טרעט מען צו צו זעצן דעם צווייטן באַנד.

אין משך פון די ערשטע יאָרן האָט די צענטראַלע געהאַט גרויסע שוועריקייטן צוליב דעם, וואָס אַ געוויסער טייל פון דער אויסלענדישער

יידישער דרוק־פּראָדוקציע ווערט ניט אַריינגעלאָזן אין פּוילן. ערשט סאַמע סוף 1928 האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום דורך דער פאַראָרדענונג נומ. A. A. 1755/2 – 28 געגעבן דעם ייוואָ, ווי אַ וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע דאָס רעכט צו באַקומען אַלע דרוק־זאַכן פון אַ יידישן אינהאַלט אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי ווערן בדרך כּלל אַריינגעלאָזט אין לאַנד אָדער ניט. אַ דאַנק דעם איז די רעגיסטראַציע פון דער צענטראַלע געוואָרן אַ סך פולקומער.

די ביבליאָגראַפישע צענטראַלע שטייט אין פאַרבינדונג מיט אַ גאַנצער ריי אינסטיטוציעס, וועלכע העלפן איר אויס אויפן באַזיס פון קעגנזייטיקייט.

*

לויט איר געדאַנק און אירע כּללים דאַרף די ביבליאָגראַפישע צענטראַלע רעגיסטרירן די דרוק־פּראָדוקציע ניט בלויז אין יידיש, נאָר אויך אין העברעיִש און אַנדערע שפּראַכן, אויף וויפיל דאָס איז שייך צו יידישער וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט. ליידער זיינען מיר אין דעם פּרט נאָך זייער ווייט פון אונדזער ציל, ווייל ניט געקוקט אויף די פילמאָליקע ווענדונגען צו די צייטשריפטן און ביכער־פאַרלאַגן, וואָס דרוקן ניט אין יידיש, באַקומען מיר דערווייל בלויז אַ קליינעם טייל פון די געבעטענע אויסגאַבעס. ממילא קען אויך די רעגיסטראַציע ניט זיין קיין פולע. פאַר 1926 איז די צאָל ביבליאָגראַפישע איינסן אין די שפּראַכן אויסער יידיש געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט קיין זינען ניט געהאַט אַריינצונעמען זיי אין דעם יאָרבוך. אין 1927 האָט זיך די סיטואַציע ניט קיין סך געהאַט געבעסערט. אין דעם יאָרבוך פאַר 1928 וועט שוין אפשר יאָ מעגלעך זיין אָפּצודרוקן אויך מאַטעריאַל ניט אין יידיש, ווייל עס איז אַ האָפענונג, אַז דער סכום פאַרצייכענונגען, וואָס איז ביי אונדז פאַראַן, קען שוין האָבן אַ ווערט פאַר דעם באַנוצער פון די יאָרביכער.

באַזונדערס גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר ביים באַקומען די העברעיִשע פרעסע פון ארץ־ישראל, הגם מיר האָבן אונדזערע ווענדונגען וועגן עקזעמפּלאַרן איבערגעחזרט אַ סך מאָל. די העברעיִשע פאַרלאַגן פון ארץ־ישראל האָבן אונדז נאָך ביז איצטער גאָרניט צוגעשיקט.

די רשימה פון 329 צייטשריפטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין 1928, זעט אויס לויט די שפּראַכן אַזוי: יידיש 260, פּויליש 20, דייטש 18; העברעיִש 16, ענגליש 6, שפּאַניש 3, פראַנצויזיש 2, רומעניש 1, רוסיש 1, אונגאַריש 1, האָלענדיש 1.

דורך דעם דאָזיקן עפנטלעכן באַריכט ווענדן מיר זיך ווידער אַמאָל צו אַלע אַרויסגעבער פון ביכער, צייטשריפטן און צייטונגען איבער דער גאַנצער וועלט מיט דער בקשה צוצושיקן אונדז צו איין עקזעמפּלאַר פון זייערע פּובליקאַציעס.

דער עקזעמפּלאַר, וואָס זיי שיקן אונדז, איז ניט קיין פֿאַרפֿאַלענער. דער אינהאַלט ווערט פֿאַרצייכנט אויף קאַרטלעך און גייט אַריין אין די ביבליאָגראַפֿישע יאָרביכער — קריגט אויף אַזאַ אופֿן די זאַך אַ ברייטן און דויערנדיקן פּירסום; און די אויסגאַבעס גופֿא בלייבן דערנאָכדעם לדורות אין דעם אַרכיוו (פּעריאָדיקאַ) אָדער אין דער ביבליאָטעק (ביכער) פֿון ייִוואָ, צוטריטלעך פֿאַר יעטווידן פֿאָרשער.

אויך די פֿריינד זאַמלער פֿון ייִוואָ דאַרפֿן כּסדר האָבן אין זינען די ביבליאָגראַפֿישע צענטראַלע. פֿאַרלאָזט זיך ניט אויף דעם, אַז די אַרויסגעבער וועלן שוין סיי ווי אַריינשיקן זייערע פּובליקאַציעס; דערצו איז נאָך פֿאַראַן אַ היפּשע צאָל דרוק־זאַכן (באַריכטן, אויפֿרופֿן אאַז״וו), וואָס ווערן אין דער פּרעסע ניט אַנאָנסירט און וואָס מיר ווייסן אַפֿילו ניט אײַנצומאָנען. איבערהויפּט דאַרפֿן אינפֿאָרמירן וועגן נײַע אויסגאַבעס (אָדער נאָך בעסער, באַלד עס צושיקן) יענע זאַמלער, וואָס זיצן אין פּונקטן, וואו קיין שטענדיקע ייִדישע פֿאַרלעגערישע טעטיקייט איז ניטאָ.

זאָלן אונדז העלפֿן — עס ליגט אויך אין זייער אייגענעם אינטערעס — די אַרויסגעבער, זאָלן אונדז העלפֿן אונדזערע פֿריינד און זאַמלער, וועט יעמאָלט די ביבליאָגראַפֿישע צענטראַלע קענען באמת ערפֿילן איר אויפֿגאַבע צו געבן אַ פֿולשטענדיקע רעגיסטראַציע פֿון דער ייִדישער דרוק־פּראָדוקציע.

באַריכט פֿון טעאַטער־מוזיי א״נ פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקי.

דער טעאַטער־מוזיי אויפֿן נאָמען פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקי בײַם ייִוואָ איז געגרינדעט געוואָרן אָנהייב 1925 פֿון זיגמונט און אידע טורקאָוו — דעם איידעם און דער טאָכטער פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער קינסטלערין. אַחוץ דעם אייגענעם רײַכן אַרכיוו פֿון דער פֿאַמיליע קאַמינסקי, זײַנען אין דעם מוזיי אויסגעשטעלט געוואָרן זאַכן, וואָס זיגמונט טורקאָוו האָט באַקומען פֿון אַנדערע ייִדישע אַרטיסטן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן מאַכן נאָך עד־היום אויס דעם קערן פֿון דעם מוזיי, וועלכער איז אין 1927 אַריבערגעגאַנגען צום ייִוואָ. דאָ זײַנען צוגעקומען די גרעסערע זאַמלונגען פֿון ייִדישן אַרטיסטן־פֿאַראיין אין וואַרשע, פֿון נחום ליפּאָווסקי און די ראַפּפּעלס און די קלענערע — פֿון איסר בעזמאַן, יצחק פּעטרקאָוו, ק. עבעל, טאַרטשינער, ל. זילבערצווייג, א. קאָלאָדני אאַז״וו. אַחוצדעם ווערן די זאַמלונגען פֿונעם מוזיי שטענדיק דערגאַנצט דורך שיקונגען פֿון ייִדישן אַרטיסטן־פֿאַראיין אין וואַרשע א״אַ. עד־היום זײַנען פֿולשטענדיק געאָרדנט און אינווענטאַריזירט איבער 1300 אינווענטאַר־נומערן. אויסגעשטעלט אין מוזיי זײַנען בערך 400. די איבעריקע געפֿינען זיך אין אַרכיוו פֿון מוזיי.

איבער 100 פאָטאָגראַפיעס געפינען זיך אין דעם קאַמינסקי־אַרכיוו. זיי אַלע שטעלן כמעט אויסשליסלעך פאָר אסתּר־רחל קאַמינסקי אָדער מיטגלידער פון איר משפּחה.

צווישן די דרוקזאַכן פון קאַמינסקי־אַרכיוו איז צום וויכטיקסטן די אַפישע פון ערשטן אויפטריט אסתּר־רחלס אויף דער בינע — נאָך אונטער איר מיידלשן נאָמען היילפּערן — אַלס מרים אין גאָלדפאַדענס „בישופּ־מאַכערין" אין וואַרשע, דעם 2טן (14טן) נאָוועמבער 1892. אחוץ דער דאָזיקער אַפישע איז פאַראַן אין מוזיי אַ רײ פּראָגראַמען צו פאָרשטעלונגען מיט דעם אָנטייל פון אסתּר רחל. אַ טייל פון די פּראָגראַמען איז געדרוקט נאָר אין רוסיש.

עס געפינען זיך אין אַרכיוו פון מוזיי 80 בריוו פון אסתּר־רחל קאַמינסקי.

אין דעם אַרכיוו פון דעם מוזיי געפינט זיך אויך אַ מאַנוסקריפּט פון זכרונות, וואָס א. ר. קאַמינסקי האָט געשריבן, קענטיק, לויט דער אויפמונטערונג פון דעם „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק. ער באַשטייט פון 36 גרויסע בויגנס און 7 פערטל בויגנס פּאַפּיר, געדיכט באַשריבן מיט אסתּר־רחלס כאַראַקטעריסטישער האַנטשריפט.

וויכטיק איז אויך די רײ דערלויבענישן צו שפּילן יידישן אָדער „דײַטשן" טעאַטער, אַרויסגעגעבן א. י. קאַמינסקין פון דער רוסישער מאַכט, וואָס געפינען זיך אין א. ר. קאַמינסקי־אַרכיוו. פאַראַן אויך היפּש רעצענזיעס איבער א. ר. קאַמינסקיס שפּילן.

דער מוזיי פאַרמאָגט אויך באַגריסונגען און צייטונגס־אויסשניטן פון אַרטיקלען לכּבוד דעם 20יאָריקן יובילײ פון א. ר., וואָס איז געפייערט געוואָרן 1913—1914, און דעם 30יאָריקן יובילײ, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט דער יידישער אַרטיסטן־פאַראיין אין וואַרשע אין יאָר 1923.

אַ רײ אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און זכרונות וועגן דער קינסטלערין געפינט זיך אין דעם ספּעציעל לכּבוד דעם יובילײ אַרויסגעגעבענעם נומער פון „טעאַטער און קונסט". אין מוזיי איז פאַראַן איין עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן זשורנאַל, געדרוקט מיט זילבערנע אותיות ספּעציעל פאַר דער יובילאַרין.

צו דעם טויט פון אסתּר־רחל קאַמינסקי (זי איז געשטאָרבן דעם 27טן דעצעמבער 1925, אין וואַרשע) געפינט זיך אין מוזיי אַן אומגעהייערע צאָל מיטגעפיל־טעלעגראַמען, בריוו, אַנאָנסן, נעקראָלאָגן, בענדער און שאַרפן פון קרענץ, צייטשריפטן, אינגאַנצן געווידמעט דער פאַרשטאָרבענער, פאָטאָגראַפיעס פון איר לוויה אאַז"וו.

די איבעריקע זאַמלונגען פון טעאַטער־מוזיי זיינען געאָרדנט אין כראָנאָלאָגישן סדר.

פון גאָלדפאַדען אַליין, דעם גרינדער פון דעם יידישן טעאַטער, באַזיצט דער מוזיי: אַ בילד, צוזאַמענגעשטעלט פון 37.404 ווערטער פון „שולמית", אַרויסגעגעבן פון ל. ראַטבלאַט און גאָלדשמידט, לאָנדאָן; אַ רוסישע אַפיש פון קאַמערינעסלאַוו פון 23טן יאַנואַר 1880 (די עלטסטע — אין מוזיי), אַ קליינע אַפיש צו אַ פאַרשטעלונג פון „רבי יאָזעלמאַן" אין זשיגניצער טעאַטער אין בוקאַרעשט אונטער דער אָנפירונג פון גאָלדפאַדען, דעם 15טן יולי 1892, אַ ריי פאָטאָגראַפיעס פון גאָלדפאַדען, בריוו אאַז"וו.

פון דער גאָלדפאַדען־תקופה פון יידישן טעאַטער (1876—1890) פאַרמאָגט דער מוזיי אַ ריי פאָטאָגראַפיעס פון אַרטיסטן. די פאָטאָגראַפיעס זיינען אַן אויסגעצייכנטע אילוסטראַציע צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין די ערשטע יאָרן פון זיין אויפקום. טייל פאָטאָגראַפיעס זיינען געמאַכט געוואָרן אין: קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קאַירא, פּרעמישלע, טאַרנע א. אַנד.

מחמת דעם פאַרבאָט פון דעם יידישן טעאַטער איז די נאָכקומענדיקע תקופה (1890—1905) געווען אַ צייט פון ירידה פון יידישן טעאַטער אין אייראָפּע און פון זיין אויפבלי אין אַמעריקע. לײדער פאַרמאָגט דער מוזיי גאָרניט אָדער כמעט גאָרניט קיין מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע אין די 80ער און 90ער יאָרן. פון יידישן טעאַטער אין אייראָפּע, דערהויפּט אין גאַליציע, פאַרמאָגט דער מוזיי היפּש פאָטאָגראַפיעס פון אַרטיסטן.

אָנגעהויבן פון 1905 האָט די רוסישע מאַכט ווידער גענומען אַרויסגעבן דערלויבענישן צו שפּילן אויף יידיש. דער מוזיי פאַרמאָגט איינע פון אַזעלכע דערלויבענישן, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם פאַרשטאָרבענעם נ. ליפּאָווסקי פון דעם ווילנער, גראָדנער, קאָוונער ג. גובערנאַטאָר צו אַראַנזשירן אַ ריי פאָרשטעלונגען אויסדריקלעך אויף יידיש. די דערלויניש איז דאַטירט 1908.

פון דער דאָזיקער תקופה זיינען פאַראַן אין מוזיי די פאָטאָגראַפיעס פון דאָס רוב יידישע אַרטיסטן און אַרטיסטינס, באַרימטע און ווייניקער באַרימטע, אין ביידע וועלט־טיילן.

פון די גרויסע מאָדערנע טרופּעס זיינען אין מוזיי פאַרגעשטעלט: „די ווילנער טרופּע", „וויקט" („וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער"), מאָריס שוואַרצס יידישער קונסט־טעאַטער, מאָסקווער קאַמער־טעאַטער (גראַנאָווסקים „גאָסעט"). אַחוץ אַ ריי אַפישן, פּלאַקאַטן, פּראָגראַמען, פאָטאָגראַפיעס פון דער „ווילנער טרופּע", פאַרמאָגט דער מוזיי 7 אַקוואַרעל־עסקיזן פון פריץ קליינמאַן, לעמבערג, און קאָסטיומען פון „דעם זינגער פון זיין טרויער" פון אָסיפּ דימאָוו, געשפּילט פון די „ווילנער" אין לעמבערג, 1928.

פון אונדזערע מאַטעריאַלן וועגן דעם „וויקט", וועלכע באַשטייען פון אַפישן, פּלאַקאַטן, פּראָגראַמען, גרופּנבילדער און בילדער פון איינצלנע אַקטיאָרן, וועלן מיר דאָ דערמאָנען די פאָטאָגראַפיעס צו די אינסצענירונ־

גען. פון ראָמען ראָלאַנס „די וועלף", יעקב פּאַטס „אין גאָלדן לאַנד" און דוד פּינסקים „דער אוצר". אַ מאַקעט פון דעקאָראַציעס פון אַן אַנדער אינסצענירונג פון „וויקט" — „לא תחמוד" — געפינט זיך אויך אין מוזיי.

גאָר ווייניק מאַטעריאַלן פאַרמאָגט ליידער דער מוזיי פון דעם מאָס־קווער יידישן מלוכישן קאַמער־טעאַטער (גראַנאָווסקיס), בלויז עטלעכע פּראָגראַמען און פּלאַקאַטן.

סוף 1928 האָט דער מוזיי באַקומען דעם אַרכיוו פון דעם באַקאַנטן טעאַטער־טוער און מנעמאָניקער, דעם גרינדער פון „יידישן פאָלקסטעאַטער" אין ווילנע, נ ח ו ם ל י פּ אָ װ ס ק י (געשטאָרבן סוף 1928).

פון דעם אַרכיוו זיינען באַזונדערס אינטערעסאַנט די „צענזורקעס" פון יידישע פּיעסן, אַטעסטאַטן, קאָנטראַקטן מיט אַרטיסטן, געשעפטסבוכער, אַ ריי דאָקומענטן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף דער אינעווייניקסטן מצב פון נ. ליפּאָווסקיס טרופּע. זייער וויכטיק זיינען די טעקסטן פון די אָפּמאַכן וועגן אויפפירונגס־רעכט צווישן נ. ליפּאָווסקי און אַ ריי יידישע אָפּערעטן־מוזי־קער. לויט די דאָזיקע אָפּמאַכן לאָזט זיך פעסטשטעלן, ווער עס האָט גע־שריבן די מוזיק צו זייער אַ גרויסן טייל טעאַטער־שטיק פון פּאָפּולערן יידישן רעפּערטואַר.

די זאַמלונגען פון אַ פ י ש ן און פ ר אָ ג ר אַ מ ע ן פון דעם מוזיי זיינען זייער גרויס, די עלטסטע אַפישן שטאַמען פון קאַמינסקים אַרכיוו. די מאָדערנע זיינען צום טייל צוגעשיקט פון דעם אַרטיסטן־פאַראיין, צום טייל פון די אייגענע זאַמלער פון אינסטיטוט.

די זאַמלונג ק אָ ס ט י ו מ ע ן פונעם מוזיי באַשטייט דערווייל פון קאָסטיומען פון אסתּר־רחל קאַמינסקי אין „מירעלע אפרת" און „דער אומבאַקאַנטער" (קאַמינסקי־זאַמלונג).

דער ר אַ פּ אַ פּ ע ל ־ אַ ר כ י װ באַשטייט גרעסטנטיילס פון פּאַרטי־טורן און אָרקעסטרירונגען פון אָפּערעטעס (בערך 80) און אַ ביבליאָטעק פון פּיעסן פון יידישן רעפּערטואַר, צום טייל האַנטגעשריבן, עטלעכע פון זיי — צענזורירטע עקזעמפּלאַרן.

פון ד"ר י ע ק ב ש אַ צ ק י, ניו־יאָרק, האָט דער טעאַטער־מוזיי אין דער גאָר לעצטער צייט באַקומען אַ ריי וויכטיקע מתנות: פאָטאָגראַפיעס פון אַרטיסטן און פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון אויפפירונגען אין קאַ־מער־טעאַטער און אַ סך אַנדערע מאַטעריאַלן.

אַ גרויסער אינטערעס שטעלט פאָר אויך די זאַמלונג פון י. נ אַ ז ש י ק.

אַחוץ די שוין פריער דערמאָנטע, האָבן די פאָלגנדיקע פּערזאָנען גע־געבן דעם טעאַטער־מוזיי גרעסערע אָדער קלענערע מתּנות: נח פּרילוצקי — צ"אַ — אויסשניטן פון אַמעריקאַנער צייטונגען אין שייכות מיט אסתּר־

רחל קאַמינסקים גאַסטשפּילן אין אַמעריקע אין 1909; ד״ר מ. ווייכערט — צ״אַ אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן — אַן אַפּיש פון אַ פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדענס „צוייבערין״ אויף „דייטש״ אין וואַרשע; יוסף ווינאָגראַדאָוו, דער אָפּערנזינגער און איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער אָפּערע אין לאָנדאָן — אַ טייל פון זיין אַרכיוו פון ציימונגס־אויסשניטן, אוימאָגראַפן, פאָטאָגראַפיעס אאַז״וו (ה׳ ווינאָגראַדאָוו האָט אויך צוגעזאָגט איבערצוגעבן דעם טעאַטער־מוזיי אויך די איבעריקע מאַטעריאַלן פון זיין רייכן אַרכיוו); ש. פּערלמוטער — אַ ריי אינטערעסאַנטע דאָקומענטן; ק. עבעל — אַ ריי אינטערעסאַנטע דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס, וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע; י. פּערקאָף — אַ ריי בילדער פון וויכטיקע יידישע אַרטיסטן, קינסטלער, מוזיקער; י. זאַנדבערג — פאָטאָגראַפיעס, אַפּישן, דאָקומענטן, „צענזורקעס״; די ניו־יאָרקער אַרטיסטן ווינשטאָק און מעפּליצקי — אַ ריי אינטערעסאַנטע אָביעקטן; זלמן זילבערצווייג — אַ גרויסע צאָל פאָטאָגראַפיעס, אַפּישן, פּראָגראַמען; פ. רינגהלער — אַ גרויסע צאָל אַפּישן וועגן דער טעטיקייט פון דראַמאַטישן פאַראיין „יובל״ אין פּרעמשילע; סימי ווינשטאָק — אַפּישן און פּראָגראַמען, דערהויפּט פון דעם רומעניש טורנע פון דער „ווילנער טרופּע״; דוד לעדערמאַן — אַפּישן, פאָטאָגראַפיעס אאַז״וו; ה. אַמאַסיע — מאַנוסקריפּטן, זכרונות, פאָטאָגראַפיעס אאַז״וו; אָ. יאַבּלאָנאָווסקי — פאָטאָגראַפיעס פון דעם טעאַטער־דירעקטאָר סאַבּסאַי אין ווילנע; אַנסקי־זאַמלער־קרייז, וואַרשע — טעאַטער־אַפּישן; ד. אַלטשטיין — פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס און איין אַפּיש פון פאָרשטעלונגען אין רינער יידישן טעאַטער (1927—1928); ש. מאָראָווימש — אַפּישן און עטלעכע „צענזורקעס״; א. שוחט — אַ. ווייסהאָף; ל. שוואַרצבערג; זאַמלקרייז פאַר דעם ייוואָ (באָרשטשאָוו); י. שוואַרץ; מ. אַקאַם; זאַמלערקרייז ביים סקיף (ווילנע); י. פאָטאַשינסקי; אינזש. מ. אידעלסאָן, משה לעדער, י. גרינהויז און אַ סך אַנדערע.

די רעגיסטראַציע אין דעם מוזיי האָט זיך אָנגעהייבן דעם 30טן מאַי 1928. ביז צום 22טן יוני 1928 איז זי געפירט פון ח נ ה ש ק ל אַ ר. דעם 19טן סעפּטעמבער 1928 האָט די אַרבעט איבערגענומען פ ר ו מ ע אָ ל ק ע ־ נ י צ ק י און פירט זי עד־היום. עס אַרבעטן אין מוזיי אַחוץ איר ל י ז ע ק אַ נ ט אָ ר אָ ו ו י ט ש און פ אַ נ נ י ש אַ פּ י ר אָ. אויסערדעם ווערט אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעט אויסגעפירט פון דער שול־יוגנט.

די אויסגעשטעלטע אָביעקטן ווערן, אין פאַל פון פאָטאָגראַפיעס, בילדער, ציימונגס־אויסשניטן אאַז״וו, איינגערעמלט; די איבעריקע אויסגעשטעלטע אָביעקטן (מאַנוסקריפּטן, בריוו, קרעניץ אאַז״וו) ווערן ווי ווייט מעגלעך געשיצט אונטער גלעזערנע וויטרינעס; די ניט־אויסגעשטעלטע אָביעקטן ווערן, אין פאַל פון בריוו, ציימונגס־אויסשניטן, אַפּישן, פּראָ־

גראַמען אַז"וו., געקלעפּט אויף טאָוולען, פּאַרביקן פּאַפּיר (יעדער גרעסערע זאַמלונג האָט אַ באַזונדער קאָליר; די אסתּר-רחל קאַמינסקי-זאַמלונג איז פונאַנדערגעטיילט לויט באַשטימטע עפּאָכעס אין לעבן פון דער קינסטלערין; דאָקומענטן פון פאַרשיידענע עפּאָכעס ווערן געקלעפּט אויף פאַרשיידן געפאַרבטן פּאַפּיר) און אויפגעהיט אין ספּעציעלע טעקעס. אין פאַל פון „צענזורקעס", פּאַרטיטורן, אָרקעסטרירונגען אַז"וו., ווערט יעדער דאָקומענט אויפגעהיט אין אַ באַזונדער טעקע, אויך לויט דעם פּרינציפּ, אַז יעדער זאַמלונג באַקומט איר אייגענעם קאָליר (צום ביישפּיל די „צענזורקעס" פון ראַפּפּעל-אַרכיוו ווערן אויפגעהיט אין גרינע טעקעס, פון ליפּאָווסקיס — אין לילאַ); גרויסע בילדער, ווי ווייט ניט אויסגעשטעלט, ווערן אַריינגעשטעלט צווישן צוויי טאָוולען האַרטן קאַרטאָן. די איבעריקע אָביעקטן ווערן אויפגעהיט אין ספּעציעלע, פעסט-פאַרשלאָסענע אַלמערס.

באַריכט פון דער ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק איז איינע פון די ייִנגסטע אָפּטיילונגען פון ייוואָ. מיט קנאַפּע צוויי יאָר האָט זי נאָך אַפילו ניט פאַרמאָגט קיין ווינקל אין די צימערן פון ייוואָ. די ביכער זיינען געווען אין קאַסטנס, אין אַלמערס אין פאַרשיידענע צימערן, וואו ס'איז נאָר געווען פריי אָרט. אין די אַלמערס זיינען די ביכער געשטאַנען אויף איטלעכער פּאָליצע צו עטלעכע רייען, אַזוי, אַז ס'איז שווער געווען צוצוקומען צו זיי און מען האָט ניט געקאָנט אַפילו וויסן, וואָס פאַר אַ ביכער דער אינסטיטוט פאַרמאָגט שוין. ערשט שפּעטער האָט די ביבליאָטעק באַקומען אַ שטענדיקן אָרט — אַ וואַנט אין צימער, וואו ס'האָבן זיך צו יענער צייט געפונען די סטענאָגראַפישע קאָמיסיע און די פּעדאַגאָגישע סעקציע. דערנאָך איז צוגעקומען דער ערשטער גרונטיקער געשאַנק פאַר דער ביבליאָטעק פון ייוואָ — די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם ד"ר פ. ראָזענטאַל-אַנמאָן, מיט אַ 3000 בענד. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אינווענטאַריזירונג און קאַטאַלאָגירונג פון די ביכער. דער קאַרטן-קאַטאַלאָג ווערט געשריבן מיט אַ באַזונדער שריפט, ענלעך צו דער געדרוקטער, כּדי עס זאָל זיין איינהייטלעך און דייטלעך. איצט קאָן מען זיך שוין אָריענטירן אינם צוזאַמענשטעל פון דער ביבליאָטעק. אמת, זי איז נאָך אָרעם לגבי די צוועקן פון אַ וויסנשאַפטלעכן מוסד. זי איז אָבער צונויפגעשטעלט אָן ספּעציעלע אַסיגנירונגען אויף איינקויפן ביכער, זי באַשטייט פון מתּנות, צוגעשיקט פון יחידים, פון זאַמלער-קרייזן און פון די ביכער, וואָס ווערן צוגעשיקט פון די פאַרלאַגן פאַר דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע. אין דעם פּרט איז די ביבליאָטעק איינע אין איר מין. יעדער בוך, יעדער שיקונג איז אַ גרוס פון אַ ווינקל, וואו ס'איז פאַראַן אינטערעס פאַרן ייוואָ. אַזוי אַרום איז די ביבליאָטעק אַן איבעריקער באַווייז פאַר די פּערעם

פון סימפּאַטיע, וואָס ציען זיך צום ייוואָ פון אַלע עקן וועלט. ביי הײַנטיקן טאָג פאַרנעמט די ביבליאָטעק אַן אײַנענעם צימער, פאַרמאָגט ביי 15.000 נומערן, וואָס פון זיי זײַנען 7000 אינווענטאַריזירט.

אויב די ביבליאָטעק איז אָרעם אין כּמות, איז זי אָבער אינטערעסאַנט אין איר איכות. זי פאַרמאָגט אַ סך זעלטענע אָביעקטן, וואָס זײַנען איצט שוין ניט בנמצא אויפֿן ביכער־מאַרק און אויך עטלעכע אוניקומס. זומער 1928 האָט די ביבליאָטעק באַקומען עטלעכע הונדערט ביכער, אַמעריקאַ־נער אויסגאַבן, געזאַמלט דורך דער אַמעריקאַנער סעקציע. געלערנטע און שריפֿטשטעלער שיקן אַריין זייערע ווערק, פאַרשיידענע געזעלשאַפֿטן און אינסטיטוציעס שיקן צו זייערע באַריכטן. לעצטנס איז שוין, קענטיק, גע־וואָרן אַ מנהג פאַר אַ סך פאַרלעגער אַרײַנצושיקן אין ייוואָ אַלע אַרויסגע־גאַנגענע ווערק. און דעריבער פאַרמאָגט שוין די ביבליאָטעק כּמעט אַלץ, וואָס האָט דערשײַנט אין ייִדיש און וועגן ייִדן אין פּוילן אין 1928 יאָר — און דאָס זעלבע וועט מען שוין זיכער קאָנען זאָגן אָנהייב 1930 וועגן דער ייִדישער בוך־פּראָדוקציע פון יאָר 1929.

אין דער נאָענטסטער צייט ווערט געפּלאַנט אַ פאַרשטאַרקטע זאַמל־אַקציע אויף צו קאָמפּלעקטירן די ביבליאָטעק. די אַקציע פירט אַן פריינד פאַלק האַלפּערן. די אַרבעט פון אָרדענען און קאַטאַלאָגירן די בי־בליאָטעק פירט פון ערשטן טאָג אָן פרל׳ הנה גרעטשאַנסקי.

צו דער אַלגעמיינער דיסקוסיע באַקומט דאָס וואָרט

נ. מ י י ז י ל (וואַרשע). עס איז אַ פעלער, וואָס מען האָט צונויפגעבונדן די פראַגן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער מיט דער אייגנטלעכער וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט. מען באַדאַרף זיי אין דער דיסקוסיע פונאַנדערטיילן. איך וועל ריידן וועגן דער אַרבעט פון ייוואָ בכלל.

מיר זײַנען איצטער צעשפּרייט איבער 18 לענדער, און אין אַ האַלב יאָר אַרום קענען מיר זײַן אין 24 לענדער. און מיר האָבן נאָך ניט באַשטימט קיין שאַרפע גרענעצן פאַר דער אַרבעט אין פאַרשיידענע לענדער. עס שטייט די פראַגע: צי אַרבעטן מיר אַלע פאַר דעם אינסטיטוט אין ווילנע אָדער פאַר דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן אינסטיטוט. צי זײַנען מיר אַלע חובבים פון דעם ייוואָ אין ווילנע, צי דאַרפן אַלע ייִדן אין גלות מאַכן אַרבעטן פאַר ירושלים דליטא? עס קען אַמאָל שטיין די פראַגע: צי זאָל אַ טייל פון אינסטיטוט ניט געשאַפן ווערן אין וואַרשע? בערלין קאָן זײַן דער זיץ־אָרט פון סעקציעס — פאַרוואָס טאָר דאָס ניט זײַן וואַרשע? צוליב וואָס זאָל גאַנץ פּוילן מיט איר גאַנצער אָרגאַניזאַציע שיקן מאַטעריאַלן צו י. לעשטשינסקין קיין בערלין? איך בין לעצטנס אַ וואַרשעווער פּאַטריאָט, איך האַלט, אַז אין וואַרשע קען מען אַ סך אויפטון. אָט איז, למשל, דער געדאַנק פון אַ פּרץ־אַרכיוו. דאָס איז

דאך אזוי נאטירלעך, אז ער באדארף זיין אין ווארשע, וואו ס'רין האט געלעבט און געווירקט און וואו אלץ איז נאך פול מיט זיין אטעם.

מען דארף דעריבער באטראכטן דעם כאראקטער און די גרענעצן פון אינסטיטוט. די צווייטע זאך: ווער זיינען די טרעגער פון אינסטיטוט? וועלכע עלעמענטן באדארף מען צוציען? צי באדארף מען זיך אנשפארן אויף דער שמאלער באזע פון די פראלעטארישע שיכטן, צי צוציען ברייטערע קרייזן? אינדזער אינסטיטוט וועט שטענדיק לעבן מיט די מאסן, ער מוז טראגן דעם כאראקטער פון א ברייטער קולטור-געזעלשאפט. אויב מען זאל ארויסגיין פון שטאנדפונקט פון פ' גראמב, אויב דער אינסטיטוט וועט זיך אזוי באגרענעצן, וועלן מיר זיך מוזן אפזאגן פון דער מיטארבעט פון דובנאוון, פון שיפערן און נאך אנדערע. דאס טאר ניט זיין. לאמיר נעמען א ביישפיל פון דער קולטור-ליגע, וואס דרוקט די ווערק פון די דאזיקע געלערנטע און מאנט ניט קיין פראלעטארישן שטעמפל.

ווען איך זאג פארברייטערן די באזע, האב איך פון דער אנדער זייט אין זינען אויך דעם ראטן-פארבאנד. איך ווייס, אז דערווייל איז דער יידישער קיבוץ אין ראטן-פארבאנד אויסגעשלאסן פון דער מיטארבעט מיט אונדז. אבער מיר מוזן דאך פרווון אנקניפן באציונגען מיט די קאטעדרעס אין מינסק און אין קיעוו.

די ארטאגראפישע קאנפערענץ איז, לויט מיין מיינונג, נאך צו פרי. מיר טארן זיך ניט איילן. מען מוז ערשט צוגרייטן פראיעקטן. מען מוז זיך אויך צונויפריידן מיטן ראטן-פארבאנד, כדי צו שאפן אן איינהייטלעכע יידישע ארטאגראפיע אויף גאר דער וועלט.

ג ע ר ג ע ל (צו דער געשעפטס-ארדענונג). איך לייג פאר ניט צו דער-לאזן ווייטער קיין דעבאטע איבער ארגאניזאציאנעלע פראגן, ווייל עס וועט דאך זיין וועגן דעם א ספעציעלער באריכט.

ד"ר ע. ר י נ ג ל ב ל ו ם (ווארשע). עס איז ניט אויפגעטאן געווארן אין ענין פראפאגאנדע אלץ, וואס האט געקאנט ווערן אויפגעטאן. מען האט זיך באגרענעצט אין די ד' אמות פון דער יידישער וועלט. פארשלאגן וועגן סובסידיעס זיינען געשטעלט געווארן צופעליק אין איינציקע שטאטראטן און קהילות. עס איז ניט געווען קיין סיסטעמאטישע אקציע, מען האט ניט אויס-געניצט די סיים-טריבונע. די נייע צענטראלע פארוואלטונג דארף אויף דעם אכט לייגן. מען דארף זיך צונויפריידן מיט די נאציאנאלע מיעוטים. עס דארף אויך געפירט ווערן א פראפאגאנדע אין דער איבעריקער וועלט. אלע אינסטיטוציעס פון ייווא דארפן אריינגיין אין פארבינדונג מיט די געהע-ריקע אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציעס.

מכח דער היסטארישער סעקציע. ביבליאגראפיע איז דער וויכטיקסטער טייל פון דער היסטארישער פארשונגס-ארבעט. מען מוז ניט אנדעריש שאפן

א ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער געשיכטסשרייבונג. עס דאַרף אַלע יאָר ארויסגיין א יאָרבוך פון דער ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער געשיכטע, מען קאָן דאָס אויך פאַרברייטערן אויף דער עקאָנאָמיק פון די יידן אין מזרח-אייראָפּע.

איך בין ניט מסכים מיט נ. מייזיל, אַז דער ייוואָ דאַרף זיין אַ כלל-ישראל אינסטיטוציע. איך וועל זיך אָבער דערויף ניט אָפּשטעלן און וועל ריידן מכּוח פּראַקטישע פאָרשלאָגן. און איינער איז: שאַפן אַ ספּעציעלן אָפּטייל פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. עס זיינען פאַראַן אייניקע ווערק אין דעם געביט, אָבער זיי זיינען איינזייטיקע, פּאַרטייִשע. מיר קאָנען אָנזאַמלען אַנקעטעס א רייכן מאַטעריאַל, דער ייוואָ וועט גאַראַנטירן די אָביעקטיוויטעט פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

בנוגע דער עקאָנאָמישער סעקציע בין איך מסכים מיט ה׳ יעקב לעשטשינסקי, אַז מיר דאַרפן אין אונדזער סטאַטיסטישער פאָרשונג זיך פאַרבינדן מיט יידישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די פאַראיינען פון אַרבעטער, האַנטווערקער, קליינהענדלער און סוחרים.

איך בין געווים פאַר וויסנשאַפטלעכע באַציונגען מיט די ראַטנפאַר-באַנדישע אינסטיטוציעס, אָבער אויב מען שטעלט זיך אויף נ. מייזילס שטאַנדפּונקט, קאָן מען זיך ניט ריכטן, אַז דאָס זאָל קאָנען געמאַלט זיין. מיר מוזן זיך שטעלן אויף דער פּראָלעטאַרישער באַזע. וויסנשאַפט איז קאַמף. אונדז אינטערעסירט מער די געשיכטע פון דער איצטיקער צייט, ניט דער קוצו של יוד פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיט אונדזער פּראַקטי-שער אַרבעט וועלן מיר דערווייזן די נייטווענדיקייט פון אינסטיטוט אַלס פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע. מיר זיינען איבערצייגט, אַז וואָס מער די יידישע אַרבעטערשאַפט וועט אָנטייל נעמען אין דער בויונג פון ייוואָ, אַלץ גיכער וועט דער ייוואָ מוזן אָננעמען א קלאָרן פּראָלעטאַרישן פּרצוף.

מ. וויינריך. אַדוואָקאַט ע. פינקלשטיין פון קאָוונע האָט מיט-געבראַכט אַ באַגרוסונג פון דעם אויך אין ווילנע באַקאַנטן ליטווישן גע-לערנטן פּראָפעסאָר מיכאַל בירזשישקאַ. ער באַגריסט די קאָנפערענץ אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט פאַר ליטוויש-יידישער פאַרשטענדיקונג אין קאָוונע און אויך אין זיין אייגענעם נאָמען. פ׳ פינקעלשטיין האָט אויך מיט-געבראַכט א באַגרוס-בריוו פון רעדאַקטאָר פון קאָוונער „יידישער שטימע" ר. רובינשטיין.

בן-אַדיר (בערלין). נעמענדיק אין אַכט די קורצע צייט און די מיטלען, און בכלל די באַדינגונגען, וואָס אין זיי קומט דעם ייוואָ אויס צו אַרבעטן, מוז מען זאָגן, אַז די דערגרייכונגען זיינען גוואַלדיקע. איך בייג

מיין קאָפּ פאַר דעם דאָזיקן אויפטו, אָבער דאָס שטערט מיר ניט אָנצוווייזן אויף די געמאַכטע פעלערן. עס האָט, קודם־כל, געדאַרפט זיין אַ באַשטימטע פּראָפּאָרציע אין דער אַרבעט פון אַלע סעקציעס. עס האָט באַדאַרפט זיין מער אָפּגעגעבן אָרט פאַר דער סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישער סעקציע, זי האָט באַדאַרפט זיין דער צענטער, ווייל זי איז צום ענגסטן פאַרבונדן מיטן פּראַקטישן לעבן. 90 פּראָצענט פון אַלע אויפטוען פון ייוואָ זיינען די זאַמלונגען, און אין דעם זינען בלייבט פאַר דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע נאָך אַ סך צו מאָן. די היסטאָרישע סעקציע פון ייוואָ דאַרף טראָגן אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס שיידט זי אָפּ ראַדיקאַל פון אַלע ביז־איצטיקע אינסטיטוציעס פאַר יידישער געשיכטע. עס פעלט נאָך אַ געשיכטע פונם יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. די היסטאָרישע סעקציע פון ייוואָ דאַרף דאָס באַשאַפן, און אַזוי אַרום ממלא זיין פאַרן עבר דאָס, וואָס די עקאָנאָמישע סעקציע טוט פאַרן הייננט. ביידע סעקציעס וועלן אין זייער אַרבעט שטיצן איינע די אַנדערע. עס דאַרפן צוגעצויגן ווערן צו דער אַרבעט הונדערטער, אפשר טויזנטער זאַמלער פאַר דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער אַרבעט. אויך די היסטאָרישע פאָרשונג קאָן ווערן אַ קאָלעקטיווע אַרבעט. דאָס איז דאָך דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון אינסטיטוט. מיט דער מעטאָדע האָט געאַרבעט די פילאָלאָגישע סעקציע, און דאָס איז אַ גוואַלדיק־וויכטיקער אויפטו, וואָס זי האָט געקאָנט געווינען פאַר איר אַרבעט אַזוי פיל זאַמלער צווישן די ברייטע מאַסן. דער וועג איז דער פּאַסיקסטער צוציען די מאַסן צו אַקטיווער אַרבעט. אמת, אויף דעם געביט פון עטנאָגראַפיע איז די זאַמל־אַרבעט גרינגער. אָבער די סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע סעקציע קאָן שאַפן קורסן פאַר זאַמלער פון סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן און דורך דעם זיך אויסבילדן קאַדרען פון מיטאַרבעטער.

ד"ר י. שיפּער (וואַרשע). וועלכער דאַרף זיין דער כאַראַקטער פון אינסטיטוט? מיר שטייען נאָך ביים אָנהייב און מוזן זיין פאָרזיכטיק. קודם־כל ניט זוכן קיין אָריענטאַציעס. פריער דאַרף מען בויען. ביז איצט האָבן אין די היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, למשל, געאַרבעט לעבן אַנאַנד מענטשן פון גאָר פאַרשיידענע ריכטונגען. אויב יידיש איז טייער, דאַרף דאָס קיינער ניט וועלן מאָנאָפּאָליזירן. מען דאַרף ניט וועלן מאַכן פון יידישער וויסנשאַפט יידישיסטישע וויסנאַשפט. עס קאָן נאָך אַ מאָל חלילה ווערן אַ תהום צווישן yiddisch און jüdisch בנוגע צו רינגעלבלומס באַמערקונגען, וואָס זיינען אויסן צוצוגעבן דעם אינסטיטוט אַ פּאַרטייאישן כאַראַקטער, וויל איך זאָגן: איטלעכע פּאַרטיי איז פאַר מיר אַ כלי־זיין, ניט קיין צוועק פאַר זיך. איך שטיי ניט אויפן פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט, נאָר אויפן „מלובישן" שטאַנדפּונקט. אויך דער אינסטיטוט דאַרף זיך שטעלן אויפן „יידיש־מלובישן" שטאַנדפּונקט. אויב דער ייוואָ וועט זיך איינשפּאַנען אין דער צי אין יענער פּאַרטיי, וועט ער ניט האָבן דעם געהעריקן רעזאָנאַנס. דער אינסטיטוט

האָט זיין פּראָגראַם: דאָס, וואָס אין זיין אַרבעט באַטייליקן זיך מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען, און געניסן פֿון זיין אַרבעט דאַרפֿן אַלע ריכטונגען — דאָס איז שוין אַ פּראָגראַם.

מיר מוזן זיך דאָ אָפּנהאַרציק צונויפֿריידן ניט ווי פּאַרטיי=מענטשן, נאָר ווי מענטשן, וואָס זיי איז טייער די אידעע פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט.

י. גימערמאַן (וואַרשע). גערעכט איז ח׳ בן=אַדיר, די אַרבעט פֿון די סעקציעס איז ביז אַהער געווען ניט פּראָפּאָרציאָנעל פֿאַרטיילט. למשל, די פּעדאַגאָגישע סעקציע האָט צו ווינציק אויפֿגעטאָן לגבי איר גרויסן באַטייט פֿאַרן יידישן לעבן. די וויסנשאַפֿטלעכע שריפֿטן זיינען געווען צופֿעליקע אַרבעטן פֿון יחידים. זייער שטאַרק איז אַנטוויקלט די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע — און די סיבה איז אויבנאויף: דאָרט וואו מען האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט דער מאַסע, דאָרט האָט מען דערגרייכט צו גרויסע רעזולטאַטן. די זעלביקע מעטאָדע דאַרפֿן אָנווענדן אויך די איבעריקע סעקציעס. דער אינסטיטוט דאַרף זיך שטעלן אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון קאָלעקטיווער אַרבעט. עס דאַרפֿן פֿאַרגעבן ווערן עפּנטלעך טעמעס פֿאַר מאָנאָגראַפֿיעס, וואָס די בעסטע פֿון זיי דאַרף מען דרוקן. דער אינסטיטוט דאַרף באַשטימען קאָמיסיעס, וואָס זאָלן פֿירן די אַליינבילדונג פֿון שטעטלשע יונגעלייט, אָנווייזן זיי מקורים און הילפֿס=ביכער. מיר האָבן נאָך ווייניק געטאָן פֿאַר דער אויספֿאָרשונג פֿון דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די יידן אין פּוילן. עס קומט דאָ פֿאַר בלי=ספֿק אַ פּראָצעס פֿון עקאָנאָמישער איבערשיכטונג. אַזוי איז באַוווּסט פֿון די ידיעות פֿון די פֿינאַנץ=אַמטן, אַז אַלע יאָר ווערט אַלץ קלענער די צאָל האַנדלס=פּאַטענטן, וואָס יידן נעמען אַרויס. הייסט דאָס, אַז די געוועזענע הענדלער נעמען זיך צו אַנדערע פּראָפֿעסיעס— וואו קומען זיי אַהין? דער אינסטיטוט מוז אויף דער דאָזיקער פֿראַגע באַזונדערס לייגן אַכט. דורך דער פֿאַרבינדונג מיט די יידישעווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס וועט ער קאָנען אויפֿטון אַ פֿאָרש=אַרבעט, וואָס וועט האָבן אַ קאָלאָסאַלן ווערט פֿאַרן אויפֿבוי פֿון יידישן קיבוץ אין פּוילן.

ד״ר מאַהלער (וואַרשע). דער אינסטיטוט באַדאַרף ניט זיין פּאַרטייאיש, אָבער ער מוז טראָגן אַ קלאַסן=כאַראַקטער. דער אינסטיטוט וועט זיך האָך פֿאַרנעמען מיט אַקטועלע פּראָבלעמעס, און ער מוז נעמען אַ באַשטימטע שטעלונג צו זיי. און דאָ מוז ער שטיין אויף אַ שטאַנדפּונקט, אָדער אַ פּראָלעטאַרישן אָדער אַ בורזשואַזן. אויב דער אינסטיטוט וועט ווערן קלייןבירגערלעך, וועלן מיר מוזן פֿון אים זיך אָפּגרענעצן. אויך וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט ווערט געמאַכט פֿון אַ קלאַסן=שטאַנדפּונקט. אָדער נעמען מיר פּעדאַגאָגיק. עס איז ניטאָ קיין סתם פּעדאַגאָגיק איצט, נאָר סאָציאַלע

פעדאַגאָגיק. מיר פאַרלאַנגען, דער אינסטיטוט זאָל אַרויסווייזן זיין פּראָלע־טאַרישן כאַראַקטער.

יוסף לעשטשינסקי (וואַרשע). פאַרוואָס האָט זיך געשאַפן אַרום ייוואָ כמעט ווי אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג? ביי אַנדערע פעלקער אַרבעטן אויך וויסנשאַפטלער איבער אָרטאָגראַפיע און סטאַטיסטיק — צי וועקט דאָס אויך אויף אַזוי פיל באַגייסטערונג און לײַדנשאַפט, ווי ביי אונדז דער ייוואָ? וואָס האָט געבראַכט אַהער די פּאָליטיקער און קולטור־טוער? וואָס איז דער קוואַל, וואָס באַלעבט אונדז אַלע דאָ, פון פּאַרטיי־טוער ביז די טרוקנסטע פאַך־לײַט? דאָס איז די אויפוואַכונג פון די יידישע מאַסן, דער דראַנג פון די יידישע מאַסן צו קולטורעלער אויסלייזונג. ווער זיינען די כוחות, וואָס שטרעבן צו דער קולטור־אויסלייזונג? דאָס זיינען דאָך די זעלביקע, וואָס פירן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אויב מען מיינט, אַז מיר מאָנאָפּאָליזירן יידיש און יידישע שולן, האָט מען אונדז די דאָזיקע מאָנאָפּאָל אָנגעוואָרפן. אויף די קאָנפערענצן פון ציש״אָ זיינען געווען אויך דעמאָקראַטן, טייל האָבן די שולאַרבעט פאַרלאָזן, טייל דעמאָקראַטן אַרבעטן נאָך איצט מיט אונדז. די טוער פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט דאַרפן געדענקען, אַז אויב זיי ווילן ניט, דער אינסטיטוט זאָל זיין אַן אָרט פון אייזקאַלטער, טויטער וואָרט־וויסנשאַפט, מוז ער זיך איינגלידערן אין קייט פון די אַלע אינסטי־טוציעס, וואָס קעמפן פאַר דער קולטור פון די יידישע מאַסן. דער וויסנ־שאַפטלעכער אינסטיטוט דאַרף זיך אָריענטירן ניט אויף אַ פּאַרטיי, נאָר אויף די יידישע מאַסן. ער דאַרף האַלטן די לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־מאַסן, וואָס צוליב זיי זיינען מיר דאָ אַלע, פּאַרטיי־טוער און וויסנשאַפטלער, זיך צונויפקומען. מיר מאָרן ניט פאַרלייקענען דעם אייגע־נעם יחוס. אויב אונדזער יום־טוב איז אַרויסגעקומען אַזוי פייערלעך, איז דאָס נאָר אַדאַנק דעם יידישן אַרבעטער.

נ. פּרילוצקי (וואַרשע). ס'איז ניט גרינג צו דעפינירן פינקטלעך דעם כאַראַקטער פון ייוואָ. אָבער איינס איז קלאָר: דער אינסטיטוט קאָן ניט זיין קיין פּאַרטיי־אינסטיטוציע. עס זיינען אָבער פאַראַן צוויי אַלגע־מיינע יסודות, וואָס זיינען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלעמען, וואָס ווילן מיטאַר־בעטן אין אינסטיטוט: איינס איז יידיש ווי די שפּראַך פון ייוואָ און צוויי — וועלטלעכקייט. יידיש איז ביי אונדז ניט קיין פעטיש, נאָר אַ פאַקט. מיר בויען דאָס יידישע לעבן אויף וועלטלעכע יסודות, צוליב דעם מוזן מיר האָבן די וויכנשאַפט. און די אַרבעט פון אינסטיטוט גופא איז בעצם וויכ־טיקער פון יעדער דעפיניציע. די ביז־איצטיקע אַרבעט דאַרפן מיר אָפּ־שאַצן. איך טראָג אַריין אַזאַ רעזאָלוציע:

,,אויסגעהערט דעם באריכט פון ארגאניזיר=קאמיטעט, דריקט די
קאנפערענץ פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אויס די ווארעמסטע
אנערקענונג זיינע אנפירער און מיטארבעטער פאר זייער ארבעט, וואס
האט געמאכט מעגלעך די איצטיקע קאנפערענץ”.

דער ייוואָ האט ארויסגערופן א באוועגונג. ס׳איז ממש ניט צו גלויבן.
ער האט ארויסגערופן ביי דער יוגנט הייליקע געפילן. צו מיר איז איין מאל
געקומען א בחור, געבראכט עפעס פארן ייוואָ, א טויט=בלאסער, צוויי טעג
ניט געהאט געגעסן. מען דארף אבער ניט פארלייקענען פעלערן. דער דרי=
מער באנד ,,פילאלאגישע שריפטן” איז שוין צו פיל אפגעריסן פון לעבן.
עס מוזן זיין מער לעקסיקאלישע ארבעטן, וואס זיינען וויכטיק פאר דער
שול, אויך יידישע פאלקס=מעשיות, טערמינאלאגיעס. קודם=כל דארף מען
זען באפרידיקן די באדערפענישן פון יידישן לעבן.

נ. ג ע ר ג ע ל (בערלין). איך האלט, אז די דיסקוסיע וועגן דער באזע
איז שוין אויסגעשעפט. די פארווארפן וועגן דער קליינבירגערלעכקייט פון
ייוואָ זיינען ניט אויפן ארט. די איצטיקע קאנפערענץ איז מער א קולטור=
געזעלשאפטלעכע, עס מוזן איצט קומען א ריי וויסנשאפטלעכע פאך=קאנ=
פערענצן, ניט נאר פאר ארטאגראפיע. עס דארף שטיין די פראגע פון א
יידישער הויכשול אין ניט קיין ווייטער צוקונפט. מען דארף קודם=כל שאפן
א פאקולטעט פאר הומאניטארע וויסנשאפטן. אויב דער העברעישער אוני=
ווערסיטעט איז נאך ניט אויסגעבויט, איז דאס דערפאר, ווייל מען האט גע=
וואלט בויען אלע פאקולטעטן מיט א מאל. מיר האבן א דירעקטע פראקטישע
אויפגאבע פארן הומאניטארן פאקולטעט: אויסבילדן א קאדער באאמטע
פאר פארשיידענע יידישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס: קאאפערא=
טיוון, פאלקסבענק, פראדוציר=קאאפעראטיוון; אין די דאזיקע אלע אינ=
סטיטוציעס מוז מען האבן מענטשן מיט הויכע קוואליפיקאציעס. א צווײ=
טער פראקטישער ציל איז די אויסבילדונג פון יידישע לערער. די יידישע
מיטלשול געניטיקט זיך אין קוואליפיצירטע לערער. פאר די באדערפע=
ניש דארף באפרידיקן די יידישע הויכשול. דער ייוואָ איז ביז איצט
געווען נאר א פארש=אינסטיטוציע. די קאנפערענץ דארף פראקלאמירן, אז
דער ייוואָ שאפט אויך א לערן=אנשטאלט. צו ארעם אין כוחות זיינען מיר,
אז מיר זאלן די הויכשול אפטיילן ווי א באזונדער אינסטיטוציע. אבער
מיר דארפן זיך ניט באנוגענען מיט דער דעקלאראציע אליין. אויף דער
צענטראלער פארוואלטונג, וואס וועט אויסגעקליבן ווערן דא, דארף ארויפ=
געלייגט ווערן דער חוב צו זוכן די מיטלען, ווי אזוי צו גרינדן די הויכשול.
זייער גרינג קאנען שוין איצט געגרינדעט ווערן אין די גרויסע אוניווער=
סיטעט=שטעט באזונדערע סעמינארן, וואו די סטודענטן זאלן קאנען זיך
אויסבילדן אין דער יידישער וויסנשאפט אונטער דער פירונג פון אונדזערע

וויסנשאַפטלעכע סעקציעס. אין עטלעכע שטעט, ווי ווילנע, וואַרשע, ריגע, קאָנען געגרינדעט ווערן פרייע יידישע הויכשולן פאַר יידישע דיסציפּלינען, וואָס קאָנען ווערן אַ שטאַפּל פאַרן קומענדיקן אוניווערסיטעט. דאָס וועט זיין די בעסטע און לעבעדיקסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אינסטיטוט.

מ. וויינרייך (אָ. ק.). דער געדאַנק וועגן אַ יידישער הויכשול איז ניט קיין נייס אין פּראָגראַם פון ייוואָ. שוין אין דער ערשטער פאָרמולירונג פון די אויפגאַבן פון ייוואָ (געדרוקט עטלעכע מאָל, אָנגעהויבן פון דער בראָשור „2 יאָר אַרבעט") שטייט, אַז דער ייוואָ „שאַפט אַ צוגרייט־אָנשטאַלט פאַר יונגע וויסנשאַפטלער אין די אַרבעטס־צווייגן פון אינסטיטוט, פאַר קומענדיקע לערער פון די יידישע מיטלשולן און סעמינאַרן אאַז"וו". ח' גערגעל האָט צוגעגעבן נאָך אַ צווייג: צוגרייטן סאָציאַלע אַרבעטער. פאַר די טוער פון ייוואָ איז, בכן, קיין ספק ניט, אַז עס איז נייטיק צו שטרעבן צו אַ יידישער הויכשול. אָבער מיר דאַרפן ניט זיין איבעראיילט. מען קאָן זיך גרינג קאָמפּראָמעטירן, אויב מיר וועלן אָנשטאָט אַ הויכשול גרינדן אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט. עס מוז נאָך אַוועק אַ צייט, ביז מיר וועלן זיין מסוגל צו ריידן פּראַקטיש וועגן אַ הויכשול. אויב וויסנשאַפטלעך זיינען מיר גרייט, זיינען מיר מאַטעריעל און אָרגאַניזאַציאָנעל לחלוטין ניט גרייט.

וואָס איז שייך די אַלגעמיינע יסודות פון דעם ייוואָ, זיינען זיי שוין פעסטגעשטעלט פון אָנהייב אָן און זיי געניטיקן זיך ניט אין קיין אומענדערונג. אונדזער פּרינציפּן־דערקלערונג לייענט זיך אַזוי: „דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט קומט צו דינען די יידישע מאַסן אין דעם קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנסיפּאַציע. ער קוקט אַרויס אויף דער טעטיקער אונטערשטיצונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס ווילן מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור". די גאַנצע דיסקוסיע מכוח דעם, ווער זיינען מיר, איז הוילע סכאָלאַסטיק. יעדער איינער, וואָס וויל מיטאַרבעטן אין די ראַמען פון אינסטיטוט, איז אָנגעלייגט. קיין בעסערע סיטואַציע פאַרן אינסטיטוט אין פּרט פון געזעלשאַפטלעכער אָנערקענונג באַדאַרפן מיר זיך גאָרניט ווינטשן. די פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס שטיצן אים, ווייל ער איז אַן אינסטיטוט פאַר די פאָלקס־מאַסן, די אַנדערע שטיצן אים דערפאַר, ווייל ער טוט יידישע אַרבעט. די דאָזיקע באַציונג קאָן זיך ניט ענדערן, ווייל דער אינסטיטוט איז אַ וויסנשאַפטלעכער, ד"ה אַן אָביעקטיווער פאַקט. פאַר די פאָלקסמאַסן איז דער אינסטיטוט אַ זאַך, וואָס זיי קאָנען זיך גיט פאַרגינען אים אַוועקצוואַרפן. דער ייוואָ שטאַמט פון די מאַסן און עקסיסטירט פון זייערטוועגן. מיר וועלן נאָר דינען די מאַסן דורך דעם, וואָס מיר וועלן צום אינסטיטוט צוציען ווי ווייט מעגלעך מאַטעריעלע און אינטעלעקטועלע כוחות פון אַלע לאַגערן. דורך דעם אינסטיטוט וועלן מיר העכסט קוואַליפיצירטע וויסנשאַפטלעכע כוחות

שמעלן אין דינסט פון פאָלק. זאָל מען ניט שטעלן קיין איבעריקע מניעות דורך איינזייטיקע פאָרמולירונגען.

ד"ר ב ע ר נ פ ע ל ד (משערנאָוויץ). אין רומעניע שטייען פאַר יידיש נאָך די פּראָלעטאַרישע שיכטן. די מיטלשיכטן זיינען אַסימילירט. ערשט אַדאַנק דעם ייוואָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל באַוועגונג פאַר יידישער וויסנשאַפט. די „שריפטן" האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. זיי זיינען אָבער צו טייער פאַר ברייטע מאַסן און קענען דעריבער ניט געפינען קיין קונה צווישן די, וואָס קאָנען זיין זייערע לייענער. אונדזער פאָרשלאָג איז, אָנשטאָט אַרויסצוגעבן אַזאַ טייערע אויסגאַבע ווי מענדל לעפינס „קהלת" גלייכער אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

י ע ק ב ל ע ש מ ש י נ ס ק י (אַ ק.). איך בין מסכים, אַז דער ייוואָ איז ניט קיין קאַמף-אָרגאַניזאַציע און קעמפט קעגן קיינעם ניט. אָבער לכל גבול. אויב מען פאַלט אָן אויפן פונדאַמענט פון אינסטיטוט, מוז ער פּראָטעסטירן. עס קאָן געמאַלט זיין, אַז דער צווייטער צד וועט וועלן מלחמה, און מיר וועלן ניט זיין צוגעגרייט. מיר דאַרפן זען ניט אָפּוווענדן זיך פון די, וואָס זיינען אויף 99 פּראָצענט מיט אונדז. מיר מוזן דאָך שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אַרום ייוואָ. — צו בן-אַדירס פאָרשלאָג באַדאַרף מען צוגיין זייער פאָרזיכטיק. עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע אויספאָרשונג איז ניט גלייך צו עטנאָגראַפישער זאַמלונג. די מיטאַרבעטער מוזן ביי אונדז זיין מער געשולט.

ג. ו ו י י ג יג (ווילנע). מיר זיינען דאָ אַלע אייניק אין דער פראַגע מכוח דעם אידעישן אינהאַלט פון ייוואָ. יידיש איז פאַר אונדז אַ פאַקט, און דאָס שיידט אונדז אָפּ פון יענע, וואָס מאַכן פון דעם אַ פראַגע. יידיש איז די באַזע פון אינסטיטוט. מכוח אַ הויכשול איז נאָך פרי צו ריידן, באמת אַקטועל איז די פראַגע וועגן אויסבילדן יידיש-לערער. אַן עיקר-פּראָבלעם איך לעבן פון ייוואָ איז דער זשורנאַל. מיר מוזן אים האָבן, כדי אינטערעסירן צו מאַכן די אַרבעט.

א. ק אַ ל ע נ ב ע ר ג (וואַרשע). אין וואַרשע עקסיסטירט אַ סעמינאַר פאַר יידיש-פאָרשונג אונטער דער אָנפירונג פון נ. פּרילוצקי, וואָס אַרבעט זייער גוט. די אָנטיילנעמער זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט. עס זיינען על-פּי רוב מענטשן פאַרנומענע בייטאָג. דער וואַרשעווער סעמינאַר איז אַ באַווייז, אַז מען קאָן געפינען וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער אין די פּראָלעטאַרישע שיכטן.

מ. ג ר אָ מ ב (וואַרשע). דער אינסטיטוט מוז וויסן, אויף וועמען ער אָריענטירט זיך. מען קאָן ניט געפעלן אַלעמען, ווי ד"ר ווינרייך וויל. דעם זשורנאַל באַדאַרף מען אַרויסגעבן.

ק. ה א ז ע ן (פלאצק). מען טאר ניט בויען קיין פארטייִשע אינסטיטוציע, מען דארף זיך ווענדן אייך צום אומפארטייִשן. די וויסנשאפטלעכע גרונט־ארבעט פון ייווא איז די ארבעט אין די ארכיוון. דערצו איז די פארטייִשע צוגרייטונג ניט נויטיק.

ש. ו ו י נ ט ע ר (וולאצלאוועק). איך האב געטראכט וועגן אפטע קאנפערענצן, וואו מען זאלריידן זאכלעך וועגן וויסנשאפטלעכע פראגן. ביי אזעלכע דעבאטן ווי די היינטיקע, קאן די ארבעט פון ייווא ניט וואקסן. איך לייג פאר באלד איבערצורייסן די אלגעמיינע דעבאטן און צוטרעטן צו באטראכטן פראקטישע פראגן בנוגע צו דעם ווייטערדיקן אויסבוי פון אינסטיטוט.

ד"ר נ. ג ע נ ש (דערפעט). דער אנהייב פון דער ארבעט פון ייווא זאגט צו גרויסע זאכן. עס זיינען אבער פאראן גרונד־פראגן פון יידישן לעבן, וואס דער אינסטיטוט מוז זיך אויף זיי באזונדערס אפשטעלן בפרוטרוט. למשל, פארוואס איז די יידישע קאלאניזאציע אין ארגענטינע געווארן צו נישט? דאס איז א פראגע פון דער געשיכטע. אבער פון איר אויפקלערונג וואלטן מיר א סך געקאנט אפלערנען פארן היינט און פאר דער צוקונפט. — עס איז ניט כדאי צוצוגעבן דעם אינסטיטוט א באשטימטע פארב, דאס וועט בלויז אפשטויסן נוציקע מענטשן.

ד"ר פ א י ע נ ס א ן (דערפעט). צו די, וואס ווילן ארויפלייגן אויפן ייווא דעם פאליטישן שטעמפל, וויל איך שטעלן א פראגע: ביי אונדז אין עסטלאנד זיינען ניטא קיין יידישע ארבעטער־ארגאניזאציעס, צי מעגן מיר צוליינן א האנט צו בויען דעם אינסטיטוט? דער ייווא מוז זיין א ריין אקאדעמישע אינסטיטוציע, און ערשט דעמאלט וועט ער קאנען דערגרייכן זיינע צילן. דורך דעם וועט ער אויך סוף־כל־סוף צווינגען צו אנערקענען די יידישע נאציאנאלע שפראך.

ז ר ו ב ב ל (ווארשע). איך האב אין דער קורצער צייט, וואס איך בין דא, געזען דעם פארנעם און דעם ערנסט פון דער ארבעט פון ייווא. דעלעגאטן האבן זיך געבעטן ניט צו שטערן דער ארבעט און לאזן וואקסן דעם אינסטיטוט. מיר מוזן אבער וויסן, אין וואסערע באדינגונגען ער וועט וואקסן. עס מוז זיין א קלארע פאליטישע ליניע, א שטעלונג אין דעם געזעלשאפטלעכן קאמף, כדי ניט צו ווערן געשלעפט יעדער ווײַלע אין אן אנדער זייט.

י. ג י ט ע ר מ א ן (ווארשע). מען האט שוין אזוי אויך ארויפגעלייגט אויפן ייווא א סך שווערע אויפגאבעס, אבער איך קאן זיך ניט אפזאגן פון אנצווייזן אויף נאך איינער א העכסט וויכטיקער אויפגאבע. איך לייג פאר אנצונעמען א החלטה, אז דער ייווא מוז נעמען אויף זיך צו שאפן א יידישע ענציקלאפעדיע. דאס איז א גרונט־באדערפעניש פארן יידישן מאסן־מענטש,

וואָס לעבעט נאָך יידישער און אַלגעמיינער בילדונג, און דער ייוואָ איז מחוייב צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפעניש.

עס ווערן אויסגעקליבן צוויי קאָמיסיעס: אַ פינאַנץ-קאָמיסיע און אָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע, וואָס דאַרפן מאָרגן פאַרמיטאָג אַרבעטן און צושטעלן דער קאָנפערענץ אַ פּלאַן פון דער פינאַנציעלער אַרבעט פאַרן ייוואָ און אַ פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע. צו דער אָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע גייען אויך אַריבער אַלע פאָרשלאָגן און רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אַריינגעטראָגן צו דער קאָנפערענץ.

אין דער פינאַנץ-קאָמיסיע גייען אַריין: בערנפעלד, האַלברייך, וויינרייך, כהן-ווירגילי, פאַיענסאָן, קלעצקין, רייזען, שאַפּיראָ.

אין דער אָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע: בן-אַדיר, י. גיטערמאַן, נ. גערגעל, מ. וויינרייך, א. טשעריקאָווער, יעקב לעשטשינסקי, י. מאַרק, נ. מייזיל, ז. קאַלמאַנאָוויטש, ז. רייזען, מ. שור.

פינפטע זיצונג.

(שבת דעם 26טן אָקטאָבער)

אין דער פרי האָבן געאַרבעט די פרייטאָג אויסגעקליבענע קאָמיסיעס.

די זיצונג פונם פּלענום הויבט זיך אָן 5 אַזייגער נאָכמיטאָג. פאָרזיצער: גיטערמאַן, וויינרייך.

צום באַריכט וועגן דער אַרבעט פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע נעמט דאָס וואָרט

ד"ר י. פ אַ י ע נ ס אָ ן (דערפעלט). כדי צו זיכערן די אַרבעט פון אינסטיטוט, אַז זי זאָל גיין כסדר לויט דעם אָנגעמערקטן פּלאַן, האַלט די פינאַנץ-קאָמיסיע, אַז עס מוז ווערן אָנגענומען אַ געזיכערטער יערלעכער בודזשעט. כדי דאָס צו דערגרייכן, לייגט די קאָמיסיע פאָר אָט וואָס.

1. די קאָנפערענץ דאַרף אויסקלייבן אַ צענטראַלן פינאַנץ-אָרגאַן, וואָס זיין עובדא איז אָנצופירן אַלע ענינים פון דער הכנסה-זייט פון בודזשעט. אין דעם צענטראַלן פינאַנץ-אָרגאַן גייען אַריין ניט ווייניקער ווי צו איין פאָרשטייער פון יעדער לאַנד, וואו עס עקסיסטירן געזעלשאַפטן אָדער שטיץ-גרופּעס פון ייוואָ.

2. די הכנסה-זייט פונם אָרדנטלעכן בודזשעט, וואָס באַשטייט פון 66.000 דאָלאַר, ווערט צעטיילט אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער לאַנד נעמט אויף זיך די התחייבות אויף אַ באַשטימטן אָנטייל אין בודזשעט.

3. די עקסיסטירנדיקע געזעלשאַפטן פריינד פון ייוואָ און די שטיץ-גרופּעס ווערן אויפגעפאָדערט צו אַן אַקטיווער אַרבעט מיט דער הילף פון דעם צענטראַלן אָרגאַן; דאָרט וואו עס עקסיסטירן נאָך ניט אַזוינע געזעל-

שאַפֿן צו שטיין־גרופּעס, דאַרפֿן זיי געגרינדעט ווערן — ווי ווייט מעגלעך אויף אַ ברייטן באַזיס.

4. פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט ווערט באַשטימט אַ געוויסער מינימאַלער אָפּצאָל — חודש־געלט אָדער יאָרגעלט. די גרייס פֿון אָפּצאָל ווערט באַשטימט פֿון יעדער געזעלשאַפֿט אויפֿן אָרט. די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס צאָלן ניט ווייניקער פֿון 10 דאָלער אַ יאָר, האָבן דאָס רעכט צו באַקומען די שריפֿטן פֿון אינסטיטוט מיט אַ הנחה פֿון 50 פּראָצענט.

5. דער צענטראַלער פֿינאַנץ־אָרגאַן דאַרף זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג, סיי דורך די געזעלשאַפֿטן אויף די ערטער, סיי דירעקט, מיט גרופּעס, וואָס זיינען ניט אָרגאַניזירט אין די געזעלשאַפֿטן, כּדי צו באַקומען פֿון זיי מאַטעריעלע אונטערשטיצונג אין אַ פּעריאָדישער און אויך אין אַ ניט־פּעריאָדישער פֿאָרם.

6. דער צענטראַלער פֿינאַנץ־אָרגאַן דאַרף זיך ווענדן צו אַלע עקסיסטירנדיקע געזעלשאַפֿטן, פֿאַראיינען, קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אאַז״וו מיט דער אויפֿפֿאָדערונג זיך צו באַשטייערן מיט אַ געוויסן פּראָצענט פֿון זייערע יערלעכע הכנסות, און אויך באַשטימען איינמאָליקע סובסידיעס פֿאַרן ייִוואָ.

7. הוץ די פֿאָרויסגעזעענע סומעס פֿון דער הכנסה, זאָל גלייכצייטיק אין דער נאָענטסטער צייט דורכגעפֿירט ווערן אַ ברייטע אַקציע לטובֿת דעם בנין־פֿאָנד.

8. די פֿינאַנץ־קאָמיסיע האַלט, אַז כּדי צו פֿאַרגרינגערן די אַקציע און כּדי דער בודזשעט זאָל אויסגעפֿירט ווערן, איז נייטיק, די פּרעסע זאָל ברייט אינפֿאָרמירן וועגן אינסטיטוט און פּאָפּולאַריזירן זיין טעטיקייט.

9. די סומעס, וואָס דאַרפֿן דאָס יאָר צונויפֿגעבראַכט ווערן אין איטלעכן לאַנד, זיינען אַזוינע: פּוילן 10.000 דאָלער, סקאַנדינאַווישע לענדער — 5000 ד. און 5000 ד. פֿאַרן בוי־פֿאָנד, עסטלאַנד 500 ד. און 500 ד. פֿאַרן בוי־פֿאָנד, לעטלאַנד 1500 און 1000 פֿאַרן ב״פֿ., רומעניע 1500 ד. און 1000 ד., דייטשלאַנד 4000 ד., פֿראַנקרייך 6000 ד., עסטרייך 1000 ד., האָלאַנד 2000 ד., בעלגיע 1000 ד., דרום־אַפֿריקע 1000 ד., אַרגענטינע 3000 ד., קאַנאַדע 1000 ד., ארץ ישׂראל 100 ד., ענגלאַנד 3000 ד. בראַזיליע 1000 ד., ליטע 1000 ד., און 1000 ד. פֿאַרן בוי־פֿאָנד. פֿאַראַ. שטאַטן 24.000 דאָלאַר. ס״ה 66600 ד. פֿאַר דער לויפֿיקער אַרבעט און 8500 ד. פֿאַרן בוי־פֿאָנד.

10. מכּוח דעם פֿאָרלייג פֿון פּ׳ ה. עטקין, ריגע, אַז עס זאָל געשאַפֿן ווערן אַן אומבאַרירלעכער פֿאָנד פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט, וואָס די ציגזן פֿון אים זאָלן דערגרייכן ביז 12000 דאָלער אַ יאָר, לייגט די פֿינאַנץ־קאָמיסיע פֿאָר: א) די קאָנפֿערענץ זאָל דעם פֿאָרלייג אין פּרינציפּ אָננעמען;

ב) נאָכדעם ווי עס וועט פֿאַרטיק ווערן דער בנין פֿון אינסטיטוט, זאָל די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג צוטרעטן צו באַטראַכטן, ווי אַזוי צו פֿאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט.

דער באַריכט פֿון דער קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן דעם סטאַטוט פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון ייִוואָ גיט אָפּ

א. טשעריקאָווער (אַ. ק.). די אָרגאַניזיר־פֿראַגע פֿון ייִוואָ איז זייער אַ האַרבע און פֿאַרפּלאָנטערטע. ביז איצט איז קיין פֿעסטע אָרגאַניזאַציע ניט געווען. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פֿון יחידים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע צו גרינדן דעם ייִוואָ. דאָס קאָן אַזוי ווייטער נישט בלייבן. די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון אונדזער קאָנפֿערענץ איז דאָך צו שאַפֿן די פֿעסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען, וואָס אין זיי זאָל אויף ווייטער זיך אויסגיסן די אַרבעט פֿון ייִוואָ.

קודם־כּל גייט די פֿונאַנדערטיילונג פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט און דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. מען קאָן ריידן וועגן פֿונאַנדערטיילונג, אָבער ניט וועגן צעטיילונג און אָפּטיילונג אין דער אָנפֿירנדיקער אַרבעט. פֿאַרקערט, עס דאַרף דערקלערט ווערן ווי אַ פּרינציפּ פֿון דער אָרגאַניזאַציע, אַז עס באַטייליקן זיך גלייך אויף גלייך די וויסנשאַפֿטלעכע טוער און די געזעלשאַפֿטלעכע טוער, די וויסנשאַפֿטלעכע אָרגאַנען צוגלייך מיט די פֿינאַנסירנדיקע און אָרגאַניזירנדיקע. די דאָזיקע אַרבעטן זיינען אין לעבן געקניפּט און געבונדן. מער ניט וואָס די פֿונקציעס פֿון די איינציקע אָרגאַנען דאַרפֿן ווערן גענויער באַשטימט, בכדי איטלעכער פֿון זיי זאָל קאָנען פֿריי באַוועגן זיך און נאָרמאַל פֿונקציאָנירן אין זיין אַרבעטס־געביט.

צוליב דער נאָרמאַלער עקסיסטענץ פֿון ייִוואָ מערקן מיר אָן דריי קערפּערשאַפֿטן: א) די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען, ב) דאָס קוראַטאָריום — דאָס איז, לויטן מוסטער פֿון אַנדערע וויסנשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַ קערפּערשאַפֿט פֿון רעפּרעזענטאַטיווע פּערזאָנען, וואָס זייער אָנטייל קאָן געווינען פֿאַרן ייִוואָ די אונטערשטיצונג פֿון פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן; ג) די סעקציעס פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט.

א) די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען פֿון ייִוואָ זיינען: 1. דער צוזאַמענפֿאָר. ער ווערט אָפּגעהאַלטן ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין דריי יאָר; אין אים זיינען פֿאַרטראָטן די געזעלשאַפֿטן פֿריינד פֿון ייִוואָ, די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג און די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס; ער שטעלט איין די פּרינציפּן פֿון דער אַרבעט, בייט דעם סטאַטוט אין געוויסע ראַמען, ער איז בכלל די לעצטע אינסטאַנץ פֿאַר אַלע פֿראַגן. 2. דער ראַט פֿון ייִוואָ. ער באַשטייט פֿון 40 פּערזאָן און ווערט צונויפֿגעשטעלט פֿון צוויי גלייכע גרופּעס; איין העלפֿט מיטגלידער ווערט געקליבן פֿון די אָרטיקע געזעלשאַפֿטן און איין העלפֿט פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס.

די מיטגלידער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג גייען אַריין אין ראַט מיט באַשטימ-רעכט, דער ראַט דאַרף זיך צונויפקלייבן ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין יאָר. דעם פּערזענלעכן באַשטאַנד פון ראַט קאָנען מיר דאָ איצט ניט באַשטימען. מיר קאָנען נאָר באַשטימען דעם שליסל, וואָס לויט אים זאָל די צאָל 20 איינגעטיילט ווערן צווישן די געהעריקע לענדער און פריי לאָזן ערטער פאַר די לענדער, וואָס פעלן נאָך. די קאָמפּעטענץ פון ראַט איז אָנצוצייכענען די אַלגעמיינע ריכט-ליניעס פון דער אַרבעט און באַשטימען דעם בודזשעט פון ייוואָ, וואָס צוליב דעם מוז ער נאַטירלעך האָבן אַ פול און קלאָר בילד פון זיין גאַנצער אַרבעט. 3. די גאַנצע אַרבעט ווערט געפירט דורך דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. זי באַשטייט פון 11 מיטגלידער, וואָס 4 פון זיי זיצן שטענדיק אין ווילנע, די איבעריקע קאָנען זיין פון אַנדערע לענדער. אין דער צ"פ מוזן אַריינגיין די וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַרן פון די סעקציעס. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג האָט פון צייט צו צייט באַראַטונגען. די ווילנער 4 מיטגלידער פון דער צ"פ בילדן דאָס אויספיר-ביוראָ פון דער צ"פ, זיי, צוזאַמען מיט די וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַרן פון די סעקציעס, פירן אויס די לויפיקע אַרבעט.

ב) דאָס קוראַטאָריום. מיר באַשטימען דאָ דערווייל 15 פּערזאָן. עס וואָלט געווען ווינטשיק אַריינצוציען וואָס מער מענטשן. דאָס דאַרפן זיין אַלץ מענטשן מיט אַ גרויסן נאָמען, וואָס די אַרבעט פון אינסטיטוט איז זיי נאָענט; זיי קאָנען רעפּרעזענטירן דעם אינסטיטוט כלפּי חוץ, געווינען פאַר אים סימפּאַטיעס און אונטערשטיצונג.

ג) די סעקציעס. ביז איצט האָבן שוין פונקציאָנירט 4 סעקציעס, די עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע, די היסטאָרישע, די פילאָלאָגישע, די פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישע. אַלע האָבן זיי געאַרבעט, ווער מער קאָנטיק און ווער ווייניקער קאָנטיק. די סעקציעס מוזן אויך ווייטער בלייבן, זיי מוזן דאָ אויף דער קאָנפערענץ קריגן זייער סאַנקציע אין דעם אָרגאַניזיר-סטאַטוט. אין דער אַרבעט פון די סעקציעס האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע אייגנטימלעכקייט פון ייוואָ. דער ייוואָ קאָן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן אָרטיקער ווילנער אינסטיטוט. אויך די וואָס האָבן געאַרבעט אַנדערשוואו, האָבן ביי זיך געפילט, אַז זיי בויען דעם אינסטיטוט. אַוודאי איז ווילנע זיין צענטער, ער ווערט איצט נאָך באַזונדערס סימבאָליזירט דורכן בנין. אָבער אָט זיינען די צענטערס פון צוויי סעקציעס אין בערלין, און מען מוז דאָס אָננעמען ווי אַ פאַקט און בויען דעם סטאַטוט אַזוי, אַז אַזאַ מין דעצענטראַליזירונג זאָל מעגלעך זיין אויך ווייטער.

אָט די אויסגעשפּרייטקייט פון אונדזער אַרבעט איז ניט קיין חסרון פאַר איר, גאָר אַ מעלה, זי באַווייזט, ווי אַזוי מיר לאָזן אומעטום וואָרצלען. בכן, ווען אָרט פון דער סעקציע קאָן קיין באַשטימונג ניט זיין אין סטאַטוט. ער ווערט באַשטימט נאָר דורכן פאַקטישן צושטאַנד.

אַנדערש איז אָבער דער פּערזענלעכער באַשטאַנד פון דער סעקציע. דאָס מוז באַשטימט ווערן. ביז אַהער איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר געווען די סעקציע (אין דער פילאָלאָגישער סעקציע צוויי מענטשן, מ. ווייגרייך און ז. רייזען). איצט מוז באַשטימט ווערן, פון וויפיל מיטגלידער באַשטייט יעדער סעקציע און ווער זיינען די מיטגלידער. די אָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע לייגט פאָר אַזאַ פאָרם: עס זיינען פאַראַן אָרדנטלעכע (געווינטלעכע) מיטגלידער פון דער סעקציע און מיטגלידער קאָרעספּאָנדענטן; די ערשטע זיינען די, וואָס אַרבעטן אָדער קאָנען אַרבעטן שטענדיק מיט דער סעקציע, וואָס שטייען אינגאַנצן פאַר דער פּרינציפּן-דערקלערונג פון ייוואָ; די צווייטע זיינען אַזעלכע וויסנשאַפטלער, וואָס אַרבעטן נאָר פון צייט צו צייט מיט. די צאָל געווינטלעכע מיטגלידער אין יעדער סעקציע שטייגט ניט איבער צוואַנציק, די צאָל קאָרעספּאָנדירנדיקע — ניט איבער 40. אין גבול פון איר אַרבעט און אין די ראַמען פון איר בודזשעט איז די סעקציע אויטאָנאָם. כּדי צו קאָנסטרוירן די סעקציעס, קלייבט די קאָנפערענץ אויס איצט צו 5 מיטגלידער פון איטלעכער סעקציע, און די פינף קלייבן שוין אויס די ווייטערדיקע מיטגלידער.

אַ האַרבע שאלה איז, ווי אַזוי זאָלן איינגעשטעלט ווערן די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג און די אָרטיקע אָרגאַנען. די אָרגאַניזיר-קאָמיסיע האָט איצט ניט געקאָנט קיין סך באַהאַנדלען די פראַגע. זי האָט דאָס געמוזט לאָזן דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג אויסצואַרבעטן דעם געהעריקן צייטווייליקן רעגלאַמענט. דאָס לעבן אַליין וועט ווייזן די פאָרמען, ווי אַזוי וועלן זיך אויסגיסן די קעגנזייטיקע באַציִונגען פון אונדזערע אָרגאַנען. קיין מוסטערן פאַר זיך האָבן מיר ניט, און געזעצגעבערן גלאָט אין דער וועלט אַריין האָט קיין זינען ניט. נאָר אין פּרינציפּ קאָן מען פעסטשטעלן: עס איז פאַראַן איין צענטראַלע קאַסע און אַ צענטראַלע בוכפירונג. און נאַטירלעך די אָרטיקע געזעלשאַפטן אַרבעטן אין קאָנטאַקט מיט און אונטער דער קאָנטראָלע פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג.

אויך די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס קאָנען האָבן אָפּצווייגן אין פאַרשיידענע לענדער. אַזוי איז אין וואַרשע פאַראַן אַ היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס דאַרף זיין אַ צווייג פון דער היסטאָרישער סעקציע. ביז אַהער איז דער קאָנטאַקט ניט געווען קיין פעסטער. איצט דאַרף דאָס אַזוי רעגולירט ווערן, אַז די אָרטיקע קאָמיסיעס אַרבעטן אין ענגן קאָנטאַקט מיטן צענטער פון דער סעקציע. דער אַרבעטס-פּלאַן, דער בודזשעט און אַלע אַנדערע פראַגן ווערן באַשטימט צוזאַמען מיטן צענטער. עס קאָנען אויך געמאָלט זיין קאָמיסיעס (צי סובקאָמיסיעס), וואָס גיבן זיך אָפּ מיט איין ספּעציעלן געביט פון דער אַרבעט. אַזוי, למשל, איז אין ווילנע פאַראַן אַזאַ סובקאָמיסיע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

אויך זי דארף שטיין אין שטענדיקן קאנטאקט מיטן צענטער פון דער סעקציע.

צום פארטראג איבער דער ארבעט פון בוי־קאמיטעט באקומט דאס ווארט

יר. שאפּירא (ווילנע). דער בוי־קאמיטעט איז געגרינדעט געווארן דעמאלט, ווען עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די דירה פון אינסטיטוט איז צו ענג, אז עס איז ניטא קיין ארט ניט פאר די זאמלונגען, ניט פאר דער ארבעט. עס איז קלאר געווען פאר אלע פריינד פון ייווא, אז פון דעם בנין איז אפּהענגיק דער עצם קיום פון אינסטיטוט. אנגעהויבן אין א צימער אין מ. ווײַנרייכס פּריוואטער דירה, האט דער ייווא כּסדר געהאלטן אין איין וואקסן. די געלט־מיטלען האבן קיין מאל ניט געקלעקט אויף צו באזארגן אים מיט א פּאסיקער דירה. היות ווי דירה־געלט פאר א חירה, וואס זאל קאנען דעקן די באדערפעניש פון ייווא, אפילו ווען מען זאל עס קאנען צונויפנעמען, וואלט געווען א צו גרויסע סומע, און בכלל האט דער פּרעסטיזש און די ארבעט פון ייווא פארלאנגט, ער זאל ווערן א בעל־הבית פאר זיך, — דעריבער איז באשלאסן געווארן צו קויפן א הויז. א פארטיק הויז איז שווער געווען צו קריגן לויטן וואונטש, דערצו נאך וואלט מען באדארפט תּיכּף האבן אזא סומע, וואס מען האט ניט געקאנט האבן צונויפצוקלייבן אזוי גיך. האט זיך געגרינדעט א בוי־קאמיטעט, וואס זיין עובֿדה איז געווען אויפצוזוכן א פּאסיקן פּלאץ און אויסצובויען אן אייגן הויז פארן ייווא. אין בוי־קאמיטעט זיינען אריין: ט. בונימאוויטש, מ. ווײַנרייך, ד"ר ה. קאווארסקי, ב. קלעצקין, ז. רייזען, סענ. ד"ר שאבאד, יר. שאפּירא, אלע ווילנער. מען האט נאך היפּש ארומגעזוכט געפונען א פּלאץ אין גלייכן געלט מיט בנינים, וואס מען וואלט זיי נאך א קאפּיטאלן רעמאנט געקאנט אויסנוצן, מען האט געגעבן האנט־געלט און מען האט זיך אוועקגעלאזט אויפזוכן געלט־מיטלען. דער רוף, געווענדט צו די פריינד פון ייווא אין פּוילן און אין אויסלאנד, האט געפונען אן אפּקלאנג. דער עצם פאקט, וואס דער ייווא בויט פאר זיך א הויז, האט שוין געהויבן זיין פּרעסטיזש אויך אין די אויגן פון מענטשן, וואס זיינען געשטאנען ווייט ביז איצט, ער האט באוויזן זיין אינעווייניקסטן כּוח, זיין נייטיקייט און זיין זיכערקייט. עס זיינען אראנזשירט געווארן עטלעכע נסיעות פון די מיטגלידער פון בוי־קאמיטעט (ד"ר מ. ווײַנרייך, ז. רייזען, סענ. ד"ר צ. שאבאד) קיין דייטשלאנד, לעטלאנד, רומעניע, צולעצט די נסיעה פון ד"ר ווײַנרייך קיין אמעריקע. מיט דער הילף פון אונדזערע פריינד אין בערלין, בפרט פון פּראפ. ש. דובנאוו, און פון י. עפרויקין, פּאריז, האבן מיר געקראגן אויפן בוי־פאנד 2000 דאלער פון דער פּאמוליע דאברי, פּאריז, און 1000 דאלער פון א פריינד פון ייווא אין בערלין. אויך פון לעטלאנד, ליטע און עסטלאנד זיינען איינגעגאנגען סומעס פארן

בוי־פאָנד, און ד״ר מ. ווײַנרײַכס נסיעה קײן אַמעריקע האָט אױך אײַנגעטראָגן אַ חלק פֿאַר דעם צוועק. מיט אָט דעם געלט זײַנען מיר געווען ביכולת צום סוף זומער אױסצוקױפֿן דעם גאַנצן פּלאַץ, און עס זײַנען נאָך געבליבן ביז 4000 דאָלער פֿאַר בוי־צוועקן. עס וואָלט געדאַרפֿט זיך אָנהײבן איצטער אַ גרױסע זאַמל־אַקציע, כּדי צו שאַפֿן געלט פֿאַרן גרױסן בנין פֿון ייִוואָ, וואָס דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אױפֿן פּלאַץ. ס'איז אָבער, ווי איר אַלע פֿאַרשטײט, אַן ענין אױף לאַנג. דערווײַל איז אָבער שױן פֿאַראַן אַ מעגלעכקײט דורך אַ קאַפּיטאַלן רעמאָנט צוצופּאַסן דעם איצטיקן בנין, וואָס איר האָט געזען נעכטן אױף דער בוי־פֿײַערונג, צו די נױטבאַדערפֿענישן פֿון אינסטיטוט. ס'איז אױסגעאַרבעט געוואָרן דורך פֿאַך־לײַט אַ פּלאַן פֿון אַ פֿײַערזיכערן אונטערשטן גאָרן, וואָס ווערט אונטערגעבױט אונטער דעם איצטיקן בנין; אין דאָזיקן רױם וועלן אַוועקגעשטעלט ווערן אַלע זאַמלונגען פֿון ייִוואָ, וואָס זײַנען פֿאַראַן און וואָס וועלן נאָך צוקומען. אױך די אײבערשטע גאָרנס וועלן ווערן גרינטלעך אױסרעמאָנטירט און צוגעפּאַסט פֿאַר די אַרבעטצימערן און ביוראָען פֿון אינסטיטוט, פֿאַר אױדיטאָריעס און שטודירצימערן.

מיטן נעכטיקן אַוועקלײגן דעם גרונט־שטײן האָט זיך די דאָזיקע בוי־אַרבעט אָנגעהױבן. מיר האָבן זי אָנגעהױבן, הגם מיר האָבן נאָך ווײסט ניט די גאַנצע סומע, וואָס דער בנין באַדאַרף קאָסטן. מיר האָבן די אַרבעט אָנגעהױבן מיט דער האָפֿענונג, אַז אַלע פֿרײַנד פֿון ייִוואָ וועלן אונדז אונטערהאַלטן און ניט לאָזן פֿאַלן די אַרבעט אין מיטן. ווערט געשאַפֿן ווערן אין די קומענדיקע 8—10 וואָכן די נאָך פֿעלנדיקע סומע פֿון 4000 דאָלער, וועלן מיר פֿאַר דער צײַט באַווײַזן דעם בנין אױסצורעמאָנטירן, און דער ייִוואָ וועט זיך קאָנען אַריבערקלײַבן אין זײַן נײַער דירה. טאָמער ניט... גאָר איך וויל אַזאַ מעגלעכקײט ניט דערלאָזן, וואָרים האָס וועט הײסן בלײַבן אין מיטן דער אַרבעט. און איר אַלע פֿאַרשטײט דאָך, וואָס עס באַטײַט לאָזן אַ ניט פֿאַרענדיקטן בנין שטײן דורך אַ ווינטער. דער בוי־קאָמיטעט ווענדט זיך דעריבער צו אַלע דעלעגאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ מיט דער הײסער בקשה, זײ זאָלן קודם־כּל, ווען זײ וועלן קומען אַהײם, דערמאָנען זיך אָן בוי־פֿאָנד, זאָרגן דערפֿאַר, אַז מיר זאָלן צו דער נײטיקער צײַט קריגן די אױבן אָנגעוויזענע סומע. דעמאָלט וועלן מיר קאָנען ענדיקן אונדזער בנין, אײדער עס וועלן פֿאַלן די פֿרעסט, און מיט שמחה פֿײַערן דעם חנוכּת־הבית.

ג. מ ײ ז י ל (וואַרשע). איך לײג פֿאָר דער קאָנפֿערענץ אָנצונעמען פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אױסגעהערט דעם באַריכט פֿון דעם בוי־קאָמיטעט פֿאַרן ייִוואָ אין ווילנע, דריקט די קאָנפֿערענץ אױס איר טיפֿן דאַנק דעם בוי־קאָמיטעט פֿאַר זײַן פֿרוכטבאַרער אַרבעט, וואָס ער האָט אײַנגעשאַפֿט אַן אײגענעם פּלאַץ

אין ווילנע און געבראַכט צו דער נעכטיקער גרויסער פייערונג פון לייגן דעם גרונט=שטיין פון דעם אייגענעם בנין פון ייוואָ״.

פּ ו פּ ק אָ (לידע). אויף צו פאַרפעסטיקן דעם מאַטעריעלן קיום פון ייוואָ, דאַרף מען געווינען פאַר צאָלער און שטיצער מאַגיסטראַטן, קאָאָפּעראַטיוון, בענק און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

ל. ק אַ ה אַ ן (וואַרשע). ערשט היינט קומען מיר צו דער אמתער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ. לײדער האָט די קאָמיסיע פאַר אָרגאַניזיר=פראַגן קיין סך ניט אויפגעטאָן: מיר זיינען איצט ניט ווייט אַוועק פונם ערשטן פּראָיעקט פון דעם אָרגאַניזיר=קאָמיטעט. עס איז געבליבן דער אַלטער אויסגעמיש פון די ריין וויסנשאַפטלעכע מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע און געשעפטלעכע ענינים. דאָס איז אָבער אַ פעלער פון דער אָרגאַניזאַציע פון ייוואָ, וואָס לאָזט ניט אויסוואַקסן די אַרבעט, וואָס צוליב איר איז ער געשאַפן, די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג. מען מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען די וויסנשאַפטלער פון די זאָרגן פאַר די פינאַנצן פון אינסטיטוט. מיט זוכן געלט=מיטלען מוזן זיך פאַרנעמען באַזונדערע מענטשן, צוליב דעם צוועק דאַרפן געגרינדעט ווערן געזעלשאַפטן פריינד פון ייוואָ אין אַלע עקן וועלט. און איצט באַדאַרפן מיר ריידן דער עיקר נאָר וועגן אָרגאַניזירן די דאָזיקע געזעלשאַפטן און זייער צענטראַלע פאַרוואַלטונג און ראַט. דער עצם אינסטיטוט איז אַן אָרגאַניזאַציע פאַר זיך מיט זיין אייגענעם סטאַטוט און מיט זיין אייגענער פאַרוואַלטונג. אויף צו שאַפן די נייטיקע סומע פאַרן בויפאָנד דאַרף מען פּראָקלאַמירן די חנוכּה=וואָך פאַר אַ וואָך פון ייוואָ. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג דאַרף נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע און געבן דעם אימפּולס פאַר די געזעלשאַפטן אויף די ערטער. די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס באַדאַרפן איצט אָנהייבן אַן ענערגישע זאַמל=אַקציע.

מ. ו ו י י נ ר י י ך (אַ. ק.). עס איז שווער אַרומצונעמען אַלע אַרבעטן, וואָס זיינען שייך צום ייוואָ, די אַרבעט איז שטאַרק פאַרצווייגט. אָרגאַניזירן אַזאַ אַרבעט איז ניט פון די גרינגע זאַכן. עס איז געשטאַנען די פראַגע: וואָס איז דער ייוואָ, אַ ווילנער אינסטיטוציע אָדער אַן אַלוועלטלעכע. אויב אַן אַלוועלטלעכע, אין ווילנע די צענטראַלע, דאַרף ווילנע באַקומען די געהעריקע פולמאַכטן, וואָס זאָלן זיין באַשטימט דורך דעם אָרגאַניזיר=סטאַטוט. ווען מיר טיילן אָפּ די אָרגאַניזיר=אַרבעט פון דער וויסנשאַפטלעכער, קומען מיר צו אַ געוויסער לייזונג. דער אינסטיטוט איז אַ וועלט=אָרגאַניזאַציע, און דער צענטער פון דער אָרגאַניזיר=אַרבעט פאַרן אינסטיטוט איז ווילנע — דאָס איז דער פּאַסיקסטער אָרט פאַר אים. וואָס איז נוגע דער אַרבעט פון די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס, איז בכלל פאַר זיי קיין צענטראַלע ניט שייך. עס קאָן נאָר זיין אַן אַדרעס, וואָס פאַרמיטלט. דער זיץ=אָרט פון איטלעכער סעקציע איז דאָרט וואו עס וווינט דער אַראַנטוואָרטלעכער פירער פון דער סעק=

ציע. די טעריטאָריעלע אָפּטיילונגען פון די סעקציעס זיינען פאַרבונדן מיטן דאָזיקן צענטער. ווייטער באַדאַרף מען אונטערשיידן צווישן וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און וויסנשאַפטלעכע זאַמלונגען. וויסנשאַפטלעכע אַרבעט מוז געטאָן ווערן אומעטום; די זאַמלונגען אָבער דאַרפן זיין קאָנצענטרירט אין ווילנע; אויך דער פּרץ⸗מוזיי, וואָס נ. מייזיל האָט גערעדט וועגן אים, דאַרף זיין אין ווילנע. נאָר דורך דעם קאָנען מיר די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אַוועקשטעלן אויף אַ פעסטן יסוד. קליינע צעברעקלטע זאַמלונגען, ניט זיי לאָזן מאַכן קיין פולע אַרבעט, ניט זיי קאָנען מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק פון סאָלידקייט. און אַז ווילנע איז מסוגל צו דער דאָזיקער זאַמל⸗אַרבעט, האָט זי באַוויזן. וואַרשע האָט דאָך ניט אונטערגעהאַלטן די איניציאַטיווע פון גרינדן אַ פּרץ⸗מוזיי.

מכּוח דער פינאַנציעלער לאַגע פון אינסטיטוט באַדאַרף מען זאָגן, אַז מען דאַרף דאָס רעכענען פאַר אַ גוואַלדיקן אויפטו, אויב עטלעכע אין צוואַנציק מאַגיסטראַטן אין פוילן האָבן אָנגערעקנט פאַר נייטיק צו סובסידירן אַן אינסטיטוציע, וואָס געפינט זיך אין אַ פרעמדער שטאָט. אָבער דאָס ווייזט אונדז אויך, אַז מיר קאָנען און מוזן ווענדן אונדזער ענערגיע אין דער זייט. מיר מוזן די צאָל סובסידירנדיקע מאַגיסטראַטן פאַרטאָפּלען, און ניט נאָר אין פוילן, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. אין לעטלאַנד איז פאַראַן אַ ספּעציעלער קולטור⸗פאָנד, צוליב אַן עקספּעדיציע אין לעטלאַנד וואָלט מען קאָנען קריגן אַ סובסידיע פון דעם פאָנד.

נ. מ י י ז י ל׳ (וואַרשע) פּאָלעמיזירט מיט ל. קאַהאַן און דערווייזט, אַז מען קאָן די אָרגאַניזאַציע ניט צעטיילן. אין ראַט פון ייוואָ מוזן אַריינגיין סיי פאָרשטייער פון די סעקציעס, סיי פאָרשטייער פון די לענדער, וואו עס געפינען זיך פריינד פון ייוואָ. די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט ווידער דאַרף געטאָן ווערן אומעטום. מען דאַרף לערנען פון דער פּראַקטיק. אָט האָט אַמעריקע אַרויסגעוויזן איניציאַטיווע, גיט אַרויס דעם זשורנאַל „פּנקס“, גיט אַרויס דעם טעאַטער⸗באַנד, גרייט צו אַ באַנד פאָלקלאָר. געוויס איז ווילנע גוט פאַר אַ מוזיי⸗שטאָט. אויך פּרץ האָט געהאַלטן, אַז דער יידישער מוזיי דאַרף זיין אין ווילנע. אָבער ווילנע טאָר ניט אין גאַנצן קאָנצענטרירן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, דאָס קאָן אָפּשוואַכן די ענערגיע אויף די ערטער. ס׳וואָלט אויך געווען כדאי צו שאַפן אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר די זאַמלער, פאַר די סעקציעס, וואָס טוען אויף אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט.

ז. ר י י ז ע ן (אָ. ק.). געוויס איז מייזיל גערעכט, אַז מען טאָר ווילנע ניט מאַכן פאַר אַן אָפּגאָט, אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט, אַז די אינסטיטוציעס, וואָס מען וועט בויען אין אַנדערע ערטער, וועלן געראָטן. אָט האָט טאַקע דער קאַמינסקי⸗מוזיי עטלעכע יאָר זיך געשאַפן אין וואַרשע, ביז... די איניציאַטאָרן האָבן איבערגעשיקט די עקספּאָנאַטן

קיין ווילנע. אויך די ניו־יאָרקער קלערן אַריבערצושיקן די התחלות פון זייער טעאַטער־מוזיי קיין ווילנע. נאָר מען קאָן געפינען פאַר וואַרשע אַ וויכטיקע אַרבעט, וואָס קאָן נאָר דאָרטן געשאַפן ווערן. אַט האָט מאַרק שאַגאַל פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ קונסט־סעקציע ביים ייוואָ. די קאָנפערענץ דאַרף ערנסט באַטראַכטן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, וואָס צו אים זיינען נאָך פאַראַן ענלעכע פאָרשלאָגן פון קינסטלער י. מ. עליאָוויטש, וואַרשע, און פריינד אַ. זיינפעלד, קראָקע; אַ קונסט־מוזיי קאָן געשאַפן ווערן נאָר אין וואַרשע.

איך וויל איצט אויפמערקזאַם מאַכן די קאָנפערענץ אויף מיין פאָרשלאָג מכוח אַ חודשדיקן זשורנאַל פון ייוואָ, וואָס איך האָב שוין מכוח אים גערעדט בפרוטרוט אין מיין אַרטיקל אין די „ליטער. בלעטער" נומ' 42 ה. י. דער זשורנאַל וועט זיין אַ טריט פאָראויס אין דער פאַרלאַגס־אַרבעט פון ייוואָ. ווי וויכטיק עס זיינען אויך געווען אונדזערע שריפטן בשעתם, זיינען זיי שוין איצט ניט מסוגל צו פאַרברייטערן דעם קרייז פון אונדזערע פריינד מחמת זייער טייערקייט; אויך געדויערט אַ סך צייט פון איין בוך ביזן צווייטן. אַט די חסרונות באַזייטיקט דער זשורנאַל. דער זשורנאַל וועט אויך מיטהעלפן צו סיסטעמאַטיזירן מער די אַרבעט פון די סעקציעס. עס וואָלטן אין זשורנאַל אויך געפונען אָרט אַרטיקלען פון פאַכן, וואָס זיינען ניט פאַרטראָטן אין די סעקציעס, למשל, פון פילאָזאָפיע. דער זשורנאַל וואָלט געקאָנט פובליקירן די זאַמלונגען, און דורך דעם אונטערגעבן מער חשק די זאַמלער.

אַ. קאַלענבערג (וואַרשע). די אַרבעט פון ייוואָ דאַרף ניט זיין צענטראַליזירט. דאָס ליגט אין זיין טבע. עס וואָלט גוט געווען אַריבערצוטראָגן די פילאָלאָגישע סעקציע קיין וואַרשע. דאָרט זיינען פאַראַן גענוג וויסנשאַפטלעכע כּוחות. דאָס וואָלט פאַרגרינגערט די אַרבעט פון צענטער. — בנוגע די פינאַנצן וואָלט געווען גוט, דער אינסטיטוט זאָל פּראָקלאַמירן אין דער פרעסע אַ מיטגלידער־קייט.

אַ. טשעריקאָווער (אַ. ק.). מיר קאָנען ניט אָפּטיילן אין גאַנצן די אָרגאַניזיר־אַרבעט פון דער וויסנשאַפטלעכער. די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס מוזן זיין פאַרטראָטן אין דער פאַרוואַלטונג, וואָרים נאָר די וויסנשאַפטלער וועלן קאָנען אַריינטראָגן דעם געהעריקן פּאַטאָס. און דער געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס זאָרגט פאַר די פינאַנצן פון אינסטיטוט, מוז זיך פילן אויך גייסטיק פאַרבונדן מיט אים. דערפאַר ווילן מיר האָבן אין דער פאַרוואַלטונג אַ העלפט קולטור־טוער און אַ העלפט וויסנשאַפטלער. — אויף צו פאַרברייטערן די אַרבעט וועלן מיר זיך ניט קאָנען באַגיין סוף־כּל־סוף אָן אינסטרוקטאָרן און ספּעציעלע שלוחים. — אין דער פראַגע מכּוח די וויסנשאַפטלעכע זאַמלונגען איז בעצם גערעכט ה' ווייגרייך, אַז זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין קאָנצענטרירט אין ווילנע. אָבער דאָס איז דאָך ניט מעגלעך,

וויבאַלד אַז די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס זיינען ניט אויף איין אָרט. דער פירער פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע, אַ שטייגער, מוז דאָך האָבן זיינע מאַטעריאַלן ביי דער האַנט.

דער פאָרשלאָג מכּוח דעם זשורנאַל איז אומגעהייער וויכטיק, נאָר ער קומט צו אומגעריכט, אַז מיר זאָלן קאָנען אָננעמען תּיכּף אַ באַשלוס. עס איז גרינגער צו זאָגן 10 בויגן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל אַלע חודש, ווי דאָס אויסצופירן. מען דאַרף איבערגעבן דעם פאָרשלאָג דער פאַרוואַלטונג אויף אויסצואַרבעטן בפּרוטרוט דעם פּלאַן. — מען דאַרף ניט אַנדערש אָננעמען אַ באַשלוס צו בילדן אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע; דורך דעם וועט מען געוויס צוציען נייע כּוחות, און דער ליטעראַטור וועט געוויס זיין נעדינט ווען מען וועט אַוועקשטעלן די ליטעראַטור־פאָרשונג אויף אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד. פאַר דער קונסט־סעקציע איז קיין בעסערער אָרט ניטאָ, ווי אין פּאַריז.

מ. מ אַ ר ק (ריגע). די פראַגע, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אויף די ערטער, איז ניט אַזוי גרינג צו פאַרענטפערן. עס וואָלט אַוודאי גוט געווען אַריינצוציען די מאַסן אין דער אָרגאַניזאַציע פון ייוואָ, אָבער מיט וואָס האַלט מען איין דעם מאַסן־מיטגליד פון איין אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ביז דער צווייטער? מיט מיטגליד־אָפּצאָלן אַליין איז דאָס ניט מעגלעך. די געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין איטלעכן אָרט דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן נאָר פון אַקטיווע מיטגלידער, וואָס קאָנען אָנפירן די געלט־אַקציע אָדער טאָן אַ זאַמלערישע אַרבעט אָדער אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. מיטגלידער פון אַזעלכע געזעלשאַפטן וועלן ניט זיין פיל אין צאָל, אָבער זיי וועלן קאָנען טאָן פּרודוקטיווע אַרבעט. זיי וועלן דאַרפן צוציען סימפּאַטיקער צווישן די ברייטערע קרייזן. איינע פון די אַרבעטן, וואָס קאָן שאַפן אַ שטענדיקע הכנסה, באַדאַרף זיין — פאַרשפּרייטן קאַרטעס פאַר מיטבויער (מיטבויער־קאַרטעס) פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל. יעדער איינציקער, וואָס פאַרשפּרייט, לאָמיר אָננעמען, צען קאַרטעס, באַקומט דעם טיטל מוער פאַרן אינסטיטוט. פאַר די מוער פון ייוואָ קאָן מען טיילן געוויסע זשעטאָנען, וואָס עס איז אָנגענומען ביי דער יוגנט. מען קאָן אין דער באַשטייערונג אַריינציען פאַראיינען, קולטור־געזעלשאַפטן, די שול־יוגנט. מען קאָן איינשטעלן אַזוי, ווי עס איז זיך נוהג די ציישאַ אין לעטלאַנד, אַז אַלע פאַראיינען און געזעלשאַפטן זאָלן באַשטייערן זיך מיט אַ באַשטימטן פּראָצענט פון זייערע הכנסות לטובת דעם ייוואָ.

נ. ח. פּ ר י ל ו צ ק י (וואַרשע). עס איז לטובה פון דער זאַך, אַז די עצם וויסנשאַפטלעכע אַרבעט זאָל זיין אין אַן אָרט, וואָס ליגט אָן אַ זייט פון פּאָליטישן לעבן. די שטילקייט פון ווילנע איז גראָד גוט פאַר דער וויסנשאַפט. אָבער די אָרגאַניזאַציע פון ייוואָ וועט אויף להבא ניט קאָנען בלייבן אין דער איצטיקער פאָרם, אויב ער וועט וועלן באַדינען דאָס וועלט־יידנטום. עס דאַרפן

ווערן געשאפן געזעלשאפטן פון ייווא אין אלע לענדער פון א קאמפאקטן יידישן ישוב, און די דאזיקע געזעלשאפטן פאראייניקן זיך אין א פעדעראציע. אבער אויך איצט באדארף מען די וויסנשאפטלעכע ארבעט דעצענטראליזירן. אויך וויסנשאפטלעכע זאמלונגען זיינען נייטיק אין אנדערע ערטער, שוין מחמת דעם רושם, וואס זיי מאכן אויפן באזוכער. מיזייען זיינען נייטיק אין אלע פונקטן פון געדיכטן יידישן ישוב. מען קאן קלייבן דארט דובלעטן, צי פאטאגראפיעס, צי קאפיעס. פאר די נאענטסטע יארן קאן דער צענטראלער ארכיוו בלייבן אין ווילנע. שפעטער וועט מען קאנען טראכטן וועגן דעצענטראליזאציע. אויך וועלן מיר מוזן שאפן עקספאזיטורן אין פארשיידענע שטעט צו פארשפרייטן בילדונג: מען קאן ניט אייגהאלטן מענטשן, ווען מען גיט זיי גארנישט. דאס פראפאגאנדע-ביורא דארף זיצן אין ווארשע. די סעקציע פאר פלאסטישער קונסט דארף זיין אין פאריז, דער מוזיי אבער אין ווארשע.

י. ע ל י א ו ו י ט ש (ווארשע). עס איז לאנג צייט צו שאפן א מוזיי פאר יידישער קונסט, ניט נאר פאר דער נייער, נייערט אויך פאר דער אלטער. עס איז דאך עד-היום ניט באשטימט דער אינהאלט, דער מהות פונם באגריף יידישע קונסט. ערשט דעמאלט, ווען מען וועט האבן צוזאמען אלצדינג, וואס פארבינדט זיך מיטן עפיטעט יידיש, וועט זיך לאזן באשטימען די יידישע קונסט און איר כאראקטער. דער ארט פון מוזיי דארף זיין ווארשע. דארט ווירקט שוין א טעמיקע געזעלשאפט פאר יידישער קונסט. דער רעדנער שטעלט זיינע כוחות און זיינע קענטעניש אין דינסט פון דער זאך.

מ. ג ר א מ ב (ווארשע). ארגאניזאציע איז איצט די ערשטע ארבעט. אין ווארשע איז ביז איצט גארניט געטאן געווארן אין דעם פרט. די געזעלשאפט „פריינד” האט אפילו דעם אפצאל פאר דעם אינסטיטוט ניט געקליבן. אבער מען קאן אין ווארשע א סך אויפטאן. אויב ח' ווייַנרייך וואלט אפגעגעבן 4 חדשים פאר ארגאניזיר-ארבעט אין פוילן, וואלט ער מער אויפגעטאן, ווי אין אמעריקע. די צונויפקומען פון די זאמלער מיט דער עטנאגראפישער קאמיסיע דארפן זיין אפטער, וואס גיכער מוזן ווערן ארגאניזירט די אינסטרוקטארישע קורסן פאר זאמלער. די פילאלאגישע סעקציע דארף אריבערגעטראגן ווערן קיין ווארשע. מען מוז צוציען נייע כוחות. א שאד, וואס דער פאלקלאר-באנד גייט ארויס אין ניו-יארק, ווארשע איז א פאסיקערער ארט. צום סוף וויל איך זאגן, אז דער אינסטיטוט קאן זיין ריכטיקן וועג געפינען נאר אין מיטארבעט און אין גייסט פון די מאסן, וואס פון זיי קומען די זאמלער, און אין די אינטערעסן פון די מאסן.

ע. ר י נ ג ע ל ב ל ו ם (ווארשע). מען דארף אפגעבן א וואד פאר פראפאגאנדע און ארגאניזאציע פון די ייווא-קערפערשאפטן. ניט אומעטום וועט מען קאנען שאפן קערפערשאפטן — אין די פאלן וועט מען מוזן זיך

באַנוגענען מיט פאַרטרויונגס=מענער. וואָס איז שייך דער אָרגאַניזאַציע פון די סעקציעס, באַדאַרפן אין אַלע לענדער באַשאַפן ווערן פּאַראַלעלע קאָמיסיעס, וואָס אַרבעטן אַווטאָנאָם. למשל, די וואַרשעווער היסטאָרישע קאָמיסיע וואָלט געקאָנט אַרויסגעבן אַ לאָקאַלן היסטאָרישן זשורנאַל, פאַרשטייט זיך, אונטער דער קאָנטראָלע פון צענטער. דעצענטראַליזאַציע אין דעם פאַל קאָן נאָר לעבעדיקער מאַכן די אַרבעט. ס'איז וויכטיק אַרויסצוגעבן אַן אָרגאַן, וואָס זאָל קריגן אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג, דערפאַר אין ח' רייזענס פאָרשלאָג געקומען צו דער צייט. עס איז אָבער שווער אַרויסצוגעבן איין זשורנאַל אין דעם פאַרנעם, ווי רייזען לייגט פאָר. ס'וואָלט געווען גרינגער צו טיילן אים אויף אַ היסטאָריש=עקאָנאָמישן און פילאָלאָגיש=עטנאָגראַפישן. — ווייטער באַדאַרף מען דערמאָנען וועגן דער וויכטיקער אויפגאַבע צו פאַרבינדן דעם ייוואָ מיט אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפטלעכע פאַראייניקונגען.

נ. ג ע ר ג ע ל (בערלין). אין די קליינע שטעט קאָן מען ווייניק וואָס אויפטאָן פאַר דער וויסנשאַפט, נאָר אין די גרויסע שטעט קאָן געוויס אויפגעטאָן ווערן ממשותדיקע אַרבעט, און די אָרטיקע קאָמיסיעס מוזן זיין אַווטאָנאָם. נאַטירלעך איז איין מוזיי ניט גענוג פאַר דער גאַנצער נאַציע. עס זיינען געווען מוזייען, איידער דער אינסטיטוט איז געווען, און עס וועלן אויך ווייטער עקסיסטירן אָרטיקע מוזייען. די אויפגאַבע פון ייוואָ וועט זיין צו אינספּירירן די זאַמל=אַרבעט און דעם מוזייען=בוי.

בכדי די פּראָפּאַגאַנדע זאָל גיין ווי געהעריק, מוז מען פיקסירן אין בודזשעט לכתחילה אַ געוויסע סומע צוליב דעם צוועק. אמת, עס קאָן זיין, אַז מען וועט גלייך אפשר ניט באַמערקן די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט, אָבער זיי וועלן מיט דער צייט בלי=ספק זיין. אין פּוילן קאָן מען נאָך אַ סך אויפטאָן אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע און פינאַנצן. אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי „אָרט“, יש״אַ, קאָנען דינען פאַר אַ ביישפּיל. מען מוז צוליב דער אַרבעט אָרגאַניזירן אַ פּרעסע=ביוראָ, אַנשטעלן אינסטרוקטאָרן — אַז דעם וועט שווער זיין אויפצוטאָן אַ סך.

י. ש י פּ ע ר (וואַרשע). מיר וואָלט זיין גרינג צו ריידן אַ מעת=לעת וועגן די אויפגאַבן פון אינסטיטוט, אָבער מען מוז זיך רעכענען מיט די מעגלעכקייטן. די נאָענטסטע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונדז, איז צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אין פּוילן גופא. ווילנע קאָן זיין אַ צענטער, אָבער די צווייגן דאַרפן זיין צעשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן. מען קאָן אין דעם פּרט שוין מערקן די באַפרוכפּערנדיקע ווירקונג פון דער קאָנפערענץ, דעריבער דאַרפן מיר באַשטימען, אַז די קאָנפערענצן זאָלן פאָרקומען פּעריאָדיש. אין אונדזערע פּלענער לאָמיר זיין באַשיידענער. מיר צייכענען זיך אָן גרויסע ליניעס, נאָר גלייכצייטיק מוזן מיר אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם אויף די נאָענט=

סטע 2—3 יאָר. דעמאָלט וועלן פֿאַרשווינדן אַ סך שטרייט־פּונקטן. די ערשטע נאָענטסטע אויפֿגאַבע איז צו אָרגאַניזירן די וויסנשאַפֿטס־מענער, אויסטיילן טעמעס, וואָס דאַרפֿן אין דער ערשטער ריי באַאַרבעט ווערן. ווייטער שטייט אַן אויפֿגאַבע צו באַקעמפֿן דעם שאַנטאַזש, וואָס ווערט געטריבן אין דער פּראָווינץ מיט וויסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן. מוסטער־רעפֿעראַטן פֿאַר דער פּראָווינץ, וואו עס וועט קומען אַ רעפֿערענט פֿון ייוואָ, דאָס וועט זיין די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר ייוואָ, דערמיט וועט ער טאָן באמת זיין חוב קעגן קליינעם שטעטל. די שטעטלעך האָבן, פֿון זייער זייט, אַ סך אויפֿגעטאָן, די 51.000 נומערן פֿון דער עטנאָגראַפֿישער זאַמלונג קומען פֿון שטעטל, און אַט די דאָזיקע זאַמלונגען מוזן באַלד אָפּגעדרוקט ווערן, זאָל זיין נאָך אין ניט באַאַרבעטן צושטאַנד, אין ספּעציעלע זאַמלונגען, צי אין אַן עטנאָגראַפֿישן זשורנאַל. — די ליטעראַרישע אַרבעט פֿון ייוואָ מוז האָנאָרירט ווערן; מען קאָן איין מאָל בויען שריפֿטן אויף מתּנות, אָבער צו גרויסע קרבנות פֿון וויסנשאַפֿטלעכע שריפֿטשטעלער טאָר מען ניט פֿאַרלאַנגען. מען דאַרף זיך צוליב פֿאַרלעגערישער אַרבעט פֿאַרבינדן מיט די גרעסערע יידישע פֿאַרלאַגן; אויף צו זיכערן די ביכער פֿון אינסטיטוט אַן אָפּזאַץ דאַרף מען זען אָרגאַניזירן דעם ביכער־קויפֿער. דאָס איז ווייטער אַן אַרבעט פֿון ייוואָ אין דער פּראָווינץ. פֿאַר דער פּראָווינץ דאַרף דער ייוואָ אויך אָרגאַניזירן אַ וואַנדער־טרופּע, אויף צו אַנטוויקלען דעם יידישן טעאַטער. — פֿאַר די שטעט און שטעטלעך קאָן דער ייוואָ טאָן נאָך אַ וויכטיקע אַרבעט: גרינדן אָרטיקע היסטאָרישע קאָמיסיעס, וואָס זאָלן אונטער דער פֿירונג פֿון דער היסטאָרישער סעקציע אַרויסגעבן מאָנאָגראַפֿיעס איבער זייערע שטעט. דאָס וועט די אָרטיקע מענטשן פֿאַראינטערעסירן, און אַזוי אַרום אַריינציען זיי אין דער אַלגעמיינער אַרבעט פֿון ייוואָ.

י. זעלקאָוויטש (לאָדזש). אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי לאָדזש, איז נאָך ניטאָ קיין אָרגאַניזאַציע פֿון ייוואָ. און דאָך האָט אָפּגעגאָלטן איינציקע פֿריינד, חוץ צונויפֿקלייבן מאַטעריאַלן, אויך אויסצופּועלן סובסידיעס ביים מאַגיסטראַט (3000 גילדן) און ביי דער קהילה (3000 גילדן). לעצטנס האָט זיך אָנגעהויבן אויך אַן אַקציע צווישן די יידישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. מען דאַרף פֿירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע. דעמאָלט וואָלט דער בודזשעט פֿון 60.000 דאָלער קאָנען געדעקט ווערן. מען דאַרף באַשטימען אַ חודש פֿאַרן ייוואָ, און משך פֿון דעם חודש אַריינציען אין דער אַרבעט פֿון ייוואָ אַלע יחידים און געזעלשאַפֿטן. די זאַמל־אַרבעט דאַרף אויך בעסער אָרגאַניזירט ווערן. מען דאַרף אינסטרוירן די זאַמלער, געבן זיי כאָטש סיסטעמאַטישע ידיעות וועגן דעם, וואָס עס איז שוין געזאַמלט, אויב עס איז ניט מעגלעך אַרויסצוגעבן באַלד די מאַטעריאַלן גופֿא. עס זיינען פֿאַראַן גאַנצע געגנטן, וואָס זיינען נאָך ניט אָנגערירט פֿון דער זאַמל־אַרבעט. אַט זיינען פֿאַראַן אַרום לאָדזש אַזעלכע אַלטע יידישע קהילות ווי ליוטאָמירסק,

לענטשיץ, אָזאָרקאָוו, וואו מען קאָן געפינען אוצרות גאַנצע פון פאָלקלאָר. איך טראָג אַריין אַ פאָרשלאָג: צו באַשטימען אין אַלע גרעסערע יידישע קיבוצים ראַיאָן=סעקרעטאַרן, וואָס זאָלן זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער אַרבעט פאַרן ייוואָ און אַרומפאָרן איבערן ראַיאָן. — און נאָך אַ זאַך: זאַמלער באַדאַרפן קריגן די שריפטן מיט אַ גרויסן ראַבאַט.

ד"ר ר. מאַהלער (וואַרשע). דאָ איז פאַראַן אַ גרויסע דיספּראָפּאָרציע צווישן דער וויכטיקייט פון די באַשלוסן, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, און דער קליינער צאָל דעלעגאַטן. מען קאָן ניט דערלאָזן, אַז געציילטע שטעט און געזעלשאַפטן זאָלן פסקנען וועגן אַלע ענינים פון ייוואָ. גראָד זיינען די וויכטיקסטע קולטור=אָרגאַניזאַציעס ניט פאַרטראָטן. ייש"אָ האָט דאָ ניט קיין באַשטים=רעכט. היינטיקע קאָנפערענץ טאָר ניט אָננעמען קיין ענדגילטיקע באַשלוסן. עס מוז געשאַפן ווערן נאָר אַ צייטווייליקער סטאַטוט און צייטווייליקע פאַרוואַלטונג. מען דאַרף זיך ערשט פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן די פאַרטרעטערשאַפט אין ייוואָ. עס דאַרפן צוגעצויגן ווערן ווי מיטגלידער די גרויסע קולטור=אָרגאַניזאַציעס (ווי ייש"אָ, קילטור=אַמט, די געזעלשאַפט פאַר אָוונט=קורסן אאַז"וו). ערשט אין אַ יאָר אַרום דאַרף צונויפגערופן ווערן אַ קאָנפערענץ פון די דאָזיקע אָרגאַניזירטע מיטגלידער, וואָס וועט האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען די ליניע פון ייוואָ. — דער פאָרשלאָג פון פּ' גיטערמאַן וועגן אינפאָרמאַציע פאַר אַליינלערנער איז נאָר איין פּונקט פון דער בילדונגס=אַרבעט לטובת די ברייטע מאַסן. צו דעם געהער אויך דער פאָרשלאָג פון ד"ר שיפּער וועגן ייוואָ=רעפערענטן. איך אונטערשטיץ ביידע פאָרשלאָגן, נאָר די דאָזיקע אַרבעטן דאַרפן זיין נאָר אַ טייל פון אַ סיסטעמאַטישער בילדונגס=אַרבעט.

ש. באַסטאָמסקי (ווילנע). ד"ר מאַהלער קאָן מיט זיינע פאָרשלאָגן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון ייוואָ נאָר ברענגען שאָדן. מיר דאַרפן אַליין שאַפן מאַסן=אָרגאַניזאַציעס, די אַרבעטער קאָנען דירעקט פערזענלעך אַריינטרעטן אין די אָרגאַניזאַציעס פון ייוואָ. דאָס, וואָס מיר ווילן באַשליסן דאָ, איז סיי ווי אַ פּראָוויזאָריום ביז דער קומענדיקער קאָנפערענץ, אָבער מיר באַדאַרפן עס ניט אונטערשטרייכן. — די אָרטיקע אַרבעט דאַרף געוויס מער אַנטוויקלט ווערן. איך לייג פאָר, דער ייוואָ זאָל שאַפן אַ פּרץ=מוזיי צו זיין 15טן יאָרצייט אין וואַרשע; אויך די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען איצט אין ווילנע, דאַרפן ווערן אַריבערגעפירט אַהין. דאָס וועט אויפמונטערן די וואַרשעווער פריינד. — אַ זשורנאַל איז אַ נויטווענדיקייט. אַלע סעקציעס האָבן צו פאַרעפנטלעכן מאַטעריאַלן, און אַ זשורנאַל איז דער בעסטער אָרט דערפאַר.

א. זיינפעלד (קראָקע). מיר מוזן האָבן אַ קונסט=מוזיי, דער פּאַסיקער אָרט דערפאַר איז וואַרשע. פאַר דער בוי=אַקציע פון ייוואָ דאַרף מען

צוריסלאָזן שײנען אויף בױציגל; יעדער ציגל דאַרף קאָסטן אַ דאָלאַר. אויף דעם װעג קאָן מען אויסנוצן די אָפּערװיליקײט פון די מאַסן.

זרובבל (װאַרשע). מיר דאַרפן הײנט באַשטימען די װײטערדיקע אַרבעט פון אינסטיטוט. װער זײנען די „מיר”? װער זײנען מיר אָרגאַניזאַציאָנעל? און דאָס איז ניט קײן פּוסטע פראַגע פון פאָרמעס. איך שפּיר זיצנדיק דאָ, װי מיר פאַרלירן ביסלעכװײז די אויפגאַבעס פון ייװאָ. װען מען זאָל אָננעמען אָט די אַלע אַרײנגעטראָגענע פאָרשלאָגן, װעלן מיר האַלטן בײ אַ קולטור־ליגע. עס איז דאָך קשה, װאָס בײ אַזױ פיל אָנערקענונג זײנען דאָ פאַרטראָטן אַזױ װײניק אָרגאַניזאַציעס. עס דערװעקט זיך דער חשד, אַז די פירער פון ייװאָ גײען אַראָפּ פון זײער לכתחילהדיקער פּאָזיציע, װאָס האָט זיך געשטיצט אויף די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און אַז זײ צאַמען זיך אָפּ פון אונדזער שול־אַרבעט. אָבער עס איז דאָך אַ טעות צו מײנען, אַז דער ייװאָ קאָן זיך שטיצן אויף אַנדערע קרײזן. אַזױ װי דער צװײטער צוזאַמענפאָר פון דער יישאָ האָט אָנגענומען דער ערשטער דעם לאָזונג פון ייװאָ, אַזױ דאַרף װײטער די יישאָ בלײבן פאַרבונדן מיטן אינסטיטוט. היות װי די איצטיקע קאָנפערענץ קאָן ניט װערן גערעכנט פאַר דער פולער פאַרטרעטונג פון דעם געדאַנק פון ייװאָ, איז דעריבער נאָך ניט געקומען דער מאָמענט צו שאַפן די סטאַבילע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, עס איז נאָך ניט געקומען די צײט צו שאַפן די קאָנסטיטוציע פון ייװאָ. מען האָט נאָך די פראַגן אַפילו ניט דורכדיסקוטירט װי געהעריק. און איצט, װען עס װעט זיך האַנדלען מכוח שאַפן אַ ראַט פון ייװאָ, דאַרף מען אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פון ראַט אַזױ, אַז די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס זאָלן האָבן די מעגלעכקײט פון אַ דירעקטער מיטאַרבעט. זעט ניט צו פאַרלירן די מיטאַרבעט פון יענע שיכטן, װאָס אָן זײ פאַרלירט דער אינסטיטוט זײן אינהאַלט. שטעלט אײן די װײטערדיקע אַרבעט אַזױ, אַז דער ייװאָ זאָל װערן אַן אָרגאַנישער ענין פאַר דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט.

בן־אדיר (בערלין). מען האָט דאָ װײניק גערעדט װעגן כאַראַקטער פון זשורנאַל. די שריפטן זײנען צו אַקאַדעמיש. װיכטיקע פראַגעס פון הײנטיקן לעבן קאָנען אין זײ ניט װערן באַטראַכט. דערפאַר מוז דער זשורנאַל זײן ענג פאַרבונדן מיטן לעבן. ער דאַרף באַהאַנדלען די פראַגעס, װאָס אינטערעסירן דעם לערער, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער. — אַ צװײטע פראַגע איז: װער איז דער באַרעכטיקטער מיטגליד פון אַ סעקציע? דאָס מוז האָ אויפגעקלערט און באַשטימט װערן. אײב מען װעט ניט באַװײזן דאָס צו טאָן, באַדאַרף אויסגעטײלט װערן אַ באַזונדער קאָמיסיע צוליב דעם.

י. גיטערמאַן (װאַרשע). עס זײנען אַרײנגעטראָגן אַ גאַנצע מאַסע פאָרשלאָגן מכוח דער קומענדיקער אַרבעט פון ייװאָ. װען מען װעט אָט די אַלע פאָרשלאָגן צונױפנעמען און גרופּירן, װעט זיך ממילא אָנמערקן די

ווייטערדיקע ליניע פון דער אַרבעט פון ייוואָ. איך לייג דעריבער פאָר אויסצוקלייבן אַ קאָמיסיע אויף דורכצוקוקן און גרופּירן די פאָרשלאָגן און אוועקשטעלן זיי צו אָפּשטימונג פאַרן פּלענום. ביים באַטראַכטן די רעזאָלוציעס באַדאַרף מען קודם-כל אויסטיילן די, וואָס זיינען אויסן אַריינצוציען די מאַסן אין דער אַרבעט פון ייוואָ. אין דעם פּרט איז, למשל, זייער וויכטיק דער פאָרשלאָג וועגן זשורנאַל. מען דאַרף אויך אויסנוצן די שטימונג פון סימפּאַטיע, וואָס הערשט איצט אַרום דעם ייוואָ, כדי צוצוציען מאַגיסטראַטן, קהילות, געזעלשאַפטן, פּראָפ' באַראַיינען, יחידים. דער ייוואָ דאַרף זען פועלן ביי יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן צושיקן קאָפּיעס פון זייער סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, אַנקעטעס, באַריכטן צום ייוואָ, צוליב דער וויסנשאַפטלעכער באַאַרבעטונג. צוליב דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט באַדאַרף רעאָרגאַניזירט ווערן דער סעקרעטאַריאַט פון ייוואָ. מען מוז אין דער נאָענטסטער צייט אוועקשטעלן אַ ספּעציעלן מענטשן, וואָס זאָל די אָנגעמערקטע אַרבעטן אויספירן.

י. פ אַ י נ ס אָ ן (דערפּעט). די פאָדערונגען, וואָס זיינען דאָ געשטעלט געוואָרן, שטייגן ווייט אַריבער די מעגלעכקייטן פונם בודזשעט, וואָס די פינאַנץ-קאָמיסיע האָט איינגעשטעלט. עס איז אָבער ניט קיין היכרון. דאָס באַווייזט די באַגייסטערונג און דעם שוואונג צו דער אַרבעט, וואָס די דעלעגאַטן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, צי געקראָגן דאָ אויף דער קאָנפערענץ. עס בלייבט נאָר צו ווינטשן, אַז די דאָזיקע באַגייסטערונג זאָל אָנהאַלטן, אויך ווען די דעלעגאַטן וועלן זיך האָבן צוריקגעקערט אַהיים. דעמאָלט וועלן זיי מיט זייער באַגייסטערונג קאָנען אָנצינדן אויך זייער סביבה. און אויב דאָס וועט געשען, זיינען מיר זיכער, אַ מיר וועלן אונדזער פּראָגראַם אויספירן.

עס ווערן אויסגעקליבן צוויי קאָמיסיעס: 1) פאַר דורכקוקן און גרופּירן די רעזאָלוציעס — בן-אַדיר, ד"ר געניש, נ. גערגעל, ד"ר מ. ווייגרייך, נ. מייזיל, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען, ד"ר שיפּער; און 2) פאַר נאָמינירן קאַנדידאַטן אין די אָרגאַנען, וואָס די קאָנפערענץ דאַרף אויסקלייבן — י. ברוידע, י. גיטערמאַן, מ. ווײַנרייך, א. זיינפעלד, א. משעריקאָווער, י. לעשטשינסקי, מ. מאַרק, ב. קלעצקין, ז. רייזען.

דערמיט ווערט די זיצונג געשלאָסן.

זעקסטע זיצונג.

(זונטאָג, 27טן אָקטאָבער, האַלב 11 פֿרי)

פּאָרזיצער מ. ווײַנרײַך, דערנאָך נ. פּרילוצקי.

דער פּאָרזיצער. די זיצונג איז געעפֿנט. אויפֿן סדר=היום שטייט די אָפּשטימונג פֿון אָרגאַניזיר=סטאַטוט פֿון ייוואָ און פֿון אַ ריי פֿאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציעס. מיר הייבן אָן מיט דעם אָרגאַניזיר=סטאַטוט, און מיט דער אָננעמונג וועלן זיין שוין געדעקט אַ ריי פֿאָרגעלייגטע רעזאָליציעס. דאָס וואָרט באַקומט דער רעפֿעריענט פֿון דער אָרגאַניזיר=קאָמיסיע פּ' טשעריקאָווער.

א. טשעריקאָווער. דאָ האָט נעכטן פּ' זרובבל אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז מיר זאָלן שאַפֿן דערווייל נאָר אַ פּראָוויזאָרישן סטאַטוט. איך בין קעגן דעם. ביי אַ פּראָוויזאָריום איז שווערער צו אַרבעטן. די קומענדיקע קאָנפֿערענץ אָדער צוזאַמענפֿאָר האָט סיי ווי סיי דאָס פֿולע רעכט צו בייטן דעם סטאַטוט. הער פֿון דער קאָמיסיע פֿאָרגעלייגטער אָרגאַניזיר=פּראָיעקט לייענט זיך אַזוי:

I. עס ווערט געשאַפֿן אַן אַלוועלטלעכער פֿאַרבאַנד פֿון געזעלשאַפֿטן „פֿריינד פֿון ייוואָ", געבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון מיטגלידערשאַפֿט.

II. אַ מיטגליד פֿון אַ געזעלשאַפֿט „פֿריינד" קען זיין דער, ווער עס אָנערקענט די צילן און וועגן פֿון ייוואָ, וואָס זיינען פֿאָרמולירט אין דער פּרינציפּן=דערקלערונג, געדרוקט אין זיינע אויסגאַבעס.

III. די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען פֿון ייוואָ זיינען: דער צוזאַמענפֿאָר (קאָנפֿערענץ), דער ראַט, די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג מיט אַן אויספֿירביוראָ.

IV. דער ראַט באַשטייט פֿון 40 פּערזאָן. אַ העלפֿט דערפֿון זיינען פֿאָרשטייער פֿון די געזעלשאַפֿטן „פֿריינד" אויף די ערטער לויט פֿאָלגנדן שליסל: פּוילן — 4, פֿאַר. שטאַטן פֿון אַמעריקע — 4, און צו 1 פֿון אַרגענטינע, בראַזיל, דייטשלאַנד, דרום=אַפֿריקע, ליטע, לעטלאַנד, ענגלאַנד, עסטלאַנד, עסטרייך, פֿראַנקרייך, פּאַלעסטינע, רומעניע, און אַ העלפֿט פֿאָרשטייער פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס אין אַ גלייכער צאָל.

אויב עס וועלן צוקומען נייע לאַנד=אָרגאַניזאַציעס און נייע סעקציעס, באַקומען זיי אַן אַנטשפּרעכנדיקע פֿאַרטרעטונג. (ביי ענדערונגען פֿון באַשטאַנד דאַרף אָפּגעהיט ווערן די פּראָפּאָרציע פֿון 50 פּראָצ. און 50 פּראָצ.).

V. די איצטיקע קאָנפֿערענץ באַשטימט דעם שליסל פֿון די ראַט=מיטגלידער און פֿאָדערט אויף סיי די לאַנד=אָרגאַניזאַציעס פֿון די פֿריינד, סיי די סעקציעס, צו דעלעגירן זייערע פֿאָרשטייער אין ראַט ניט שפּעטער, ווי אין 2 חדשים אַרום.

VI. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון 12 מיטגלידער און 4 קאַנדידאַטן (אויסגעווײלט אויף דער קאָנפערענץ), 6 פאָרשטייער פון די פריינד און 6—פון די סעקציעס. די פערזאָנען ווערן געווײלט אינדיווידועל.

VII. פון די מיטגלידער פון דער צענטפאַרוואַלטונג ווערט אויסגעווײלט אַן אויספיר־ביוראָ פון 4; דער זיץ פון דער אויספיר־ביוראָ איז ווילנע.

VIII. דער צוזאַמענפאָר (קאָנפערענץ) קומט פאָר ניט זעלטענער, ווי 1 מאָל אין 3 יאָר, די סעסיעס פון ראַט ניט זעלטענער ווי 1 מאָל אין יאָר, די פּלענומס פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג ניט זעלטענער פון 2 מאָל אין יאָר. אין דער צווישנצייט ווערן אַלע וויכטיקע פראַגן באַשלאָסן דורך אַ שריפטלעכן רעפערענדום ביי די מיטגלידער.

IX. קאָמפעטענץ פון ראַט: אויסהערן באַריכטן פון דער אַרבעט, פעסטשטעלן דעם בודזשעט און אָננעמען אַן אַלגעמיינעם אַרבעט־פּלאַן אויפן יאָר.

X. קאָמפעטענץ פון דער צענטפאַרוואַלטונג: אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט, רעאַליזירן דעם אַרבעט־פּלאַן, וואָס דער ראַט נעמט אָן אַלגעמיין אָן, שאַפן נייע פראָיעקטן אאַז״וו.

XI. דאָס אויספיר־ביוראָ פירט די לויפיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אין די ראַמען פון די אָנגענומענע באַשלוסן. דאָס ביוראָ פאַרוואַלטעט אויך איבערן פאַרמעגן פון אינסטיטוט.

XII. עס ווערט געשאַפן אַ צענטראַלע קאַסע און איינגעשטעלט אַ צענטראַלע בוכהאַלטעריע.

דורך אַן אָפּשטימונג ווערט אָנגענומען, אַז די אַלגעמיינע דעבאַטן זיינען פאַרענדיקט געוואָרן, און אַז מען טרעט צו אָפּצושטימען דעם אָרגאַניזיר־סטאַטוט פונקטנווייז; דערביי וועט געגעבן ווערן איין וואָרט פאַר איטלעכן פאָרשלאָג און איין וואָרט קעגן.

די ערשטע צוויי פונקטן פון סטאַטוט ווערן אָנגענומען.

א. ט ש ע ר י ק אָ ו ו ע ר לייענט איבער פונקט III און IV.

ז ר ו ב ב ל. איך וויל ניט ריידן וועגן דער פּראָפּאָרציע צווישן וויסנשאַפטלער און ניט־וויסנשאַפטלער. איך האַלט נאָר, אַז מען באַדאַרף מאַכן מעגלעך, אַז די ברייטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס זאָלן קאָנען אַריינגיין אין דער אָרגאַניזאַציע פון ייוואָ. דעריבער מוז מען לכתחילה אָננעמען, אַז די גאַנצע קאָנסטיטוציע איז אַ פּראָוויזאָרישע.

נ. פ ר י ל ו צ ק י. דאָס וואָרט פּראָוויזאָריום וועט ווירקן שלעכט אויף דעם גאַנג פון דער אַרבעט.

ז ר ו ב ב ל. איך וויל אַנדערש דעפינירן מיין פאָרשלאָג — אין אַ פּאָזיטיווער פאָרם: די קאָנפערענץ נעמט אָן די קאָנסטיטוציע פון אינסטיטוט, וואָס איז גילטיק די און די באַשטימטע צייט.

ג. ג ע ר ג ע ל. אַ קאָנסטיטוציע קאָן ניט ווערן אָנגענומען ביז אַ באַשטימטער צייט; און עס איז נאָך ניט נייטיק אויך בפירוש דאָס אויסצורעדן. אויב עס וועט צוליב דער אַרבעט נייטיק זיין צו ענדערן דעם סטאַטוט, וועט זיך שטענדיק געפינען די נייטיקע מערהייט.

ב. כ ה ן = ו ו י ר ג י ל י. די איצטיקע קאָנפערענץ איז געקליבן ניט לויט אַ באַשטימטן מאָדוס. די ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט איז אין איר ווייניק באַרטראָטן. איך טראָג אַריין דעריבער אַ פאָרשלאָג, אַז עס מוז אויסגערעדט ווערן, אַז די קומענדיקע קאָנפערענץ מעג אומבייטן דעם סטאַטוט מיט אַ געוויינטלעכער, ניט־קוואַליפיצירטער מערהייט.

י ע ק ב ל ע ש ט ש י נ ס ק י. עס מוזן זיין אין דעם סטאַטוט פון ייוואָ פרינציפּן, וואָס טאָרן קיין מאָל ניט ווערן געענדערט: 1) דער יסוד פון יידיש און דעמאָקראַטישקייט, 2) דער וויסנשאַפטלעכער כאַראַקטער פון אינסטיטוט, וואָס ווערט געזיכערט דורך דעם, וואָס די אָנפירנדיקע אָרגאַנען ווערן צונויפגעשטעלט פון 50 פראָצ. וויסנשאַפטלער און 50 פראָצ. פאָרשטייער פון די געזעלשאַפטן. צו קיין פּראָוויזאָריום טאָרן מיר ניט דערלאָזן.

ז ר ו ב ב ל. ווער זיינען מיר, וואָס מיר ווילן באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אינסטיטוט? ביי אַזאַ באַרמולירונג ווי לעשטשינסקיס האָט דער אינסטיטוט קיין פּרצוף ניט. מיר מוזן האָבן דעם געזעלשאַפטלעכן מוט צו זאָגן, אַז ביים איצטיקן צונויפשטעל איז די קאָנפערענץ ניט באַרעכטיקט אָנצונעמען אַ שטענדיקע קאָנסטיטוציע, ווייל מיר פאַרטרעטן ניט די אַלע, וואָס האָבן געהאָלפן בויען דעם אינסטיטוט.

פ ר י ל ו צ ק י. איך טראָג אַריין אַזאַ אויסבעסערונג: אויב 20% מיטגלידער פון ראַט טראָגן אַריין אַ פאָרשלאָג, אַז דער סטאַטוט זאָל געענדערט ווערן, דאַרף דער סטאַטוט געשטעלט ווערן צו באַהאַנדלונג אויף דער נאָענטסטער קאָנפערענץ.

ז ר ו ב ב ל. מיין פאָרשלאָג איז: אויף דער נאָענטסטער קאָנפערענץ ווערט געשטעלט אויפן סדר־היום די רעווידירונג פון אַלע פּונקטן פון סטאַטוט.

ב ן = א ד י ר. איך טראָג אַריין אַן אויסבעסערונג: דער פּרינציפּ פון האַלב אויף האַלב וויסנשאַפטלער אין ראַט און אַלע איבעריקע יסודות פון אָרגאַניזיר־סטאַטוט קאָנען געענדערט ווערן מיט אַ קוואַליפיצירטער מערהייט, אויסער דעם פּרינציפּ יידיש און דעמאָקראַטיש, וואָס קאָן בכלל ניט געענדערט ווערן, ווייל דאָס איז נוגע דעם עצם מהות פון אינסטיטוט.

נ. פּ ר י ל ו צ ק י. איך שטים אײַן מיט בן־אַדירן, נאָר איך לײג פֿאָר צו דעפֿינירן גענויער: די קוואַליפֿיצירטע מערהײט באַשטײט פֿון 3/4 שטימען.

בן־אַדירס פֿאָרשלאָג װערט אָנגענומען מיט אַלע קעגן 3 שטימען.

ז ר ו ב ב ל. מײַן פֿאָרשלאָג פֿאָרמוליר איך איצט אַזױ: „דער סטאַטוט װערט געשטעלט צו באַהאַנדלונג אױף דער נאָענטסטער קאָנפֿערענץ, אױסער די פּונקטן, װאָס װערן שױן איצט באַשטימט פֿאַר קאָנסטיטוציאָנעל".

ד ע ר פֿ אָ ר ז י צ ע ר שטעלט זרובבלס פֿאָרשלאָג צו אָפּשטימונג. מיט 11 קעגן 10 שטימען װערט דער פֿאָרשלאָג אָפּגעװאָרפֿן.

עס װערט געשטעלט צו אָפּשטימונג דער פֿאָרשלאָג פֿון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע מיט דער הוספה פֿון נ. פּרילוצקי:

„אַלע פּונקטן פֿון סטאַטוט װערן באַטראַכט פֿאַר קאָנסטיטוציאָנעלע; ½ פֿון ראַט קאָן פֿאָדערן צו רעװידירן די פּונקטן פֿון סטאַטוט; זײ װערן געביטן מיט אַ מערהײט 3/4 שטימען; אױסער די פּונקטן: ייִדיש, דעמאָקראַטיש און העלפֿט אױף העלפֿט אין די אָנפֿיר־אָרגאַנען".

דער פֿאָרשלאָג װערט אָנגענומען מיט 15 שטימען קעגן 5.

א. ט ש ע ר י ק אָ װ ע ר. „דער ראַט באַשטײט פֿון 40 פּערזאָן; אַ העלפֿט פֿון זײ זײַנען פֿאָרשטײער פֿון די געזעלשאַפֿטן „פֿרײַנד פֿון ייִװאָ" אױף די ערטער; די לענדער זײַנען פֿאָרטראָטן לױט פֿאָלגנדן שליסל: פּױלן — 4, פֿאַר. שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע — 4, און צו 1 פֿון אַרגענטינע, בראַזיל, דײַטשלאַנד, דרום־אַפֿריקע, ליטע, לעטלאַנד, ענגלאַנד, עסטלאַנד, עסטרײַך, פֿראַנקרײַך, פּאַלעסטינע, רומעניע. די צװײטע העלפֿט בילדן פֿאָרשטײער פֿון די װיסנשאַפֿטלעכע סעקציעס".

דער פּונקט װערט אָנגענומען.

א. ט ש ע ר י ק אָ װ ע ר. „באַם עס װעלן צוקומען נײַע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס „פֿרײַנד" אָדער סעקציעס, באַקומען זײ אַ געהעריקע פֿאָרטרעטונג. בײַ ענדערונגען װערט אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ פֿון „העלפֿט אױף העלפֿט".

י. מ אַ ר ק (ריגע). איך לײג פֿאָר אַן אױסבעסערונג: דער שליסל גילט פֿון קאָנפֿערענץ צו קאָנפֿערענץ.

דער פּונקט װערט אָנגענומען מיט דער אױסבעסערונג.

א. ט ש ע ר י ק אָ װ ע ר. „די קאָנפֿערענץ נעמט אָן דעם שליסל פֿון ראַט און פֿאָדערט אױף סײַ די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס „פֿרײַנד פֿון ייִװאָ" און סײַ די סעקציעס צו דעלעגירן זײערע פֿאָרשטײער אין ראַט ניט שפּעטער װי אין צװײ חדשים אַרום".

אָנגענומען.

א. ט ש ע ר י ק אָ װ ע ר. „די צענטראַלע פֿאַרװאַלטונג באַשטײט פֿון 12 מיטגלידער, אױסגעװײלט אױף דער קאָנפֿערענץ, פֿון זײ 6 פֿאָרשטײער פֿון די געזעלשאַפֿטן און 6 פֿון די סעקציעס, צו זײ 4 קאַנדידאַטן".

ב. כהן=ווירגילי. ווי אַזוי וועט מען קלייבן די פּאָרעשטייער פון די סעקציעס, אויב די סעקציעס זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט? און אויב די סעקציעס וועלן קלייבן באַזונדער זייערע פאָרטרעטער אין פאַרוואַלטונג, וועלן דאָך די מיטגלידער פון די סעקציעס, וואָס זיינען דעלעגאַטן, צוויי מאָל קלייבן.

א. ראָזענמאַל (ווילנע). די סעקציעס דאַרפן נאָר צושטעלן קאַנדידאַטן, קלייבן קלייבט זיי אויס די גאַנצע קאָנפערענץ.

א. טשעריקאָווער. מיר פאָרמולירן אַזוי דעם פונקט: „די דעלעגאַטן פון די געזעלשאַפטן און די סעקציעס נאָמינירן באַזונדער איטלעכע צו 6 קאַנדידאַטן, און דער גאַנצער צוזאַמענשטעל ווערט ראַטיפיצירט דורך דער קאָנפערענץ”.

אָנגענומען.

א. טשעריקאָווער. „צו יעדער טייל ווערן אויסגעקליבן צו צוויי קאַנדידאַטן”.

אָנגענומען.

א. טשעריקאָווער. היינטיקס מאָל דאַרף די קאָנפערענץ אויסקלייבן אַלע 12 מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג מיט די קאַנדידאַטן פּערסאָנעל, רעכענענדיק זיך מיט דעם אָרגאַניזיר=פּרינציפּ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף שטענדיק.

אָנגענומען.

...אַ קוואָרום פון דער צ״פ רעכנט זיך פון 7 אָנטיילנעמער...

אָנגענומען.

...די צ״פ טיילט אויס פון זיך 4 מיטגלידער ווי אַן אויספיר=ביוראָ מיטן זיץ אין ווילנע.

א. ראָזענטאַל. דאָס אויספיר=ביוראָ מוז אומבאַדינגט באַשטיין פון 5 מיטגלידער.

א. טשעריקאָווער. מסכים. די צענטפאַרוואַלטונג טיילט אויס אַן אויספיר=ביוראָ פון 5 מיטגלידער מיטן זיץ אין ווילנע.

אָנגענומען.

איצט שטייט די פראַגע: צי מעגן די מיטגלידער פון דער צ״פ זיין מיטגלידער פון ראַט אָדער זיי זיינען ממילא מיטגלידער פון ראַט?

נ. מייזיל. די פאַרוואַלטונג איז אַ טייל פון ראַט.

ל. קאַהאַן. די פאַרוואַלטונג קאָן ניט האָבן קיין שטים אין ראַט. דער ראַט איז אַ באַזונדער אָרגאַן. די פאַרוואַלטונג באַטייליקט זיך אין די זיצונגען פון ראַט מיט באַראַט=רעכט.

א. טשעריקאָווער. דער ראַט פון 40 מיטגלידער צוזאַמען מיט די 12 מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג בילדן די קערפּערשאַפט, וואָס באַ=

שטימט דעם אַרבעטס־גאַנג פון ייוואָ אין דער צווישנצײַט צווישן די צוזאַמענפאָרן. עס קאָן גאָרניט געמאָלט זײַן, אַז די מיטגלידער פון דער צענטפאַרוואַלטונג זאָלן ניט האָבן קיין באַשטים־רעכט.

י. גימערמאַן. דער ראַט באַשטייט פון 40 מיטגלידער; 12 פון זיי בילדן די צענטראַלע פאַרוואַלטונג.

י. מאַרק. דער ראַט און צענטפאַרוואַלטונג זײַנען באַזונדערע קערפערשאַפטן; די צ״פ ווערט געקליבן פון דער קאָנפערענץ; די 40 מיטגלידער פון ראַט ווערן אויסגעקליבן פון די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. אויף די זיצונגען פון ראַט מוזן די מיטגלידער פון דער צ״פ האָבן באַשטים־רעכט.

א. טשעריקאָווער. די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע לייגט פאָר אַזאַ באַשטימונג: „דער ראַט און די צ״פ זײַנען באַזונדערע אינסטיטוציעס. מען קאָן ניט זײַן גלײַכצײַטיק אַ מיטגליד פון ראַט און אַ מיטגליד פון דער צ״פ. אויף די סעסיעס פון ראַט באַטייליקן זיך די מיטגלידער פון דער צ״פ מיט באַשטים־רעכט“.

אָנגענומען.

„...דער ראַט קומט זיך צונויף ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין יאָר“...

אָנגענומען.

„...די קאָמפעטענץ פון ראַט איז צו באַשטימען דעם בודזשעט און דעם אַלגעמיינעם פלאַן פון דער אַרבעט לויט די פאָרשלאָגן פון דער צ״פ. דער ראַט ווײַלט אויס פון זיך אַ רעווידיר־קאָמיסיע צו קאָנטראָלירן די אַרבעט פון דער צ״פ“.

אָנגענומען.

נ. פרילוצקי. איך לייג פאָר אַ הוספה: אויף דער סעסיע פון ראַט ווערט אָפגעגעבן אַ באַריכט פון דער צ״פ. דער ראַט באַשטעטיקט דעם באַריכט אָדער וואַרפט אים אָפ.

אָנגענומען.

א. טשעריקאָווער. „די צ״פ קומט זיך צונויף ניט זעלטענער ווי 2 מאָל אין יאָר. אין דער צײַט צווישן די פלענומס אינפאָרמירט דאָס אויספיר־ביוראָ און באַראַט זיך מיט איבעריקע מיטגלידער פון דער צ״פ אין וויכטיקע פאַלן דורך קאָרעספאָנדענץ“.

אָנגענומען.

„...די אויפגאַבע פון דער צ״פ איז אָנפירן די אַרבעט און רעאַליזירן דעם אַרבעטס־פלאַן, וואָס דער ראַט נעמט אָן“.

אָנגענומען.

„...די צ״פ האָט דאָס רעכט צונויפצורופן אַן אויסעראָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר אין פאַל פון חילוקי־דעות מיטן ראַט“.

אָנגענומען.

„...דאָס אויספיר־ביוראָ פירט די לויפיקע אַרבעט אין הסכם מיט די באַשלוסן פון ראַט און פון דער צ"פ און האָט צו שאַפן איבערן פאַרמעגן פון ייוואָ".

אָנגענומען.

„...עס ווערט געשאַפן אַ צענטראַלע קאַסע און איינגעשטעלט אַ צענטראַלע בוכהאַלטעריע".

אָנגענומען מיט דעם, אַז די פּרטים אַרבעט אויס די צ"פ.

א. טשעריקאָווער. מיר גייען איבער צו דער אָרגאַניזירונג פון די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס. אין דעם פּרט איז פאַראַן אַזאַ פּראָיעקט פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע:

1. די קאָנפערענץ טרעט צו צו אָרגאַניזירן די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס.

2. די סעקציעס באַשטייען פון ווירקלעכע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן. די צאָל פון די ערשטע אין יעדער סעקציע שטייגט ניט איבער 20, די צאָל פון די צווייטע 40.

3. אין דעם גבול פון איר טעטיקייט און פון דעם בודזשעט, וואָס די צענטפאַרוואַלטונג באַשטימט פאַר יעדער סעקציע לויט די פאָרשלאָגן פון די סעקציעס, איז יעדער סעקציע אַווטאָנאָם.

4. די קאָנפערענץ קלייבט אויס פאַר יעדער סעקציע די ערשטע ווירקלעכע מיטגלידער — ניט ווייניקער פון 5. די ווייטערדיקע מיטגלידער פון יעדער סעקציע ווערן שוין אויסגעקליבן דורך די מיטגלידער פון דער סעקציע גופא.

5. די קאָנפערענץ קלייבט אויך אויס די וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַרן פון די סעקציעס — די אָנפירער פון יעדער סעקציע.

בן־אַדיר. מען דאַרף ניט באַגרענעצן די צאָל מיטגלידער אין די סעקציעס.

נ. פּרילוצקי. די צאָל ווירקלעכע מיטגלידער דאַרף זיין ניט ווייניקער פון 5; די צאָל קאָרעספּאָנדענטן ניט באַגרענעצט.

מ. ווײַנרייך. דער אַווטאָריטעט פון דער קאָלעגיע איז גרעסער, אויב די צאָל מיטגלידער אירע איז קלענער. איך האַלט, אַז ניט אַלע מיטאַרבעטער פון די „שריפטן" קאָנען ווערן ווירקלעכע מיטגלידער פון די סעקציעס. אַזעלכע קאָנען זיין נאָר מענטשן, וואָס וויסנשאַפט איז זייער פאַך. וואָס איז שייך די מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן, זיינען דאָס לויט מיין געדאַנק אַזעלכע וויסנשאַפטלער, וואָס זיינען גרייט מיטצואַרבעטן מיטן אינסטיטוט, נאָר אין קיין ענגערער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג מיט אים גייען זיי ניט אַריין. אונדזערע זאַמלער ווידער בילדן אַ באַזונדער קאַטעגאָריע, פאַר מיטגלידער פון דער סעקציע קאָנען זיי ניט ווערן פאַררעכנט.

די פראַגע, ווי אַזוי צו באַשטימען די ערשטע ווירקלעכע מיטגלידער פון די סעקציעס, קאָן מען פאַרענטפערן אויף אַזאַ אופן: די קאָנפערענץ גיט אויף די ביז־איצטיקע סעקרעטאַרן פון די סעקציעס צוצושטעלן אַ רשימה פון 5—7 קאַנדידאַטן פאַר מיטגלידער, וואָס די קאָנפערענץ קלייבט זיי אויס. די קאָנפערענץ קלייבט אויך אויס צו איין פערזאָן פון איטלעכער סעקציע, וואָס טראָגט די אַחריות פאַר דער אַרבעט פון דער סעקציע, אונ־טערן נאָמען „וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר".

נ. פּרילוצקי. איך לייג פאָר צו באַשטימען אַזעלכע קאַטעגאָ־ריעס מיטגלידער פון די סעקציעס: געוויינטלעכע, אויסערגעוויינטלעכע, ערן־מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן. געוויינטלעכע מיטגלידער קאָנען זיין נאָר מיטגלידער פון דער אינסטיטוט־אָרגאַניזאַציע.

י. מאַרק. איצט דאַרפן מיר זיך באַנוגענען נאָר מיט באַשטימען די קאַטעגאָריעס מיטגלידער.

מ. ווייַנרייַך. איך לייג פאָר אַזאַ אויסבעסערונג צום פאָרשלאָג פון דער קאָמיסיע: די פראַגע וועגן דער צאָל מיטגלידער פון די סעקציעס, די באַציִונגען צווישן די מיטגלידער און זייער קוואַליפיקאַציע דאַרף באַ־טראַכט ווערן דורך דער צענטפאַרוואַלטונג און דער באַשלוס באַשטעטיקט ווערן דורכן ראַט.

אָנגענומען.

„...מיטגלידער פון די סעקציעס קאָנען זיין: ווירקלעכע, ערן־מיטגלי־דער, מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן; חוץ דעם זיינען פאַראַן מיטאַרבעטער פון די סעקציעס".

אָנגענומען מיט דעם, אַז די באַצייכענונגען זאָלן נאָכאַמאָל באַטראַכט ווערן דורך דער צענטפאַרוואַלטונג.

„די מיטגלידער פון איין סעקציע האָבן איניציאַטיוו־רעכט און באַ־ראָט־רעכט אין אַלע אַנדערע סעקציעס".

אָנגענומען.

עס ווערט אָנגענומען ווי אַ דירעקטיווע פאַר דער צענטפאַר־וואַלטונג:

דער ראַט (אָדער קאָנפערענץ) אַרבעט אויס אַ בודזשעט אויפן יאָר פאַר די אָרגאַניזיר־צוועקן און פאַר די סעקציעס. די סעקציעס קענען שאַפן אַליין פאַר זיך די נייטיקע מיטלען; אויב זיי באַקומען מיטלען, וואָס שטייגן אַריבער זייערע באַשטעטיקטע בודזשעטן, דאַרפן די מיטלען אַריינגיין אין דער צענטראַלער קאַסע, סיידן וועגן זיי וועט זיין אַ ספּעציעלע פאַרשטענ־דיקונג מיט דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג.

מ. ווייַנרייַך. אַחוץ די אָרגאַניזאַציאָנעלע און וויסנשאַפט־לעכע קערפּערשאַפטן, וואָס מיר האָבן אַלאָרשט געשאַפן, דאַרפן מיר אויך

קאָנסטרויִרן אַ קוראַטאָריום — אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל מאָראַליש און מאַטעריעל שטיצן די אַרבעט פון דעם ייוואָ פאַר דער עפנטלעכקייט. די צאָל מיטגלידער אין אַזאַ קוראַטאָריום דאַרף ניט זיין פאָרמעל באַגרענעצט. ווי מעגלעך און נייטיק, קען מען שאַפן אויך לאַנד־קוראַטאָריומס פאַר דעם ייוואָ. אין דער שפּיץ פון דעם קוראַטאָריום קען מען אַוועקשטעלן אַן ערן־פּרעזידיום, וואָס זאָל באַשטיין פון פּראָמינענטע וויסנשאַפט־לער אין אַ צאָל פון 7 ביז 10.

יעקב לעשטשינסקי. עס מוז זיין אַ שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן קוראַטאָריום און דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון ייוואָ. דאָס קאָן ווערן דערגרייכט דורך דעם, וואָס די וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַרן פון די סעקציעס וועלן עקס אָפיציאָ אַריינגיין אין קוראַטאָריום.

ד״ר י. שיפּער. אין קוראַטאָריום דאַרפן אַריינגיין דריי מינים מיטגלידער: פאַרבעטענע דורך דער צענטראַלפאַרוואַלטונג, פאָרשטייער פון די סעקציעס און ערן־מיטגלידער פון די סעקציעס.

נ. מייזיל. בכדי צו פאַרשטאַרקן דעם צונויפבונד צווישן די פאַר־שיידענע אָרגאַנען פון אינסטיטוט, באַדאַרפן 3—5 מיטגלידער פון קוראַ־טאָריום אַריינגיין אין ראַט.

עס ווערט דורך אָפּשטימונג אָנגענומען:

1. צו גרינדן אַ קוראַטאָריום לויטן פאָרשלאָג פון דער אָרג׳־קאָמיסיע.

2. צוויי מיטגלידער פון דער צ״פ און די פירער פון די סעקציעס גייען אַריין אין קוראַטאָריום ex officio.

3. עס ווערן געבילדעט חוץ דעם צענטראַלן קוראַטאָריום, נאָך לאַנד־קוראַטאָריומס.

א. טשעריקאָווער. מיר האָבן נאָך צו באַשטימען דעם לעצטן פּונקט פון סטאַטוט: „דער העכסטער אָרגאַן פון ייוואָ איז דער צוזאַמענ־פאָר. דער צוזאַמענפאָר ווערט צונויפגערופן ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין דריי יאָר. דעם מאָדוס פון צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר באַשטימט דער ראַט״.

אָנגענומען.

יעקב לעשטשינסקי. מיר מוזן אָננעמען אַ ספּעציעלע רעזאָ־לוציע, אַז די צוויי קאָנסטיטוציאָנעלע פּרינציפּן פון ייוואָ: א) זיין איצטי־קער כאַראַקטער, און ב) די באַטייליקונג פון די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס אין אַלע אָרגאַנען איז גלייך צו דער באַטייליקונג פון די געזעלשאַפטן, — קאָן קיין מאָל ניט געענדערט ווערן.

אָנגענומען.

לויטן פאָרשלאָג פון מ. ווײַנרייך ווערט באַשלאָסן:

אַז די פירער פון די וויסנש׳ סעקציעס טראָגן דעם נאָמען וויסנ־שאַפטלעכער סעקרעטאַר.

אַז דער פּאַרקירצטער נאָמען פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז ייוואָ (צו שרייבן אַן פּאַסיקלעך), מיטן אַקצענט אויפן לעצטן טראַף.

אַז אַלע אָנגענומענע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן דאַרפן איבער־רעדאַקטירט און אויסגעשטימט ווערן דורך דער צענטראַל־פּאַרוואַלטונג.

דערמיט ווערט די זיצונג געשלאָסן.

זיבעטע זיצונג

(זונטאָג, 27טן אָקטאָבער, 5 נאָכמיטאָג)

פּאָרזיצער: נ. פּרילוצקי.

אויפן סדר־היום: אָפּשטימען פּאָרשלאָגן און רעזאָלוציעס; וואַלן.

לויטן פאָרשלאָג פון פּ אָ ר ז י צ ע ר ווערט אָנגענומען דורך אַקלאַ־מאַציע אַזאַ רעזאָלוציע:

„אויסגעהערט דעם אַלגעמיינעם באַריכט וועגן דער ביז־איצטיקער מעטיקייט און אויך די רעפעראַטן וועגן די ווייטערדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון ייוואָ, דריקט אויס די קאָנפערענץ דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון ייוואָ, ווי אויך אַלע זיינע מיטאַרבעטער, די וואַרעמסטע אָנערקענונג פאַר דער איבערגעגעבענער גרויסער און פרוכפּערדיקער אַרבעט, וואָס האָט ביי די שווערסטע באַדינגונגען געלייגט דעםווינקלשטיין פון וויכטיקע וויסנ־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אויך געמאַכט פאַר נויטווענדיק און מעג־לעך די איצטיקע קאָנפערענץ”.

עס ווערט אויך אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע, פאָרגעלייגט פון נ. מייזיל:

„אויסגעהערט דעם באַריכט פון דעם בוי־קאָמיטעט פאַרן ייוואָ אין ווילנע, דריקט די קאָנפערענץ אויס איר טיפן דאַנק דעם בוי־קאָמיטעט פאַר זיין פרוכטבאַרער אַרבעט, וואָס ער האָט איינגעשאַפט אַן אייגענעם פּלאַץ אין ווילנע און געבראַכט צו דער גרויסער פייערונג פון לייגן דעם גרונט־שטיין פאַר דעם אייגענעם בנין פון ייוואָ”.

מ. ו ו י י נ ר י י ך רעפערירט די פּאָרשלאָגן און רעזאָלוציעס, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין דער קאָמיסיע.

א) די קאָנפערענץ דריקט אויס איר באַוווּנדערונג פאַר דער גרויסער ליבע און ענערגיע, וואָס די הונדערטער זאַמלער פאַר דעם ייוואָ אין אַלע עקן וועלט האָבן אַרויסבאַוויזן. די קאָנפערענץ גיט אויף דער קומענדיקער צענטראַלער פאַרוואַלטונג אויסצואַרבעטן די געהעריקע פאָרמען, וואָס זאָלן די ווונדער־אַרבעט פון דער זאַמלערשאַפט אויף ווייטער נאָך מער פאַר־שטאַרקן (פאָרשלאָג נ. מייזיל).

אָנגענומען.

א. א י י נ ג ע ל צ י ן (פֿאָדבראָדו). מען האָט דאָ אין די רעבאַטן געדאַנקט די זאַמלער, געוווּנדערט זיך אויף זייער איבערגעגעבנקייט. ניטאָ וואָס צו דאַנקען און וואָס צו וווּנדערן זיך. זיי מוזן האָך דאָס ניט פֿאַר קיינעם, נאָר פֿאַר זיך אַליין: זיי אַליין געפֿינען באַפֿרידיקונג אין דער אַרבעט פֿאַר אַ צענטראַלער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוציע און זיינען גליקלעך, וואָס זיי קענען צולייגן דערצו אַ האַנט.

ב) די זאַמל=אַקציע פֿאַר דעם בוי=פֿאָנד זאָל ווי ווייט מעגלעך פֿאַרענדיקט ווערן, ווי אַ שלאָג=אויפֿגאַבע, נאָך אין 1929 (פֿאָרשלאָג ז. רייזען).

אָנגענומען.

ג) עס זאָל באַשטימט ווערן אַ ייוואָ=וואָך פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, זאַמל= און פֿינאַנץ=אַרבעט (פֿאָרשלאָג פֿון עטלעכע דעלעגאַטן).

אָנגענומען.

ד) פֿירן אַן אויפֿקלער=אַרבעט וועגן ייוואָ אויך אין דער ניט=יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, אויסנוצנדיק דערביי די טריבונע פֿון די שטאָטראַטן, פֿון פֿאַרלאַמענט אאַז"וו (פֿאָרשלאָג ד"ר ע. רינגעלבלום).

אָנגענומען.

ה) די אַרבעט פֿון ייוואָ און זיינע סעקציעס דאַרף געשטעלט ווערן אין פֿאַרבינדונג מיט די געהעריקע אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס (פֿאָרשלאָג ע. רינגעלבלום).

אָנגענומען.

ו) ביים ייוואָ ווערט געשאַפֿן אַ קונסט=סעקציע (פֿאָרשלאָג מאַרק שאַגאַל און י. ם. צליאַוויטש).

אין פּרינציפּ אָנגענומען.

ז) דער ייוואָ הייבט אָן אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפֿטלעכן חודש=זשורנאַל (פֿאָרשלאָג ז. רייזען).

נ. פּ ר י ל ו צ ק י. איך לייג פֿאָר, מיר זאָלן דאָס אָננעמען אין פּרינציפּ; אַלע פּרטים וועגן דער דורכפֿירונג איבערגעבן דעם אויספֿיר=ביוראָ אין הסכם מיט די סעקציעס.

מיט דער אויסבעסערונג אָנגענומען.

ח) די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַזונדער סעקציע (פֿאָרשלאָג נ. ווייניג).

באַשלאָסן: איבערגעבן דעם פֿאָרשלאָג ווי אַ מאַטעריאַל די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען; די גרינדונג פֿון דער סעקציע וועט קענען פּראָקלאַמירן, אויב נייטיק, דער ראַט.

ט) ביי דער פֿילאָלאָגישער סעקציע ווערט געשאַפֿן אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע קאָמיסיע (פֿאָרשלאָג ז. רייזען).

אין פרינציפּ אָנגענומען. פרטים וועט באַשטימען די פילאָלאָגישע סעקציע.

י) סוכּות 1930 דאַרף אויפגערופן ווערן אַ קאָנפערענץ צו רעגולירן די יידישע אָרטאָגראַפיע (פאָרשלאָג מ. ווײַנרייך).

אָנגענומען מיט דער אויסבעסערונג: „אין משך פון 1930".

יא) די קאָנפערענץ ווענדט זיך צו אַלע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, הן צענטראַלע און הן לאָקאַלע, מיט דער הייסער ביטע איבערצוגעבן אין רשות פון ייוואָ אַלע וויכטיקע מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך בײַ זיי, אָדער, אויב דאָס איז ניט מעגלעך, לאָזן קאָפּירן די מאַטעריאַלן פאַר דעם ייוואָ (פאָרשלאָג י. גיטערמאַן).

אָנגענומען.

יב) אויף דעם אויספּיר־ביוראָ ווערט אַרויפגעלייגט אַ חוב אָפּצודרוקן אַ בפּרטיותדיקן באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ.

אָנגענומען.

יג) פינאַנץ־ און אָרגאַניזיר־פּראָיעקטן.

מ. ווײַנרייך. עס איז אַרײַנגעפאַלן אַ גרויסע צאָל פאָרשלאָגן וועגן אָרגאַניזיר־ און פינאַנץ־פראַגעס. די קאָמיסיע לייגט פאָר איבערצוגעבן דאָס אַלץ ווי מאַטעריאַל דער קומענדיקער צענטפאַרוואַלטונג.

אָנגענומען.

יד) צוגלייך מיט דער אַקאַדעמישער פאָרש־אַרבעט דאַרף דער ייוואָ, לויט זײַן פּרינציפּן־דערקלערונג, אויך שאַפן אַ העכערן לערנאַנשטאַלט. די קאָנפערענץ אָנערקענט, אַז עס איז שוין געקומען די צײַט צו שטעלן די פראַגע פּראַקטיש און צוצוטרעטן צו די געהעריקע הכנות, קודם־כּל אויף צו גרינדן אַ פאַקולטעט פאַר הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. די קאָנפערענץ פּראָקלאַמירט די נייטיקייט פון אַ יידישער הויכשול בײַם ייוואָ און רופט די יידישע עפנטלעכקייט אָנצושטרענגען די כּוחות אויף צו רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבע (פאָרשלאָג נ. גערגעל).

אָנגענומען.

טו) די קאָנפערענץ אָנערקענט, אַז דאָס מאָדערנע יידישע שולוועזן איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג און פּראָטעסטירט קעגן אַלע אָנפאַלן, וואָס זיינען אויסן אונטערצוגראָבן דעם קיום פון דעם יידישן שולוועזן.

אָנגענומען.

עס ווערט דערקלערט אַ הפסקה אויף צו נאָמינירן קאַנדידאַטן צו די פאַרשיידענע אָרגאַנען פון ייוואָ.

נאָך דער הפסקה רעפערירט פאַר דער נאָמיניר־קאָמיסיע

ז. רייזען. די נאָמיניר־קאָמיסיע לייגט פאָר אויסצוקלייבן פאָלגנדיקע פריינד פאַר ווירקלעכע מיטגלידער פון די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס:

פון דער פילאָלאָגישער סעקציע: ד״ר מ. וויינרייך, יודא א. יאַפּע, י. ל. כהן, ש. גיגער, נ. פּרילוצקי, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען; וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר — ד״ר מ. וויינרייך.

פון דער היסטאָרישער סעקציע: ד״ר י. בּרוצקוס, ד״ר ח. באָראָדיאַנסקי, ש. דובנאָוו, אַ. משעריקאָווער, א. מענעס, מאַג׳ פּ. קאָן, פּ. קורסקי, ד״ר ע. רינגעלבלום, ד״ר י. שאַצקי, ד״ר י. שיפּער; וויסנשאַפּטלעכער סעקרעטאַר — א. משעריקאָווער.

פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע: פּראָפּ׳ ב. בּרוצקוס, ד״ר נ. גערגעל, פּראָפּ׳ ל. הערש, ד״ר י. ליפּאָווסקי, יעקב לעשטשינסקי, י. קאָראַלניק, א. ראָזין (בּן־אַדיר), מ. שאַליט; וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר — י. לעשטשינסקי.

פון דער פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישער סעקציע: א. גאָלאָמב, ל. לעהרער, ש. לעווין, ד״ר ה. קאָוואַרסקי, ל. קאַגעל, ד״ר א. א. ראָבאַק; וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר — לייבּוש לעהרער.

די פאָרגעלייגטע רשימה ווערט אָנגענומען אָן בלאָק.

פאַר מיטגלידער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון ייוואָ זוערן פאָרגעלייגט: י. גיטערמאַן (וואַרשע), ד״ר מ. וויינרייך (ווילנע), ד״ר מ. זילבערפאַרב (וואַרשע), א. טשעריקאָווער (בערלין), י. יעפרויקין (פּאַריז), ב. כהן־ווירגילי (ווילנע), יעקב לעשטשינסקי (בערלין), יודל מאַרק (ריגע), נ. פּרילוצקי (וואַרשע), ז. רייזען (ווילנע), ד״ר י. שאַצקי (ניו־יאָרק), ד״ר י. שיפּער (וואַרשע); פאַר קאַנדידאַטן צו זיי: ז. קלמנאָוויטש (ווילנע), נ. מייזיל (וואַרשע), י. יאַשונסקי (וואַרשע), ד״ר נ. גערגעל (בערלין). חוץ דעם ווערט פאָרגעלייגט ווי אַ פאַרטרעטער פון קוראַטאָריום אין דער צ״פ ב. קלעצקין.

די דאָזיקע רשימה ווערט אָנגענומען אָן בלאָק.

י. גיטערמאַן לייגט פאָר אויסצוקלייבן אַ קאָמיסיע צוצוגרייטן די גרינדונג פון דער קונסט־סעקציע פון ייוואָ אין אַזאַ באַשטאַנד: יוליוס גענש (דערפּעט), א. זיינפעלד (קראָקע), י. מ. ניימאַן (וואַרשע), י. עליאָוויטש (וואַרשע), נ. פּרילוצקי (וואַרשע), ב. צוקערמאַן (ווילנע), מ. שאַגאַל (פּאַריז).

י. שיפּער. מען דאַרף זיך ניט איילן מיט אויספירן דעם באַשלוס מכּח דער קונסט־סעקציע. די וואַרשעווער היסטאָרישע קאָמיסיע האָט שוין אָנגעקניפּט פאַרהאַנדלונגען אין דעם ענין. עס איז פאַראַן אַ פּלאַן, די וואַרשעווער קהילה זאָל בויען אַ בנין פאַר אַ קונסט־מוזיי.

עס ווערט באַשלאָסן: די אויסגעקליבענע קאָמיסיע זאָל אַרבעטן אין הסכם מיט דער וואַרשעווער היסטאָרישער קאָמיסיע. די קאָמיסיע ווערט אויסגעקליבן אין פאַרגעלייגטן באַשטאַנד.

וועגן קוראַטאָריום פון ייוואָ ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון ד"ר נ. גענש (דערפעטמ):

די צענטראַלע פאַרוואַלטונג ווערט געבעטן צוגויפצושטעלן אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ דאָס קוראַטאָריום פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און אויך פאַרבעטן דאָס ערן-פרעזידיום.

א. טשעריקאָווער מעלדעט: די היסטאָרישע סעקציע האָט אויסגעקליבן ש. דובנאָוון פאַר אַן ערן-מיטגליד פון דער סעקציע.

מ. וויינרייך מעלדעט: די פילאָלאָגישע סעקציע האָט אויסגעקליבן פאַר ערן-מיטגלידער אַלכּסנדר הארקאַווי און אַלפרעד לאַנדוי.

מ. וויינרייך מעלדעט: די דעלעגאַטן פון פוילן האָבן אויסגעקליבן די 4 מיטגלידער פון ראַט פון ייוואָ, לויטן איינגעשטעלטן שליסל; די אויסגעקליבענע זיינען שמואל ווינטער (וולאָצלאַוועק), א. זייגפעלד (קראָקע), י. טשערניכאָוו (ווילנע) און ד"ר ה. קאָוואַרסקי (ווילנע).

די ערשטע זיצונג פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג ווערט באַשטימט אויף מאָרגן 11 אין דער פרי.

נ. פּריל וצקי. ביים שליסן די קאָנפערענץ דערמאָנט זיך מיר ווילנדיק דער שלוס פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. אָנגעהויבן האָט זי זיך מיט גרויס פּאַראַד אין אַ גרויסן זאַל, מיט אַ גרויסן עולם, און געענדיקט האָט זי זיך שטיל, אין עפּעס אַ פאַררוקטן צימערל, ביי אַ פּאָר צענדליק מענטשן. אין משך פון דער קאָנפערענץ האָט די התלהבות ביסלעכווייז זיך אויסגעוועפּט, אַזוי אַז שפּעטער האָט נאָמבערג געקאָנט שרייבן, אַז פון דער גאַנצער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געבליבן אַ שטיקל פּאַפּיר. מיר האָבן מער מזל, ווייל מיר זיינען געקומען שפּעטער. היינט פאַרלאָזן מיר די ערשטע קאָנפערענץ פון ייוואָ גאָר מיט אַן אַנדער געפיל. אין משך פון דער אַרבעט איז די התלהבות לא די וואָס ניט אָפּגעקילט געוואָרן, נאָר זי האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט. וואָס גייען מיר טאָן? אַ גרויסע אויפבוי-אַרבעט. דער בנין, וואָס דער ייוואָ בויט אויף זיין פּלאַץ, איז אַן אמתע אילוסטראַציע און סימבאָל. מען נעמט אַן אָפּגעלאָזן שטיבל, מען שטעלט אונטער דעם אַוועק אַ שטיינערנעם פונדאַמענט, מען גראָבט אונטער דעם אַ קעלער פון בעטאָן מיט פייער-זיכערע מאַגאַזינען, כּדי עס זאָל זיין מסוגל צו היטן אונדזערע וויסנשאַפטלעכע אוצרות. דאָס מוז אויך דער ייוואָ אין גאַנצן — ער וויל די אָפּגעלאָזענע, צעוואָרפענע פאָלקסשאַפונג און פאָלקסגעשיכטע אַריינגעמען אין די געאָרדנטע שפייכלערס און זאַלן פון דער וויסנשאַפט.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו די דעלעגאַטן און די געסט אין משך פון די פיר טעג פון דער קאָנפערענץ. פאַר פיל פון זיי זיינען עס געווען טעג פון אויפמונטערונג און טיפער אינעווייניקסטער פרייד. ביים לייגן דעם גרונד־שטיין האָב איך געזען, ווי מענטשן מיט גרויע האָר האָבן געוויינט. דאָס האָט אַרויסגעשפּאַרט דאָס געפיל פון באַפרייונג, וואָס איז געווען דאָס געפיל פון די פיל עוולות, וואָס מען האָט באַגאַנגען קעגן אונדז, וואָס האָט אַרויסגעפרעסט ביי אונדז טרערן אין מאָמענט פון גליק.

איצט, נאָך דעם יום־טוב פון דער קאָנפערענץ, גייט אַ וואָך — אַ וואָך מיט אַרבעט. מיר, וואָס זיינען דאָ אויסגעקליבן געוואָרן צו פירן ווייטער די אַזוי שיין אָנגעהויבענע אַרבעט, האָבן גענומען אויף זיך אַ גרויסע אַחריות. מיר וועלן זען אייערע האָפענונגען צו באַרעכטיקן. אויף אונדז ליגט אַ חוב אָנטקעגן די אַלע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אונדז און אונ׳ז צו־געגרייט דעם באָדן. אויף אונדז ליגט אַ חוב צו באַפרייען די ירושה פון ב. באָראָכאָוו און ש. אַנסקי — די ערשטע אויפגאַבע אונדזערע דאַרף זיין אַרויסגעבן זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין בוך־פאָרם. לאָמיר ניט פאַרגעסן די מאַרטירער פון דער יידישער וויסנשאַפט, וואָס האָבן ניט דער־לעבט צו זען די פרוכט פון זייער אַרבעט, די אַלע, וואָס האָבן מיט זייער בלוט און שווייס דורכגעטרענקט און באַפרוכפּערט דאָס פעלד פון דער יידישער וויסנשאַפט.

די דאָזיקע קאָנפערענץ וועט געבן די מעגלעכקייט די איצטיקע בויער פון דער יידישער וויסנשאַפט פאַראייניקן זיך צו בשותּפותדיקער אַרבעט, אונטער איין דאַך וועט ווערן קאָנצענטרירט און געשטאַרקט די יידישע שעפע־רישע ענערגיע. אין דעם פייער פון דער באַגייסטערטער צוזאַמענאַרבעט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך וועלן זיכער צעשמאָלצן ווערן אַ סך אומפאַר־שטייענישן און אַנימאָזיעס, וואָס האָבן ביז איצט צעטיילט אונדזערע וויסנשאַפטלער.

אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ דריק איך אויס אונדזער וואַרעמען דאַנק די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ, יענע, וואָס האָבן צוגלייך אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די אַרבעט פון גרינדן דעם ייוואָ און דער־פירן אים ביז צום היינטיקן מצב. אַ דאַנק אויך אַלע דעלעגאַטן און געסט, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע טאָגטעגלעכע אינטערעסן און אַרבעטן און זיינען געקומען אַזוי צאָלרייך זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט בייצוזיין ביים געבוירן ווערן פון אַ סך יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס; איך בין אויך געווען דערביי ביי זייער פריצייטיקן אונטערגאַנג. מיין טיף געפיל זאָגט מיר, אַז דאָ געפינען מיר זיך ביים געבוירן ווערן פון אַ פולקום געזונט קינד, וואָס וועט בלי־ספק האָבן אַריכת ימים. דער ייוואָ איז ניט נאָר אַ גוואַלדיקער אויפטו אויפן געביט פון דער יידישער קולטור־שאַפונג. איך בין זיכער, אַז ער וועט אויך באַ־

פּליגלען דעם קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון אונדזער שפּראַך, פֿאַר אונדזער קולטורעלער אויפֿלעבונג און וועט אונדז צוגעבן מוט אין קאַמף מיט די שונאים אינעווייניק און אויסווייניק. די ערנסטע באַציִונג צו דער זאַך האָט באַוויזן אונדז אַלעמען, פֿון די פֿאַרשיידענע ריכטונגען, צו פֿאַרבייגן דאָס, וואָס שיידט אונדז אָפּ און אַרויסשטעלן דאָס, וואָס פֿאַראייניקט אונדז. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך יאָרן האָבן מיר אַלע זיך צונויפֿגעקליבן ביי איין טיש. דאָס איז אַ גוטער סימן. הלוואַי ווייטער אין אַ מזלדיקער שעה!

י. טשערניכאָוו. ווען איך קוק זיך צו צום יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט ווי צו אַ היסטאָרישער געשעעניש, ווי צו אַ רינגעלע אין דער קייט פֿון אונדזער גייסטיקער אַנטוויקלונג, מוז איך זאָגן, אַז דער אינסטיטוט איז די שאַפֿונג פֿון אַ דור יידישער אינטעליגענץ.

אַמאָל, מיט 110 יאָר צוריק, האָט דער דעמאָלטיקער דור יידישע אינטעליגענץ אויך געפּרוּווט שאַפֿן אַ וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע. דאָס זיינען געווען יום־טוב ליפּמאַן צונץ, גאַנס, מאָזער, היינע. דער דאָזיקער פּרוּוו האָט באַטייט דעמאָלט ניט קיין איבערשטראָם פֿון לעבן, נאָר אַן אָפּטרעטן, אַן איינציִען זיך אין די דלת אמות פֿון וויסנשאַפֿט, צו ראַטעווען כאָטש אַ זכר און אַ נשאר פֿון אַ לעבן, וואָס איז געווען פֿאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. דער „פֿאַראיין פֿיר קולטור אונד וויסענשאַפֿטס דעם יודענטומס“ האָט אויפֿן לעבן פֿון זיין דור גאָר אַ קנאַפּע ווירקונג געהאַט, און ער איז זיך גיך צעפֿאַלן, איבערגעבליבן זיינען נאָר דעם גרינדערס ביכער.

אונדזער דור איז אַ דור פֿון ניט צופֿרידענע, וואָס האָט אין לעבן קיין תּיקון ניט געקאָנט געפֿינען. מיר זיינען אַרויס צום פֿאָלק מיט גרויסע פֿאָדערונגען, און דער עיקר מיט דער פֿאָדערונג זיך צו פֿאַרטיפֿן אין זיך, אָפֿן און ערלעך אַ קוק צו טאָן אויפֿן אייגענעם מהות. אויב די אויסווייניקסטע אומשטאַנדן האָבן ניט דערלאָזט אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן ווילן פֿאַרקערפּערט צו ווערן אין מעשים, איז דאָך נאָך שטאַרק און פֿעסט אין אונדז דאָס שטרעבן צום אמת, צו דער פֿולער ווירקלעכקייט. דאָס האָבן די שוואַרצע יאָרן אין אונדז ניט געקאָנט דערשטיקן. אָט דאָס שטרעבן צום וויסנשאַפֿטלעכן אמת איז דער ייוואָ באַרופֿן אונטערצוהאַלטן און אַריינצוטראָגן אין די פֿאָלקס־מאַסן. מיר גלייבן אין דער וויסנשאַפֿט. מיר האַלטן, אַז זי איז דער בעסטער שוץ קעגן אַסימילאַציע און קעגן אַלע בייזע שלעק. לאָמיר האָפֿן, אַז דער ייוואָ וועט די דאָזיקע וויסנשאַפֿט שאַפֿן, די יידישע וויסנשאַפֿט, וואָס באַלייכט און באַשיינט דאָס יידישע לעבן.

ב. כהן־ווירגילי. הגם מיר האָבן אַן אַנדער קוק, ווי די פֿריערדיקע רעדנער, אויף דער קולטורעלער אַרבעט ביי יידן, אויף דעם, ווער עס זיינען אירע טרעגער און באַגייסטערער, ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן אַ גרונד צו זיין ניט צופֿרידן מיטן אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי און אידעיִשן

יסוד פון ייווא, נעמען מיר דאך ווייטער, ווי ביז אהער, א נאענטן אקטיוון אנטייל אין זיין בויונג. מיר זיינען זיכער, אז ווילנדיק ניט ווילג־יק וועלן אלע פריינד פון דער יידישער וויסנשאפט און אלע וויסנשאפטלער קומען צום איינזען, אז נאר אין דער אינטימער פארבינדונג מיט די יידישע מאסן, די ארבעטנדיקע שיכטן, וועלן זיי געפינען זייער תיקון. איך וויל, אז די ארגאנען פון ייווא זאלן ניט פארגעסן, אז דער ייווא איז ניט דער בראשית פון דער יידישער קולטור־אנטוויקלונג; ער איז נאר איין עטאפ אין דעם קאמף פון די יידישע מאסן פאר די רעכט פון דער יידישער קולטור. זיי מוזן נעדענקען. אז זייער אויפגאבע איז צו ארבעטן אין די אינטערעסן פון די יידישע מאסן.

ז ר ו ב ב ל. עס טוט מיר באנג, וואס איך קאן ניט טיילן די יום־טובדיקע שטימונג פונם פארזיצער. שוין ה׳ לעשטשינסקי האט אונטערגעשטראכן אונדזער באזונדערן קוק אויף דער ארבעט פון ייווא און האט אויסגעדריקט זיין חשש, אז דער ייווא נייגט זיך אפ פון דער אונדז געוווּנטשענער ריכטונג. די קאנפערענץ האט אונדזערע חששים פארשטארקט. אין ראט פון ייווא, וועלכער וועט האבן די דעה איבער דער גאנצער ארבעט זיינער, וואָרים צום ראט געהערט דאך דאס רעכט צו באשטימען דעם בודזשעט, וועט פון פוילן ניט אריינגיין קיין איין פארשטייער פון די ארגאניזירטע ארבעטער־פאראייניקונגען. אין דער ארגאניזאציע פון ייווא איז געשאפן געווארן א מחיצה צווישן אים און צווישן די ארגאניזירטע כוחות פון די יידישע ארבעטער־מאסן, ווייל מען האט ניט געגעבן קיין בפירושע פארטרעטונג דער שטארקסטער קולטור־ארגאניזאציע — דער ציש״א. דערמיט איז נעגעבן געווארן א קלאפ דעם מעכטיקן בנין, וואס זיין פונדאמענט איז געלייגט געווארן מיט 4 יאר צוריק.

אבער נאך אלעמען וועט דאס ניט פארמינערן ביי היינטיקן טאג דעם טיפן ארגאנישן אינטערעס צום אינסטיטוט מצד די יידישע ארבעטער־מאסן. די אויבן אנגעוויזענע ארגאניזאציאנעלע מאמענטן קאנען באשטימען אפנייגן אין דער ארבעט, זיי פארמינערן אבער ניט די אנערקענונג פאר דער עצם ארבעט פון ייווא. דער היינטיקער מצב, מיין איך, איז געשאפן געווארן אדאנק דער מאטעריעלער נויט. איך גלייב, אז נאכדעם ווי מען וועט פארטיק ווערן מיטן מאטעריעלן בנין, וועט מען זיך ווענדן מיטן פנים צו דער יידישער ארבעטער־מאסע.

ד״ר צ. ש א ב א ד. איך האב געהאט דעם כבוד צו עפענען די קאנפערענץ, ערלויבט מיר אויך צו זאגן א פאר ווערטער ביים שליסן. געוויינטלעך פאלט די טעמפעראטור, ווען מען קומט צו נעילה — אזוי איז דער מנהג ביי קאנפערענצן. אזוי, למשל, געדענק איך, אז די קאנפערענץ פון דער וועלט־הילפס־ארגאניזאציע אין קארלסבאד, וואס האט זיך אנגעהויבן

מיט גרויס פֿאַראַד, האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. אונדזער קאָנפֿערענץ ענדיקט זיך ביי דער זעלביקער התלהבותדיקער שטימונג, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. איין זאַך האָט זיך יאָ געביטן: צום אָנהייב קאָנפֿערענץ האָבן טעלעכע געמיינט, אַז זיי וועלן דאָ טרעפֿן זיך מיט געגנער, צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיר בילדן אַלע אַן איינהייט. און אַזוי פֿאַראייניקט ווינטשן מיר דעם אינסטיטוט לאַנג לעבן און פֿרוכפּעריקע אַרבעט. הלוואַי זאָלן מיר זיין געאייניקט בכלל אין אונדזער קולטור־אַרבעט. איך בין געשטאַנען ביים וויגעלע פֿון אינסטיטוט; עס האָט געקאָנט אויסווייזן ווי אַ פֿאַנטאַזיע, אָבער מיר האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, ווי ווייט דער געדאַנק איז אַרויסגענומען געוואָרן פֿון דער פֿאָלקס־נשמה. עס איז אַן אומזיסטע שרעק, טאָמער וועט דער ייוואָ זיך אָפּקערן פֿון די נויטן פֿון די יידישע מאַסן. דער ייוואָ שטאַמט פֿון די מאַסן, און זיי וועלן געוויס געניסן די פֿרוכט פֿון זיין אַרבעט.

וו. לאַצקי־בערטאָלדי. חשובֿע פֿריינד! פֿאַראַן אַ היסטאָרישע דאַטע, וואָס ס'איז כדאַי זיך איצטער צו דערמאָנען. מיט פֿערציק יאָר צוריק זיינען זיך צונויפֿגעקומען אין אָדעס „פֿריינד פֿון יידישן לשון", בכדי מקבל־פּנים צו זיין דעם דורכפֿאָרנדיקן „יידישן פֿאָלקס־שרייבער", מרדכי ספּעקטאָר. מען האָט צוגעגרייט אַ קערמעשל און געהאַלטן רעדעס מעניני דיומא. גערעדט האָט מען וועגן יידיש און וועגן דער חשיבֿות פֿון אונדזער מאַמע־לשון פֿאַר אונדזער פֿאָלק. צווישן די „פֿריינד פֿון יידישן לשון" זיינען געווען פֿאַרשיידענע מיינונגען, און יעדער פֿון זיי איז זיך געגאַנגען צו יידיש פֿון זיין אייגענעם באַזונדערן ווינקעלע. איינער האָט געזאָגט, אַז הגם יידיש איז אַ זאַמד־שפּראַך, וואָס אַ ליאַדע ווינט קאָן זי צעזייען און מען קאָן ניט וויסן, וואָס עס וועט מאָרגן ווערן פֿון איר, פֿונדעסטוועגן טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז היינט צוטאָגס איז די שפּראַך לעבעדיק, דאָס פֿאָלק רעדט אויף איר, יידישע שרייבער באַנוצן זיך מיט איר, אין אונדזער מאַמע־לשון באַווייזן זיך קונסט־ווערק, און דעריבער וועט ער זאָגן צו אַלע שונאים פֿון יידיש, צוזאַמען מיט אַרכימעדעס:

Noli tangere circulos meos!

טשעפּעט ניט מיינע קרייזן פֿון זאַמד!

אַ צווייטער רעדנער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף יידיש הויך שאַצן, דערפֿאַר וואָס עס איז נוצלעך פֿאַרן פֿאָלק און יידישע פֿאָלקס־שרייבער גיבן אין דער שפּראַך אַרויס נוצלעכע ביכער.

נעווען אַ דריטער רעדנער, און יענער איז אַרויס 19 יאָר פֿאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ מיט אַן אמתער יידישיסטישער דעקלאַראַציע. ניט אומזיסט האָט פֿון אַלע גלות־שפּראַכן אונדזער מאַמע־לשון זוכה געווען צום נאָמען „יידיש": זי איז אַ סימן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן און ווי לאַנג יידן וועלן זיין, וועט אויך יידיש פֿאַרבלייבן.

פּערציק יאָר זייַנען אַוועק נאָך יענעם יערמישל, וואָס אָדעסער בּרייַנד פון דעם יידישן לשון האָבּן געמאַכט לכּבוד דעם פאָלקס=שרייַבּער מרדכי ספּעקטאָר, און מיר קאָנען איצטער עדות זאָגן, אַז די נביאות פון די שוואַרצע מרה=שחורהדיקע פּעסימיסטן מיט זייער זאַמד=טעאָריע איז בּטל געוואָרן, און מקוים געוואָרן איז דער אויסדרוק פון יענעם רעדנער, וואָס האָט געגלייבּט אין יידיש און איר נאַציאָנאַלער השיבות פאַר אונדזער פאָלק. זינט יענער צייט האָט יידיש, וואָס ווייטער אַלץ מער, זיך אָנגעהויבּן בּאַהעפטן מיט אַזעלכע כּוחות אין יידישן לעבּן, וואָס בּאַוואָרענען פאַר איר ניט נאָר חיי שעה, נאָר אויך חיי עולם.

יידיש האָט זיך בּאַהעפט מיטן קאַמף פון די יידישע אַרבּעטער=מאַסן פאַר זייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער בּאַפרייַונג, מיטן קאַמף פון יידישן אַרבּעטער פאַר דער בּאַפרייַונג פון דער מענטשהייט. יידיש האָט זיך דאָ בּאַהעפט מיטן גאולה=שטרעבּ פון דער מענטשהייט, און דאָס האָט אין אונדזער מאַמע=לשון אַרייַנגעבּלאָזן אַ ניצוץ פון חיי עולם.

יידיש האָט זיך בּאַהעפט מיטן שטרעבּ צו שיינקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער שיינער יידישער ליטעראַטור, און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואו יצחק=לייבּוש פּרץ איז בּייַגעווען, האָט עדות=געזאָגט וועגן דעם זיווג פון יידיש און דעם אמת פון שיינקייט — אויך אַ ניצוץ פון חיי עולם.

די איצטיקע ווילנער קאָנפערענץ פּראָקלאַמירט דעם בּאַהעפט פון יידיש צו וויסנשאַפט, דעם זיווג מיטן פאָרסט=גייסט פון מוטיקער פרייער פאָרשונג, וואָס לעבּט אין דער מענטשהייט, ווי לאַנג זי איז מענטשהייט. אַ דריטער ניצוץ פון חיי עולם.

און אַלע דריי מדרגות: יידישע אַרבּעטער, יידישע שיינקייט, יידישע וויסנשאַפט זייַנען בּאַהעפט איינע מיט דער צווייטער. אָן דעם יידישן אַרבּעטער קאָן קיין אמת ניט זייַן אין אונדזער וויסנשאַפט. די אַסימילאַטאָרישע יידישע בּורזשואַזיע מוז אַ פולע זייטן פון איר לעבּן פאַרבּאַהאַלטן פאַר דער וועלט, און ניט אומזיסט האָט די סקאַרבּאָווע יידישע געשיכטשרייבּונג צוגעדעקט מיט זיבּן שלייערן די ווירטשאַפטלעכע געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דער יידישער אַרבּעטער האָט קיין מורא ניט, אַז אַנטפּלעקט וועלן ווערן אונדזערע ראָטשילדס אוצרות: ער פאַרמאָגט זיי ניט, ער קאָן זיך פאַרגינען צו זאָגן דעם אמת. און מיר זייַנען אַלע אויך די לעבּעדיקע עדות פון די נצחונות פון דער יידישער שיינקייט אין דער וועלט. נאָך גאָר ניט לאַנג איז אונדזער ליטעראַטור געווען אַ געטאָ=ליטעראַטור, און נאָר אין אונדזערע ד׳ אמות האָט מען פון איר געוואוסט. זייַנען געקומען העלדן, פאָלקס=העלדן און האָבּן פאַר אונדזער ליטעראַטור דורכגעבּראָכן די ווענט פון געטאָ. שלום אַש האָט געעפנט

פאַר זיינע „משיחס צייטן” אַ וועג צום רוסישן טעאַטער, און מיט זיין „גאָט פון נקמה” אין ריינהאַרדטס דייטשן טעאַטער האָט ער געעפנט פאַר דער יידישער דראַמע אַ פענסטער אין מערב־אייראָפּע.

פּאַראַיאָרן בין איך געווען אין פּאַריז און האָב געזען ווי די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, דאָס אייבערשטע פון שמייסל אין דער פּאַריזער אינטעליגענץ, איז געגאַנגען אָוונט אין אָוונט אין אַ פראַנצויזישן טעאַטער זען די אויפפירונג פון אַנסקיס „דיבוק”.

אָט אַזוי זעט אויס דער גורל פון דער „זאַמד־שפּראַך” אין אונדזערע צייטן. אונדזער מאַמע־לשון האָט זיך באַהעפט מיט די הייליקע פונקען פון אונדזער נשמה — מיט די שעפערישע כוחות אין מאַטעריע און גייסט, מיטן פרייען אַרבעטער, מיט דער פרייער וויסנשאַפט, מיט דער איידעלער שיינקייט. זאָל דער דאָזיקער גייסט פון אַרבעט, שיינקייט און אמת לעבן אין אונדזער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און אים באַוואָרענען חיי עולם.

ז. רייזען (אַ. ק.). אונדזער ערשטע קאָנפערענץ איז אַ סימבאָלישע אָפּשפּיגלונג פון דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון ייוואָ. פון ערשטן טאָג אָן איז די אַרבעט פון ייוואָ אַריבערגעוואַקסן אונדזערע דערוואַרטונגען, אויך די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אַריבערגעשטיגן אונדזערע דערוואַרטונגען. איך בין זיך מודה, אַז אין דער דאָזיקער שרעקלעכער צייט פון צעשטערונג האָבן מיר זיך געשראָקן, מיר זיינען ניט געווען זיכער, ווי מען וועט אויפנעמען אונדזער בוי־אַרבעט. אָבער מיר האָבן זיך געזאָגט: מיר טאָרן ניט אַראָפּלאָזן די הענט. פּונקט ווי מען טאָר אויף איין טאָג ניט אָפּשטעלן די בוי־אַרבעט פון דער יידישער קולטור, אַזוי טאָרן מיר אויך ניט אָפּלייגן די קאָנפערענץ. די אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור איז פאַר אונדז ניט קיין לוקסוס, קיין צוקערלעקעכל, זי איז דאָס טאָגטעגלעכע ברויט, אונדזער אינערלעכע באַדערפעניש זיך אויסצולעבן פול און גאַנץ. און זי מוז ווערן אַלץ גרעסער און טיפער און ברייטער. מיר מוזן וואָס ברייטער מאַכן די באַזע פאַר אונדזער קולטור־אַרבעט. פּ' פּאַיענסאָן האָט גערעדט וועגן דער בורזשואַזיע, וואָס שאָקלט זיך אָפּ פון אונדזער פאָלקס־קולטור. צו אונדזער גרויסן צער, זיינען די מחיצות נאָך ניט גרויס גענוג. אויך אין די ברייטע יידישע מאַסן מאַלפּעוועט מען נאָך דער בורזשואַזיע. עס שטייט פאַר אונדז די אויפגאַבע דורך דער קולטור אַריינצוברענגען ליכט, אָפּצורייניקן פון דער יידישער גאַס דעם פּעכט און שימל, וואָס רירט אָן אויך די אַרבעטער־מאַסן. און צו טאָן איז נאָך פאַראַן גאָר אַ סך. נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק פאַרן קערמעשל, וואָס פּ' לאַצקי האָט דערמאָנט, איז אַרויס יהושע־מרדכי ליפשיץ מיט אַ פּראָגראַם פאַר יידישער קולטור־אַרבעט, וואָס מיר האָבן עד־היום ניט רעאַליזירט.

זאָל אונדזער היינטיקע קאָנפֿערענץ זיין אַ נייע ערע, אַ נייע דאַטע אין דעם קאַמף פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן פֿאַר אַן אייגענער העכערער קולטור!

ביים שלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ לאָמיר דערמאָנען מיט כּבֿוד און אָנערקענונג די חברים און פֿריינד, וואָס מיט זייער געטרייִשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט האָט אונדזער אַרבעט דערגרייכט צו איר איצטיקן צושטאַנד. די וואַרעמסטע אָנערקענונג קומט די חברים אליהו טשעריקאָווער און יעקב לעשטשינסקי, וואָס נאָר אַ דאַנק זייער מי האָט ווילנע געקאָנט זיך פֿאַרמעסטן צו ווערן דער וועלט־צענטער פֿון ייוואָ — זיי האָבן פֿאַר אונדז סימבאָליזירט די פֿאַרבינדונג מיט דער גרויסער וועלט. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן נחום שטיף, וואָס אים איז געווען באַשערט דאָס גרויסע גליק אַרויסצוברענגען דער ערשטער דעם געדאַנק, וואָס האָט אין אונדז אַלעמען געדרעמלט און וואָס מיר האָבן אים זוכה געווען צו פֿאַרווירקלעכן.

לאָמיר זיין זיכער, אַז אונדזערע פֿריינד, וואָס האָבן מיט אַזוי פֿיל ערנסט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועלן, אָפּגעפֿאָרן פֿון דאַנען אין די געדיכטעניש פֿון יידישן לעבן, ברענגען אַהין קערנער פֿון מוט און גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפֿט. ווילנע איז היינט דער צענטער פֿון ייוואָ, זי טאָר אָבער ניט ווערן אַזאַ מין מרכּז רוחני, וואָס איז פֿאַראַן אויף זיך צו שפּיגלען אין אים, בעת מען זינקט אַליין אין טומאה. די געדעכעניש פֿון ווילנע דאַרף וועקן אין איטלעכן פֿון אונדזערע פֿריינד דעם הויב־באַוואוסט און ווילן צו בויען אויף די ערטער, אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער ערד דעם גרויסן יידישן קולטור־בנין.

מיין האַרציקן צאתכם לשלום צו אַלע פֿריינד דעלעגאַטן און געסט, איך ווינטש, אַז מיר זאָלן זיך אין גיכן ווידער זען צו דעם חנוכּת הבית פֿון דער יידישער הויכשול ביי דעם ייוואָ. איך ווינטש אַ גליקלעכע רייזע דעם פֿריינד פּרץ הירשביין, וואָס פֿאָרט די טעג אָפּ קיין אַמעריקע, און בעט אים איבערצוגעבן אַ האַרציקן דאַנק די אַמעריקאַנער פֿריינד, וואָס האָבן מיט אַזאַ געטרייִשאַפֿט מיטגעהאָלפֿן אונדזער אַרבעט. דעם זעלביקן גרוס שיק איך איבער אויך דורך דעם אַמעריקאַנער דעלעגאַט פֿריינד אייזנער. פֿאָרט געזונט! צום ווידערזען!

ד ע ר פ אָ ר ז י צ ע ר: די קאָנפֿערענץ פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט איז געשלאָסן.

דער גאַנצער עולם הייבט זיך אויף פֿון די ערטער, און עס הערן זיך רופֿן:

לאַנג לעבן זאָל דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט!

הוספה נומ׳ 1

באַגריסונגען צו דער קאָנפערענץ*.

א ט ו ו אָ צ ק — ש. רובינשטיין (בריוו): ...איך פאַרשרייב דעם צוזאַמענפאַר אין דעם, אַזוי צו זאָגן, „ספר הזהב“, שענקענדיק דער ביבּליאָטעק האָם זעלטענע ביכעלע „מעשה גדולה מן אומן ומן אוקריינא“.

אָ ס ט ר אָ ו ו י ע ץ — מאיר בלאַנקמאַן (בריוו).

ב אַ ר אַ נ אָ ו ו י ט ש — מאַגיסטראַט: אין נאָמען פון מאַגיסטראַט שיק איך ווינטשן פון פרוכפעריקער אַרבעט דער קאָנפערענץ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. פאַרן בורמיסטער אינזשענער וויניקאָוו.

ב אַ ר אַ נ אָ ו ו י ט ש — אָרגאַניזאַציע פון „בונד“, ל. וואָראָבּיאָווסקי, ראַטמאַן פון שמאָטראַט (בריוו).

ב ו ד אָ פּ ע ש ט — פּראָפּ׳ ל. בלוי (בריוו).

ב ע נ אָ ס ־ א י י ר ע ס — אַרגענטינער סעקציע באַגריסט פייערלעך די ייוואָ־קאָנפערענץ.

ב ו ק אַ ר ע ש ט — שיקן האַרציקע גרוסן דער באַראַטונג פון אונדזערע בעסטע, לאַזאַרעאַנו, שטערנבערג, ביקל, קראַפּט.

ב ו ק אַ ר ע ש ט — „פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט“ אין רומעניע באַגריסן האַרציק די קאָנפערענץ און ווינטשן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער ווייטערבויונג פון יידישן קולטור־בנין. מיר זאָגן צו מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף.

ב ו ק אַ ר ע ש ט — ש״ס־ראָמאַן (בריוו).

ב י אַ ל י ס ט אָ ק — לימעראַטן־קרייז, „נייער לעבן“: מיר באַגריסן האַרציק די קאָנפערענץ פון ייווא.

ב י אַ ל י ס ט אָ ק — ווילנער טרופּע: שטאָלץ אויף אונדזערע ווילנער מסירת־נפשדיקע בויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, פאַר־אייביקער פון אונדזער נעכטן פאַר אונדזער שיינעם מאָרגן, שיקן מיר אונדזער האַרציקע ברכה. אַנפירער מיזאַה.

* דאָרט, וווּ ס׳איז באַצייכנט „בריוו“, זיינען דאָס קיצורים פון באַגריס־בריוו, אין אַנדערע פאַלן — טעלעגראַמעס.

ביאַליסטאָק — נח זאַבלודאָווסקי: איך באַגריס די עפענונג פון דער קאָנפערענץ.

בידגאָשטש — פאַראיין פון יידישער יוגנט ווינטשט פרוכטבאַרע אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור.

בענדין — רעדאַקציע „דאָס יידישע וואָכנבלאַט", רעד' ל. בערקאָוויץ (בריוו): נעמט צו אונדזער האַרציקע באַגריסונג צו דער מאָרגנדיקער עפענונג פון אייער ערשטער קאָנפערענץ...

בענדין — „זאַגלעמביער צייטונג": צו דער ערשטער קאָנפערענץ שיקן מיר אונדזער האַרציקסטע ברכה. בוים מיט ערפאָלג די יידישע קולטור.

בערלין — צענטראַלוואַלטונג פון פאַרבאַנד „אָזע" (בריוו): מיט גרויס נחת האָבן מיר אויפגענומען אייער איינלאַדונג צו דער אָנקומענדיקער קאָנפערענץ פונם ייוואָ. מיר זעען אין דעם פאַקט אַ בולטן אויסדרוק דערפון, אַז אייער מי איז ניט געגאַנגען לאיבוד. דאָס, וואָס איך האָט זיך איינגעגעבן צונויפצוזאַמלען אונטער איין דאַך די צעזייט און צעשפּרייטע יידישע אינטעליגענץ, אייער אויפטו פאַרן אויפוועקן אַרום דער יידישער קולטור דעם באַוועגלעכן כּוח — די יידישע זאַמלערמאַסע, — דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פון אַ פרוכטבאַרן קיום.

מיר ווינטשן אייך הצלחה. איר זאָלט אויסגעפינען דעם דרך־הישר פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אוצר דורך דער פאַרבינדונג מיטן לעבעדיקן לעבן, מיט דער שעפערישער מאַסע. פונם גוטן בראשית זאָלן מיר באַקומען אַ גליקלעך וזאת הברכה.

זייט געבענטשט אין אייער אַרבעט. י. ברוצקוס, ל. גורוויטש.

בערלין — צענטראַלע פון „אָרט"־פאַרבאַנד: מיר באַגריסן די קאָנפערענץ און ווינטשן ערפאָלג דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז אין משך פון אַ קורצער צייט פון פילזייטיקער אַרבעט געוואָרן אַזאַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר. „אָרט" ווייס באַזונדערס אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אייערער פאַר דער פּראַקטיק פון יידישן עקאָנאָמישן אויפבוי.

בערלין — דוד בערגלסאָן: בעסטע ברכות און ווונטשן דער יידישער וויסנשאַפט, אירע טוער און מיטהעלפער.

בערלין — ש. דובנאָוו: איך באַגריס האַרציק די פאַרזאַמלטע פון אונדזער וויסנשאַפטלעכן רעגעסאַנס.

בערלין — „געזעלשאַפט צור פערדערונג דער וויסנשאַפט דעם יודענטומס" (בריוו): מיר שיקן אייך אונדזער האַרציקן מזל־טוב. מ. זאַבערנהיים, פאָרזיצער.

בערלין — ד. משאַרני: איך באַגריס און ווינטש ערפאָלג. זאָל דער קומענדיקער וועלט־קאָנגרעס פון אינסטיטוט פאָרקומען אין אייגענעם הויז.

בערלין — ד"ר בערנהאַרד קאַהן: אייער בריוו ערשט היינט ערהאַלטן. איך באַדויער, וואָס איך קען זיך ניט באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ. איך ווינטש אייערע באַראַטונגען דעם בעסטן ערפאָלג.

בערלין — הערמאַן סטרוק: אַלע פריינד מיינע האַרציקסטע גרוסן. איך ווינטש גליק און הצלחה די הויכע אידעאַלע שטרעבונגען פון אינסטיטוט, דעם ריינעם דעמאָקראַטישן גייסט פון אויפריכטיקער ליבע און געטרייעשאַפט צו דער יידישער פאָלקסמאַסע.

בערלין — א. סינגאַלאָווסקי: מיט באַוווּנדערונג פאַר אייערע ביזאַהעריקע דערגרייכונגען און מיט דעם ווּנטש, דער אינסטיטוט זאָל וואַקסן און באַגרינען די שאַפונגען פון אונדזערע קולטור־טוער אויף אַלע געביטן, באַגריס איך די קאָנפערענץ און ווינטש איר הצלחה.

בערלין — ד"ר י. רובין: לאָמיר ווייטער בויען דעם טורעם פון דער נייער יידישער וויסנשאַפט ביז צו איר נאַטירלעכן שפּיץ: דער יידישער הויכשול.

בערלין — ד. י. שווייצער (וויצע־פאָרזיצער פון דזשאָינט־עקזעקוטיווע, בריוו): איך ווינטש די שטרעבונגען פון אייער אינסטיטוט די בעסטע הצלחה.

בערלין — ד"ר יצחק־נחמן שטיינבערג: א דאַנק פאַר דער איינלאַדונג. אוממעגלעך צו קומען. כ'באַגריס די ערשטע קאָנפערענץ און ווינטש איר צונויפפלעכטונג פון עכטער וויסנשאַפט מיטן אידעאַלן יידישן אַרבעטס־פאָלק.

בערעסטעטשקאָ — ד. פוכאַלניק (בריוו).

בריסעל — אַרבעטער־גרופּע „פריינד פון ייוואָ" (בריוו): ...די קאָנפערענץ און דער אינהאַלט פון איר טאָג־אָרדענונג זיינען פאַר אונדז א דערפרייענדיקע, וויכטיקע געשעעניש... אונדזערע וואַרעמסטע ברכות אייך צו דער קאָנפערענץ־אַרבעט, פון וועלכער מיר דערוואַרטן זייער א סך.

בריסעל — גרופּע פריינד באַגריסט, ווינטשט הצלחה.

בריסק — פּ. פּאַווין.

ברעסלע — ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר (בריוו).

ברעסלע — ד"ר י. ראַבין (בריוו).

גראָדנע — געזעלשאַפט „מאַז" (בריוו): אַלע אויפריכטיקע געזעלשאַפטלעכע טוערס וועלן שטענדיק זיין אויף אייער זייט און וועלן אייך שטענדיק מיטהעלפן אין אייער אַרבעט.

גראָדנע — די יידישע קהילה: מיר ווינטשן הצלחה דער סימפּאַטישער אינסטיטוציע אין איר אייגענעם בנין.

גראָס (הרוס־פראַנקרייך) — ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: עס טוט מיר האַרציק באַנג, וואָס ס'איז מיר בשום אופן נים מעגלעך צו קומען אויף דער קאָנפערענץ. נעמט אָן מיינע וואַרעמסטע גרוסן און ברכות.

גראָדזיאַנדז — בזורא.

האַמבורג — ד"ר שלמה בירנבוים (בריוו): איך שיק אייך די בעסטע ווונטשן, אַז אייער אַרבעט זאָל אַרויסגעבן די אמתע גוטע פּירות פאַרן יידישן פאָלק.

וואָלקאָוויסק — רעדאַקציע „וואָלקאָוויסקער לעבן".

וואַרשע — מ. אָרזשעך: מיטן גאַנצן האַרצן בין איך אויף דעם יום־טוב פון דער יידישער וויסנשאַפט, וועלכע דינט נישט אַ קליינעם הייפל פאָרשער, נאָר די יידישע פאָלקסמאַסן. איך ווינטש ווייטערן ערפאָלג אין אייער אַרבעט.

וואַרשע — צענטראַלער קאָמיטעט „אָרט": מיר ווינטשן ער־פאָלג דער קאָנפערענץ. מיר ווינטשן דעם אינסטיטוט פּרוכפּעריקע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון יידישער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט.

וואַרשע — יידישער אַרטיסטן־פאַראיין (בריוו).

וואַרשע — מאיר באַלאַבאַן: נים געקענט צוליב יום־טוב קומען, שיק איך אייך איבער האַרציקע ווונטשן פון פּרוכטבאַרער אַרבעט אויפן פעלד פון דער יידישער וויסנשאַפט.

וואַרשע — צ"ק פון „בונד" אין פוילן: האַרציקע ווונטשן דער קאָנפערענץ. ווייטערדיקע ערפאָלגן אין אייער גרויסער אַרבעט, וואָס איז אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון קולטורעלן רענעסאַנס פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

וואַרשע — ד"ר בירזאָווסקי: איך ווינטש שעפערישע אַרבעט דעם צוזאַמענפאָר פון אינסטיטוט.

וואַרשע — קאָאָפּעראַטיוו „ביכער": געשטאַרקט זאָלן זיין די הענט פון די בויער.

וואַרשע — רעדאַקציע „דער בלאָפער".

וואַרשע — א. ברעסלער: דעם מאָדערנעם יסוד פון גייסטיקער יידישקייט די האַרציקסטע ווונטשן פון פּרוכפּעריקער אַרבעט. כבוד די טוער. איך קאָן זיך ליידער נים פאַרגינען דעם אומפאַרדינטן כבוד צו נע־מען אַן אָנטייל אין דער קאָנפערענץ.

וואַרשע — רעדאַקציע „דער דאָקטאָר": אונדזערע האַרציקסטע ברכות.

וואַרשע — דעמאָקראַטישע פראַקציע פון וואַרשעווער קהילה: מיר באַגריסן האַרציק די קאָנפערענץ און ווינטשן איר הצלחה אין דער אַרבעט. לעאָ פינקלשטיין.

וואַרשע — דוד הערמאַן: איך באַדויער, וואָס מיר איז נישט באַשערט בייצוזיין דער קאָנפערענץ. אין שווערע צייטן האָט זיך אָנגעהויבן אייער אַרבעט, דאָך זייגען די רעזולטאַטן אימפּאָנירנדיקע. איך ווינטש אייך ווייטערע פּרוכפּערדיקע אַרבעט לטובת אונדזער נאַציאָנאַלער וויסנשאַפט.

וואַרשע — הערשעלע, גיימאַן, שפּיגל: די פּלעגער פון דער יידישער וויסנשאַפט אונדזער הארציקע באַגריסונג און געטרייע איבערגעגעבנקייט.

וואַרשע — „השומר הצעיר": אונדזער גרוס צו אייער קאָנפערענץ.

וואַרשע — ד"ר ל. וואָלמאַן (בריוו): בלויז פאַר דער איניציאַטיווע צונויפצוזאַמלען יידישע אינטעלעקטועלע טוער מארבע פנות העולם, כדי זיך צו פאַרטראַכטן וועגן וויכטיקע פראַגן פון יידישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, קומט אייך אַ האַרציקער יישר־כח.

וואַרשע — ד"ר מ. זילבערפאַרב (בריוו): איך ווינטש אייך, אַז דער ייוואָ זאָל אַרויסגיין פון דער קאָנפערענץ אַ פאַרשטאַרקטער און אַז ער זאָל מיט פרישע כוחות ווייטער פירן די אַרבעט, וועלכע האָט זיך אַזוי שיין אָנגעהויבן.

וואַרשע — זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, יידישע סעקציע (בריוו): מיר פאַרזיכערן אייך אין אונדזער אומאויפהערלעכער סימפּאַטיע פאַר אייער אַרבעט, וואָס איז אַזוי שטאַרק וויכטיק פאַר דער יידישער פרעסע. פאַרזיצער: ד"ר י. גאָטליב, סעקרעטאַר ש. יאַנאָווסקי.

וואַרשע — י. זינגער: באַדויער, וואָס איך קאָן נישט קומען.

וואַרשע — „מאָז"־צענטראַלע: דער ערשטער קאָנפערענץ פון ייוואָ שיקן מיר אונדזער וואַרעמען גרוס און האָפן, אַז זי וועט מיטווירקן צו ווייטערדיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ד"ר לעווין, ד"ר וואָלמאַן.

וואַרשע — מאַרק טורקאָוו: די האַרציקסטע ברכות אין אייער גרויסער אַרבעט לטובת דער יידישער שפּראַכוויסנשאַפט און קולטור.

וואַרשע — י. יאַשונסקי: באַדויער די אוממעגלעכקייט צו קומען קיין ווילנע. ווינטש דער קאָנפערענץ בעסטן ערפאָלג. זאָל אויפבליען דער אינסטיטוט. זאָלן זיינע פריינד בילדן אַ מעכטיקן קולטור־פאַרבאַנד.

וואַרשע — ש. לעהמאַן (בריוו): איך באַגריס דעם צוזאַמענפאָר און ווינטש, אַז דער אינסטיטוט־בוים זאָל בליען און וואַקסן מיט זאַפטיקע פרוכטן פאַר דער יידישער וויסנשאַפט.

וואַרשע — ד"ר גרשון לעווין (בריוו): איך דריק אייך אויס שריפטלעך מיין האַרציקן ווונטש, אַז דער יידישער אינסטיטוט זאָל וואַקסן וואָס העכער און זאָל ערפילן דאָס, וואָס מיר אַלע זיינע פריינד דערוואַרטן פון אים.

װ אַ ר ש ע — „ליטעראַרישע בלעטער" (בריװ): די איצטיקע ערשטע קאָנפערענץ פון ייװאָ קומט פאָר אין אַ שװערן מאָמענט פון צעריסנקייט און צעױיצטקייט. און נאָך מער איז דעריבער נייטיק צו באַפעסטיקן אונדזערע קולטור־פּאָזיציעס און צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט. מיר זײַנען זיכער, אַז די אַלע אָנטײלנעמער פון דער ערשטער קאָנפערענץ װעלן צוגעבן השיבות און אָנזען דעם ייִדישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, װאָס האַלט איצט אין רעכטן בױען. נחמן מײַזיל.

װ אַ ר ש ע — מיאַנאָװסקי־קאַסע (בריװ): מיר שיקן אײַך װוּנטשן פון פּרוכפּעריקער אַרבעט. פאָרזיצער פון קאָמיטעט פּראָפ' ק. ליוטאָסטאַנסקי, סעקרעטאַר פּראָפ' װ. האָראָשעװסקי.

װ אַ ר ש ע — ש. מענדעלסאָן, ח. ש. קאַזשדאַן, יעקב פּאַט, ש. זומאַן, ש. גילינסקי, זאַלצמאַן, אַבראַם (בריװ).

װ אַ ר ש ע — „פאָלקסצײַטונג", „די װעלט": מיר װינטשן דער קאָנפערענץ אױסצושמידן פון ייװאָ אַ קולטור־אינסטרומענט לטובת די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

װ אַ ר ש ע — נחמיה פינקעלשטיין (בריװ): איך װינטש אײַך דעם גרעסטן ערפאָלג אין אײַער װײַטערדיקער טעטיקייט און בין שטענדיק גרייט מיטצוהעלפן אײַך.

װ אַ ר ש ע — י. י. פּראָפּוס (בריװ): איך בין מיטן גאַנצן האַרצן באַטײליקט אין דער זײַער װיכטיקער אַרבעט.

װ אַ ר ש ע — מ. י. פרייד (בריװ): זאָל מיר ערלױבט זײַן צו װינטשן, אַז דער אינסטיטוט, אַלס רייַנע אומפּאַרטײיִשע שאַפונג, זאָל זיך אַנטװיקלען אין דער געהעריקער מאָס און ברענגען די געװוּנטשענע נוצן דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק.

װ אַ ר ש ע — געזעלשאַפט פרײַנד פון העברעישן אוניװערסיטעט אין ירושלים (בריװ): צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון די פרײַנד פון אינסטיטוט און צו דער פײַערונג פון לייגן דעם גרונדשטיין פון בנין פון אײַער אינסטיטוט דריקן מיר אײַך אויס אונדזערע האַרציקסטע ברכות. זינט זײַן גרינדונג שטייען מיר מיטן אינסטיטוט אין פרײַנדלעכע באַציונגען און געמײנזאַמער אַרבעט. מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט קוקן מיר זיך צו צו זײַן גיכער אַנטװיקלונג. מיר װינטשן אײַך, געערטע הערן, אַז איר זאָלט מצליח זײַן אין אײַער װיכטיקער אַרבעט צו דער װיסנשאַפטלעכער און גײַסטיקער אױפלעבונג פון ייִדישן פאָלק. פאַרן פאָרזיצער פּראָפ' משה שאָר, סעקרעטאַר יצחק־יעקב פאָזנאַנסקי.

װ אַ ר ש ע — צאַמבער, עלענגאָלד, דוד האָפמאַן.

װ אַ ר ש ע — פאַרלאַג „צענטראַל": מיר באַגריסן דעם ייִדישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט צו דער עפענונג פון זײַן ערשטער קאָנפערענץ און װינטשן אים גרױס מזל־ברכה אין זײַן װײַטערדיקער אַרבעט.

װאַרשע — נ. קאָװאַרסקי.

װאַרשע — די פאַרװאַלטונג פון דער יידישער קהילה װינטשט אייך הצלחה אין אייער אַרבעט. פּאָרזיצער פּאַרבשטיין.

װאַרשע — געזעלשאַפט „קולטור-ליגע": מיר װינטשן ערפאָלג און האָפן, אַז די קאָנפערענץ װעט שטיצן די אָנגעגריפענע יידיש-װעלט-לעכע קולטור.

װאַרשע — פאַרלאַג „קולטור-ליגע" (בריװ): מיר שיקן אייך אונדזערע באמת חברישע באַגריסונגען צו אייער ערשטן צוזאַמענפאָר.

װאַרשע — קולטור-קאָמיסיע ביים װאַרשעװער דרוקער-פאַר-איין: די פאַרשער און זאַמלער פון אונדזערע קולטור-אוצרות די בעסטע װוּנטשן.

װאַרשע — מלך ראַװיטש (בריװ): ... איך באַדויער אויף אַן אמת, װאָס איך קען ניט קומען. װאָס מיינע שװאַכע כּוחות װעלן קענען טאָן אין דער צוקונפט פאַר אייך, דאָס װעלן זיי געװיס קיין רגע ניט פאַר-זוימען...

װאַרשע — שרעבערק, קאַסעל: מיר שיקן אַ האַרציקע באַגרי-סונג דעם יידישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט צו זיין ערשטער קאָנפע-רענץ און װינטשן אים דעם גרעסטן ערפאָלג אין זיין הייליקער אַרבעט.

װילנע — אַרטיסטן פון יידישן פאָלקסטעאַטער: דער יידישער טעאַטער אַלס אַ טייל פון דער יידישער קולטור באַטייליקט זיך אין דער גרויסער שמחה צוליב דעם אייזערנעם קולטור-יסוד, װאָס איז מיט דער אַנטשטייונג פון ייװאָ געלייגט געװאָרן. זאָל דער היינטיקער צוזאַמענ-פאָר זיין דער בויער און פאַרװירקלעכער פון דער גרעסטער יידישער קול-טור-אינסטיטוציע.

װילנע — װילביג (בריװ): די צענטראַלע פאַרװאַלטונג פון דער עלטערער װילנער יידישער בילדונגס-געזעלשאַפט (װילביג) באַגריסט האַרציקסט דעם יינגערן יידישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר זיך און אין נאָמען פון אירע 21 אָפּטיילונגען אין דער װילנער פּראָװינץ. ערן-פאָרזיצער ד"ר צ. שאַבאַד, סעקרעטאַר מ. בערגשטיין.

װילנע — „װילנער פאַרלאַג" (בריװ): ...מיר אַלע, אונדזער גאַנצער דור יידן, אַן אונטערשייד פון קלאַסן און פּאַרטייען באַדאַרפן זיך פילן גליקלעך, װאָס מיר האָבן דערלעבט צו אַט דער דאָזיקער קרוי-נונג פון אונדזער פאָלקס-קולטור, צו אַט דעם נאַציאָנאַלן אויפטו פון ערשטן ראַנג. פון טיפן האַרצן װינטש איך דער קאָנפערענץ ערפאָלג אין איר אַרבעט... ב. קלעצקין.

װילנע — איטשע גדײַגסקי (בריװ).

װילנע — ל. ראַן (בריװ).

װילנע — שילער־קלוב א"נ פון ב. מיכאַלעװיטש בײַ דער מאָמ־נאַט' גימנאַזיע פון צב"ק אין װילנע (בריװ).

װילנע — קינסטלער בן־ציון צוקערמאַן (בריװ).

װילנע — סאָצ'־אַקאַד' קרײַז (בריװ).

װילנע — שילער פון די ייִדישע האַנדלס־קורסן פון י. געזונט־הײמ (בריװ).

װילקאָמיר — ייִדישע רעאַל־גימנאַזיע (בריװ): דער פּעדאַגאָגישער ראַט פון װילקאָמירער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע שיקט דער ערשטער קאָנפערענץ פון ייִדיש־װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זײַנע װאַרעמסטע ברכות און האַרציקסטע באַגריסונגען. ל. לאַמפּערט, דירעקטאָר. מ. גאָלד־בערג, סעקרעטאַר.

װין — ד"ר ר. גלאַנץ (בריװ): איך װינטש די באַראַטונגען הצלחה און גרים אַלע חברים.

װין — ה. ל. מאָן: צום לייגן דעם פונדאַמענט ברענג איך אַ דו־נערדיק האָך!

װין — אַלמע און מענדל סודאַרסקי: באַגריסן האַרציקסט קאָנ־פערענץ, באַדויערן אוממעגלעכקייט בייזיין. גרייט צו שטענדיקער מיט־אַרבעט. װינטשן ערפאָלג.

װין — לײבל טויבש (בריװ): איך שיק אײַך איבער מײַנע ברכות פונדערװײַטנס. זײַט מיר זײַער האַרציק געגריסט, טײַערע, חשובע חברים פון דער קאָנפערענץ! זאָל אײַער אַרבעט זײַן געבענטשט מיט גרוים הצלחה און דער געבײַ פון ייִדיש־װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זאָל בלײַבן אַ בנין עדי עד; חזק ואמץ!

װלאָצלאַװעק — „אָרט": אין ים פון גראָקייט זײַט באַגריסט צו אײַער דורותדיקער אַרבעט. זילבערבערג, ראַװיצקאַ.

װלאָצלאַװעק — „בונד": מיר װינטשן אײַך ערפאָלג אין אײַער װיכטיקער אַרבעט.

װלאָצלאַװעק — ייִשאָ: מיר באַגריסן און װינטשן ערפאָלג אין דער אַרבעט.

זאַמאָשטש — רעדאַקציע „אונדזער גייסט": מיט פיל פאַרגע־ניגן נעם איך די פעדער אין האַנט, איבערצושיקן אײַך אין נאָמען פון דער רעדאַקציע אונדזער הערצלעכע באַגריסונג און װינטשן אײַך ערפאָלג אין אײַער הויך בנין לעד. עס איז אויך אַ חוב אויף אַלע צו אונטערשטיצן דעם ייִװאָ. רעדאַקטאָר ישראל דוב הכהן פירשטמאַן.

זשעגעװע — פּראָפ' ל. הערש (בריװ): צו מײַן טיפסטן באַ־דויערן קען איך אין די קאָנפערענץ־טעג צװישן אײַך ניט זײַן... אויף הי' װײַט מענלעך, בין איך אָבער מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער נשמה צװישן אײַך. זאָל אײַער אַרבעט זײַן אַ פרוכטבאַרע, אַ געבענטשטע... זאָל דער ייִװאָ

ווערן דער גרונדשטיין פון דעם גרויסאַרטיקן בנין, וואָס וועט מיט זיך פאָרשטעלן די יידישע וויסנשאַפט, די וויסנשאַפט, וואָס מוז זיין מעגלעך לויט איר מעטאָדע און איר אידעאַל, אָבער יידיש לויט איר אינהאַלט, יידיש לויט איר שפּראַך און יידיש — טיף דעמאָקראַטיש, יידיש — לויט די לעבעדיקע כּוחות, וואָס שאַפן זי און וואָס טראָגן זי אויף זייערע אויסגעהאָרעוועטע פּלייצעס.

טאַלין (עסטלאַנד) — די יידישע קולטור-פּראָוואַלטונג אין עסטלאַנד באַגריסט האַרציק די קאָנפערענץ און ווינטשט הצלחה אין דער וויכטיקער אַרבעט און אַ גליקלעכע צוקונפט דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

טאָמאַשאָוו מאַז׳ — אַרטיסטן פון דער טרופּע אידאַ קאַמינסקאַ באַגריסן די קאָנפערענץ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און ווינטשן אים ערפאָלג.

טאָמאַשאָוו מאַז׳ — רעדאַקציע „טאָמאַשאָווער וואָכנבלאַט" (בריוו): געבענטש זאָלן זיין די הענט, וואָס האָבן דעם דאָזיקן שיינעם בנין אָנגעהויבן בויען.

טאָמאַשאָוו מאַז׳ — קאַמינסקאַ, טורקאָוו: ליידער איז אונדז אוממעגלעך אָנטייל צו נעמען אין דער קאָנפערענץ. מיר ווינטשן דעריבער פון דער ווייטנס ערפאָלג און אַנטוויקלונג אין דער שיינער אַרבעט, וואָס איז אונדז אַזוי צום האַרצן.

טאַרטשין — ייוואָ-גרופּע: הערצלעכע באַגריסונג.

טריסק — ל. אַליצקי (בריוו): ...אויך אַרום מיין קראַנקען-געלעגער איז די אַטמאָספערע אָנגעזאַפּט מיט אונדזער יום-טובדיקייט...

טריסק — יידישע שול-אָרגאַניזאַציע (בריוו).

טשענסטאָכאָוו — ר. פעדערמאַן (בריוו).

טשערנאָוויץ — „טשערנ׳ בלעטער": די פּיאָנערן און פאָרשער פון יידיש ווינטשן מיר דעם בעסטן ערפאָלג אין זייער באַראַטונג. זאָל בליען די לעבעדיקע פאָלקס-שפּראַך. זאָל לעבן דער אינסטיטוט.

טשערנאָוויץ — אָרגאַניזאַציע „מאָרגנרויט" (בריוו): ...מיר שיקן אייך אונדזער טיף האַרציקע באַגריסונג... מיר וועלן אויך ווייטער באַציען זיך מיטן גרעסטן ערנסט צו אייער—אונדזער אַרבעט...

טשערנאָוויץ — ד"ר מאַקס דיאַמאַנט (בריוו): באַדויערנדיק זייער, וואָס איך וועל ניט קאָנען זיין מיט אייך אין איינעם ביי דער ערשטער קאָנפערענץ פון ייוואָ, ווינטש איך אייך אַלעמען אַ פרוכפּעריקע טעטיקייט און דעם צוזאַמענפאַר הצלחה אין זיינע אַרבעטן.

טשערנאָוויץ — רעדאַקציע „יוגנט-שטימען": מיר זיינען מיט אייך.

מ ש ע ר נ אָ ו ו י ץ — ד"ר יוסף קיסמאַן, לאה קיסמאַן ווינטשן ערפאָלג אייערע באַמיִונגען.

מ ש ע ר נ אָ ו ו י ץ — יוסף שוואַרצמאַן: די משערנאָוויצער גרופּע באַגריסט דעם ערשטן היסטאָרישן צוזאַמענפאָר פון ייוואָ, וועלכער קומט פאָר אין ווילנע 20 יאָר נאָך דער היסטאָרישער משערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און וועלכער בינדט פעסטער צונויף דעם האַרץ־פאָדעם צווישן ווילנע און משערנאָוויץ.

מ ש ע ר נ אָ ו ו י ץ — יידישער שול־פאַראיין (בריוו): ...אייך, וועלכע זענט זיך צונויפגעקומען אויפבויען אונדזער אַלעמעגס ליבלינג — דעם ייוואָ — שיקן מיר אַ האַרציקן יישר כח און ווינטשן אייך ערפאָלג.

י אַ ס — ,,פריינד פון ייוואָ": מיר ווינטשן גרויס ערפאָלג דער קאָנפערענץ און גריסן גאָר חבריש.

כ ע ל ע ם — הערש לערער: אַלע יידישע יידן זיינען מיט אייך.

כ ע ל ע ם — ,,פועלי ציון" לינקע, כעלעמער פאָלקסבלאַט: זייט האַרציק באַגריסט.

ל אָ ד ז ש — רעדאַקציע ,,בית יעקב" (בריוו).

ל אָ ד ז ש — רעדאַקציע ,,לאָדזשער וועקער": מיר שיקן אייך איבער די וואַרעמסטע ווונטשן אין אייער אַרבעט פאַר דער יידישער וועלטלעכער קולטור.

ל אָ ד ז ש — זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, יידישע סעקציע: די בויער פון אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור, דעם צוזאַמענפאָר פון ייוואָ אונדזער הייסער גרוס. לאַזאַר פוקס.

ל אָ ד ז ש — ,,לאָדזשער מאָרגנבלאַט" (בריוו): איך ווינטש איי, פיל ערפאָלג אין אייער אַרבעט. רעדאַקטאָר ישראל קאַהאַן.

ל אָ ד ז ש — ,,נייער פאָלקסבלאַט": אונדזער ערשטער אַקאַדעמיע, דעם צוזאַמענפאָר פון ייוואָ, ווינטשן מיר פרוכטרייכע אַרבעט. פוקס, ביאַ־דערזאָן, ברזשוסטאָווסקי, שולמאַן, ראָזענבערג.

ל אָ ד ז ש — י. ליבמענשטיין: וויוואַט די בויער פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

ל אָ ד ז ש — דאָס קוראַטאָריום און דער פּעדאַגאָגישער ראַט פון די שולן און קינדערהיימען א"נ פון וול. מעדעם (בריוו): ...איך אונדזער קאַמף פאַר אַ וועלטלעכער יידישער וויסנשאַפט, פאַר אַ מאָדערנער קולטור־שאַפונג אין דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן זעען מיר אין דעם שטאַרקסטן געזעלשאַפטלעכן יסוד פון אייער פרוכטבאַרער אַרבעט, און דעריבער פרייען מיר זיך מיט אייערע דערגרייכונגען, דעריבער באַמיען

מיר זיך און מיר וועלן זיך באַמיען צו שטיצן אייער אַרבעט אין די ראַמען פון אונדזערע כּחות און מעגלעכקייטן... די פאַרוואַלטונג ח. ל. פאָזנאַנסקי.

ל אָ ד ז ש — נתן שפּיראָ (בריוו).

ל אָ ד ז ש — די פאַרוואַלטונג פון דער לאָדזשער קהילה שיקט דער קאָנפערענץ אַ האַרציקע באַגריסונג און ווינטשט דעם ייוואָ ערפאָלג אין זיין אַרבעט. פאָרזיצער מינצבערג.

ל אָ נ ד אָ ן — ד״ר גאַסטער (בריוו): אַ נסיעה קיין ווילנע איז פאַר מיר צו פאַנטאַסטיש צו באַטראַכטן און אַפּשיטאַ שווין אויסצופירן.. עס וועט אייך אפשר זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אַנהייב גאָענטסטער מאָנאַט וועט זיין דער 75יאָריקער יובל פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלע, וווּ איך האָב זיך געלערנט. פון אַלע זייטן האָט מען מיר צוגערעדט, איך זאָל קומען, אַלס איינער פון די עלטסטע לעבן-געבליבענע ברעסלער סטודענטן. און ברעסלע איז נישט אַזוי ווייט ווי ווילנע; און דאָך האָב איך געמוזט אַרויסזאָגן מיין באַדויער, וואָס ביי די איצטיקע אומשטאַנדן קאָן איך קיין ברעסלע נישט פאָרן. ווי נאָר איך וועל באַקומען דעם סדר-היום, מיט וואָס די קאָנפערענץ רעכנט זיך צו פאַרנעמען, וועל איך אָנשרייבן און אויף וויפיל איך קען אויספירלעך אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן דער אָדער יענער אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ.

ל אָ נ ד אָ ן — אַרבעטער-רינג: צום באַדויערן קאָנען מיר נישט אָנטייל נעמען אין דער קאָנפערענץ. אונדזער אויפריכטיקן מזל-טוב און גוטע ווונטשן פאַר פאַרגאַנגענער און צוקונפטיקער אַרבעט.

ל אָ נ ד אָ ן — דוד און אידאַ מאָוושאָוויטש (בריוו): אין נאָמען פון עטלעכע לאָנדאָנער פריינד פון אינסטיטוט שיקן מיר אייער קאָנפערענץ אַ האַרציקן ווונטש פון ערפאָלג...

ל אָ נ ד אָ ן — וויליאַם צוקערמאַן (בריוו): ...איך ווינטש אייך אַ סך ערפאָלג אין אייער אַרבעט...

ל אָ נ ד אָ ן — לעאָ קעניג (בריוו): איך ווינטש אייך דעם גרעסטן ערפאָלג און האָף באמת נאָך אַמאָל גוצלעך צו זיין אין אייער וויכטיקער און אינטערעסאַנטער אַרבעט.

ל ו י ז ו י ט ש — טויב: געבענטשט זייט אין אייער אַרבעט. וויוואַט ייוואָ.

ל ו צ ק — אינזשענער גליקלעך: זאָל זיין ערנסט און מזלדיק.

ל ו י ז ו י ט ש — מ. ל. פּעמשעניק (בריוו): ...אי״ה אויפן הנוכּת-הבית וועל איך מיך שוין געווים זיכער מיט אייך מיטפרייען... זאָל זיין געבענטש אייער גרויסע אַרבעט. אמן!

לוצק — „וואָלינער פּרעסע" (בריוו): ...מיט אויפריכטיקן שפּאַנענדן אינטערעס וועלן מיר אָפּוואַרטן די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ און מיט האַרץ און נשמה באַטייליקן מיר זיך אין דער פייערונג פון ערשטן ציגל־פאַרלייגן אונטערן ייוואָ־בנין.

לעמבערג — אַקאַדעמישער קרייז פון לאַנדקענטעניש־ליבהאָבער (בריוו): מיר שיקן האַרציקע ווּנטשן פון פּרוכפּעריקער אַרבעט.

לעמבערג — אַנסקי־קלוב: די שאַפער און בויער פון דער נייער יידישער קולטור צו זייער ערשטער קאָנפערענץ אונדזער האַרציקע באַגריסונג.

לעמבערג — י. ווייגלעז: דורך קראַנקהייט פאַרהינדערט שיק איך האַרציקע באַגריסונג.

לעמבערג — רעדאַקציע „כווילאַ" (בריוו).

מאָסציסק — פּרץ־ביבליאָטעק: צו דער עפענונג אונדזער פּראָלעטאַרישע באַגריסונג.

נאָשיעלסק — קאָמיטעט פון „בונד": אַ סך הצלחה און ווייטערדיקע פּרוכפּעריקע אַרבעט — בראַוואָ.

ניו־יאָרק — אַמעריקאַנער לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון ייוואָ: אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אַמעריקאַנער סעקציע באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר, ווינטשט ערפאָלג און קאָנסאָלידאַציע אין דער אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

ניו־יאָרק — י. ל. כהן: האַרציקסטע באַגריסונג צו אייער קאָנפערענץ. ווינטש אייך גרעסטן ערפאָלג.

ניו־יאָרק — י. בערג, לייבוש לעהרער, ליפּע לעהרער: אַ געזונט אין אייערע ביינער.

ניו־יאָרק — יידישע קולטור־געזעלשאַפט: די האַרציקסטע ברכות. זאָל לעבן די יידישע קולטור.

ניו־יאָרק — י. קאַפּעלאָף און פרוי: מיר באַגריסן די דעלעגאַטן אין זייער איידעלן ווערק. מיר ווינטשן אייך הצלחה, מיר זיינען מיט אייך אין אייער שווערער אויפגאַבע.

ניו־יאָרק — שלום־עליכם־אינסטיטוט: גליק און הצלחה אייער קאָנפערענץ.

נייסאַנץ — ק. ברוינפעלד (בריוו).

סאָקאָלקע — יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (בריוו).

סטרי — זאַמלער־קרייז: שטענדיק מיט וואַרעמער אַרבעט גרייט.

סטרי — יידישע קהילה גראַטולירט צום גרונטשטיין־לייגן צום אייגענעם בנין.

פּאַריז — שלום אַש (בריוו): ...איך דאַנק אייך האַרצלעך פאַר דער איינלאַדונג צו קומען צום צוזאַמענפאָר פון ייוואָ, וואָס איך פאַר־

זיכער אייך, אַז איך האַלט עס ניט פאַר קיין קליינעם כּבוד פאַר מיר. גאַר ווי איר ווייסט שוין געווים, פאַר איך אָפּ דעם 12טן אָקטאָבער קיין אַמע־ריקע, עס איז שוין לענגסט געוואָרן דאָס אַראַנזשירט און איך קען עס ניט צוריקרופן... נעמט צו מיין יישר־כּוח פאַר אייער מי און אַרבעט. מיין דאַנק פאַר דער איינלאַדונג און מיין האַרציקן גרוס צו אייך, חברים.

פּאַריז — ליוויאַוו און אַבֿרהם דאַבֿרי: מיר באַדויערן שטאַרק, וואָס מיר קאָנען ניט ביייזיין אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון די פֿריינד פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. מיר ווינטשן דער דאָזיקער געזעל־שאַפֿט די בעסטע אַנטוויקלונג און האָפֿן, אַז דורך דעם כּסדרדיקן וווּקס פֿון דער צאָל פֿון אירע מיטאַרבעטער און דורך פֿאַרמערן אידע אידעלע אָנ־שטרענגונגען וועט זי אויספֿירן אַלץ מער און מער וויכטיקע אַרבעט. עס פֿרייט אונדז, וואָס אין גיכן וועט דער אינסטיטוט זיצן אין אייגענעם בנין.

פּאַריז — מעדעם־קלוב: מיר גראַטולירן דעם קאָנגרעס צום יום־טובֿ פֿון דער יידישער קולטור.

פּאַריז — קריינין, יעפּרויקין, דיזשור: מיר באַגריסן די קאָנפֿע־רענץ און ווינטשן פּרוכטבאַרע אַרבעט לטובֿת דער יידישער קולטור.

פּאַריז — מאַרק שאַגאַל (בריוו): איך באַגריס האַרציק די קאָנ־פֿערענץ און ווינטש איר ערפֿאָלג.

פּאַריז — שלום שוואַרצבאַרד (בריוו):

פּיאַטראַ־ניאַמץ — נתן מאַרק (בריוו).

פּעטריקאָוו — משה פֿיינקינד (בריוו).

פּינסק — דער מאַגיסטראַט פֿון דער שטאָט פּינסק שיקט ווונטשן פֿון פּרוכפּעריקער אַרבעט. ד"ר בערגמאַן, וויצעפּרעזידענט.

פּינסק — „פּינסקער שטימע": מיר באַגריסן און ווינטשן, אַז דער ייוואָ־בנין זאָל זיין די פֿעלזן־פֿעסטע שוץ־וואַנט פֿאַר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור קעגן כּלערליי שטערער און העצער.

פּראָג — פּראָפֿעסאָר נאָלדעלמאַן און דאָקטאָר העלער: באַגריסנ־דיק אייער צוזאַמענפֿאָר ווינטשן היגע חברים אייער באַראַטונג אַ פֿולן ערפֿאָלג. דאָס זאָל זיין די ערשטע קאָנפֿערענץ, די ערשטע מדרגה פֿון קו־מענדיקן ניצחון.

פֿראַנקפֿורט־מאַ"ן — פּראָפֿ' אַ. פֿריימאַן (בריוו): איך באַגריס אייער קאָנגרעס... און ווינטש אייך אַ פֿולן ערפֿאָלג.

פֿרייבורג — א. כּהנא (בריוו).

קאָפּענהאַגן — פּראָפֿ' סימאָנסען (בריוו): בעסטן דאַנק אייך פֿאַר דער פֿריינדלעכער איינלאַדונג. עס איז מיר אָבער, ליידער, אוממעג־לעך אָנטיילצונעמען אין דער קאָנפֿערענץ, איך שיק איר איבער מיינע בעסטע גליקווונטשן.

קאָוונע (דורך בערלין). מיר ווינטשן הצלחה דער קאָנפערענץ, פאַרפעסטיקונג פון די יסודות פון דער שעפערישער וועלטלעכער יידישער קולטור. ייוואָ קאָוונע, „אָזע", מאַטיס, קאַנטאָר, ראַזאָווסקי, כאַצקעלעס, לעווין, טראָופּיאַנסקי.

קאָוונע (דורך ריגע): מיר זיינען מיט אייך אויף אונדזער געמיינזאַמען גרויסן יום־טוב פון דער יידישער קולטור. געזעלשאַפט ליבהאָבער פון וויסן. יידישע לערער. מאַטיס, פּריוואַט־דאָצענט לאַזערסאָן, כאַצקעלעס.

קאָוונע — פּראָפ' מיכאַל בירזשישקאַ: מינדלעך דורך פּ' עוזר פינקלשטיין אַ באַגריסונג פון אים און פון דער געזעלשאַפט פאַר ליטוויש־יידישער פאַרשטענדיקונג, וואָס ער איז איר פאָרזיצער.

קאָוונע — ראובן רובינשטיין, רעדאַקטאָר פון דער „יידישער שטימע" (בריוו): ...מיר ווינטשן אייך דעם גרעסטן ערפאָלג אין אייער העכסט וויכטיקער אַרבעט לטובה פון דער יידישער קולטור און יידישער וויסנשאַפט... מיר זיינען זיכער, אַז געטריבן פון דעם יצירה־אימפּעט וועלן די בויער, טוער און פריינד פון ייוואָ דערלאַנגען צו הויכע קולטור־דערגרייכונגען. מיר באַגריסן אייך מיטן חנוכּת־הבית.

קוטנע — קאָמיטעט פון „בונד" (בריוו).

קעשענעוו — פרענקל: איך באַגריס הערצלעך די קאָנפערענץ פון יידישן אינסטיטוט, ווינטש ערפאָלג אין איר וויכטיקער, פרוכטבאַרער, גרויסער קולטור־אַרבעט.

קראָקע — ד"ר יעקב בראָכם (בריוו).

קראָקע — ד"ר פיינער: איך דאַנק האַרציק פאַר דער איינלאַדונג צום קאָנגרעס. מיין קומען ליידער אוממעגלעך. ווינטש ממשותדיקע דערפאָלגן. זאָל זיך דער אינסטיטוט, די העכסטע מאָדערנע וועלטלעכע יידישע אינסטיטוציע, וואָס שנעלער און פראַכטפולער פונאַנדערוואַקסן. אין דער צייט פון די ווילדסטע אָנפאַלן מצד אונדזער היימישער רעאַקציע אויף אונדזער שול, מוז זיך דער דאָזיקער ווונטש פאַראייניקן מיטן פּראָטעסט קעגן די העצער, מיטן קאַמף פאַר דער פאָלקסשול, דען זי ווי דער אינסטיטוט זיינען די וויכטיקסטע טיילן פונם בנין פון אונדזער מאָדערנעם וועלטלעכן קולטור־לעבן. לעבן זאָל דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט און פאָלקסשול.

קרושניעוויץ — חננאל האָפמאַן (בריוו).

ראָדעם — פּ. ווייסמאַן (בריוו).

ראָוונע — רעדאַקציע „וואָלינער לעבן" (בריוו): מיר ווינטשן די פריינד פון ייוואָ פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע וועלן זיך פאַרזאַמלען אויף דער קאָנפערענץ, אַז זיי זאָלן געפינען די וועגן און מיטלען צו דער אַלזייטיקער פונאַנדערבליונג און פונאַנדערוואַקסונג פון דער אַזוי וויכ־

מיקער אינסטיטוציע, וועלכע רופט ארויס די סימפאטיעס און אנערקענונג פון דער גאנצער יידיש-קולטורעלער וועלט.

ריגע — יידישע בילדונגס-פארוואלטונג פון בילדונגס-מיניסטעריום (פריוו): מיר דאנקען אייך הארציק פאר דער איינלאדונג צו אייער קאנפערענץ. אונדזער אנטייל וואלט אין גאנצן אנטשפרעכן אונדזער ווארעמסטן אינטערעס און טיפער סימפאטיע צו דער גרויסער פאלקסטימלעכער ארבעט, וועלכע ס'ווערט געטאן דורך דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט.

ליידער איז אונדז איצטער בארויבט יעדע מעגלעכקייט אזא אנטייל צו פארווירקלעכן. מיר מוזן זיך דערפאר באנוגענען מיט אונדזער ווונטש, די קאנפערענץ זאל זיך גוט איינגעבן און זאל שאפן דעם נייטיקן יסוד פאר ווייטערדיקער געלונגענער ארבעט פון דעם אינסטיטוט לטובת די ריכטיק פארשטאנענע קולטור-אינטערעסן פון יידישן פאלק. י. לאנדוי, שעף פון דער פארוואלטונג; וו. פאלאצקי, לייטער פון שול-אפטיילונג.

ריגע — זשאגארסקי: מזל-טוב ירושלים דליטא.

ריגע — י. לאנדוי (פריוו): ...איך ווינטש א גלענצנדן ערפאלג אין אייערע ארבעטן; איך בין ניט מסופק, אז אייך וועט אפגילטן צו געפינען דעם ריכטיקן וועג פאר אייער ווייטערדיקער ארבעט, וואס איז זייער ווערטפול...

ריגע — דעפוטאט ג. מייזעל (פריוו): איך בין געצוווּנגען אפזאגן זיך פון דעם נחת רוח, וואס ס'וואלט מיר פארשאפט דאס באטייליקן זיך אין אייער קאנפערענץ. איך דאנק אייך פאר דער איינלאדונג און ווינטש דער קאנפערענץ דערפאלגרייכע ארבעט.

ריגע — לעטלענדישער עלטערן-פארבאנד שיקט אייך די הארציקסטע גליקוווּנטשן אין אייער ארבעט.

ריגע — פארלאג „ביכער פאר אלעמען”: מיר שיקן די הארציקסטע באגריסונגען און ווינטשן דערפאלג אין דער אזוי נייטיקער ארבעט.

ריגע — י. ראזענבוים: איך באדויער, וואס איך האב ניט געקאנט קומען. איך ווינטש אייך דעם גרעסטן ערפאלג.

תל-אביב — יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן-קלוב אין ארץ-ישראל (פריוו): ...מיר באדויערן זייער, וואס מיר האבן ניט די מעגלעכקייט בייצוּוווינען די קאנפערענץ. מיר וועלן אבער מיט גרויס אינטערעס און שפאנונג נאכפאלגן די ארבעט אירע. מיר דריקן אויס אונדזער גרייטקייט אויסצופירן אלע ארבעטן, וועלכע די קאנפערענץ וועט אויף אונדז ארויפלייגן, ספעציעל רעכענענדיק זיך מיטן רייכן פאלקלארישן אוצר, וואס ווארט אויף זיין פארשער און זאמלער אין ארץ-ישראל. נעמט אן אונדזער ווארעמע באגריסונג. פארזיצער: ד"ר ראפאלקעס, סעקרעטאר: מנשה אונגער.

הוספה נומ׳ 2

פירטראָגן אויף דער וויסנשאַפטלעכער זיצונג.

(טעזיסן)

נ. פרילוצקי: יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע.

I. דאָס וואָרט דיאַלעקטאָלאָגיע שרעקט געוויינטלעך אָפּ דעם ברייטערן עולם. ווען מ׳קוקט זיך אָבער צו צו דעם דאָזיקן געגנשטאַנד, איבערצייגט מען זיך, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי נישט־אינטערעסאַנט, ווי ס׳דאַכט זיך אין פלוג.

דיאַלעקטאָלאָגיע איז די וויסנשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די דיאַלעקטן (אָדער מונדאַרטן, ווי מ׳רופט עס נאָך) פון אַ שפּראַך. מיט אַנדערע ווערטער, איז עס די וויסנשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער לעבעדיקער שפּראַך, — וואָרן די קאָנקרעטע עקסיסטענץ־פאָרמען פון אַ שפּראַך זיינען נאָר די דיאַלעקטן אירע.

ווען מ׳זאָגט: ענגלישע שפּראַך, דייטשישע שפּראַך, פראַנצויזישע שפּראַך וכו׳, איז עס אַן אַבסטראַקציע. אַ סתם־ענגלישע שפּראַך, אַ סתם־פראַנצויזישע שפּראַך און דאָס גלייכן עקסיסטירט בלויז אויפן פּאַפּיר. אין רעדן זיינען בנמצא נאָר ענגלישע מונדאַרטן, דייטשישע מונדאַרטן אאַז״וו.

אַפילו ביי הויך־קולטורעלע פעלקער ריידן מענטשן ס׳רוב דיאַלעקט. אַ הויכן באַאַמטן אין דער דייטשישער ציוויל־פאַרוואַלטונג אין וואַרשע, בעת די וועלט־מלחמה־יאָרן האָב איך געקענט (געווען מיטגליד פון רייכס־טאַג, גוטער רעדנער און אַדוואָקאַט), אין פּריוואַטן לעבן, און אַפילו ביי זיך אין ביוראָ, שמועסנדיק מיט מיר, האָט ער גענוצט זיין באַדיש דייטש, געזאָגט ischt (ist) און essə (essen). ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אין באַדישן הויף רעדט מען נאָך אַזוי. די אָבליגאַטאָרישע מוסטער־אויס־שפּראַך איז באַקאַנט אימלעבן דייטש, וואָס איז אויסגעגאַנגען אַ פאָלקס־שול, אָבער ער געברויכט זי נאָר אין אָפיציעלן לעבן (אַלס לערער — אין דער שול; אַלס ריכטער, פּראָקוראָר אָדער אַדוואָקאַט — אין געריכט; אַלס דעפּוטאַט — אין פּאַרלאַמענט אאַז״וו).

ייִדיש איז, נאַטירלעך, נישט קיין יוצא מן הכּלל. דאָס געדרוקטע וואָרט זעט אויס צו זיין אוניפֿאָרמירט (די אָרטאָגראַפֿיע מאַכט דאָס!). צי גייט אַ ייִדישע צייטונג אַרויס אין וואַרשע, לובלין, לאָדזש, צי אין ווילנע, ביאַליסטאָק, גראָדנע; אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, מאָנטרעאַל, צי אין בוענאָס־איירעס אָדער ריאָ־דע־זשאַניירא, ליגט זי אויס: גוט, יאָר. אָבער דער ליטווישער ייִד לייענט דאָס: gut, jor; דער פּוילישער: giit אָדער gyt, און juur, juɐ, jur, juə; דער אוקראַינער: gyt און jur, juɐ.

ווי כּנשאַפֿטלעך אויספֿאָרשן אַ לשון, הייסט דעריבער: אויספֿאָרשן זיינע דיאַלעקטן — אין עבר (היסטאָרישע דיאַלעקטאָלאָגיע) און אין הײַנט (לויפֿיקע דיאַלעקטאָלאָגיע).

II. די ייִדישע שפּראַך איז באַלד בײַם אויפֿקום געווען אַ קאָמפּלעקס לעבעדיקע דיאַלעקטן, מחמת, באַזעצנדיק זיך אין דײַטשלאַנד, האָבן די ייִדן אומעטום איבערגענומען די לאָקאַלע דײַטשע מונדאַרטן.

אַ בײַשפּיל, ווי אַזוי דאָס אַרײַנדרינגען פֿון די דײַטשע מונדאַרטן צו די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן איז דעמאָלט צוגעגאַנגען, שטעלן אונדז צו די פֿאַרהעלטעניש אין איצטיקן פּוילן. פֿאַראַן אין דער ווײַסל־מדינה, באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך און אין די דערפֿער, ייִדן, פֿאָלקסמענטשן, וואָס קענען נישט לייענען און שרײַבן אויף מיצקעוויטשעס לשון, אָבער זיי רעדן פּויליש אויסגעצייכנט, באַשר זיי טרײַבן זייער משא־ומתן כּמעט אויסשליסלעך אָדער דערעיקרשט מיט פּאָליאַקן, מייסטנס מיט פּויערים, אָבער תּמיד רעדן זיי פּערפֿעקט די לאָקאַלע מונדאַרט. אַ ייִד פֿון ראַדעמער געגנט רעדט דאָס פּויליש פֿון ראַדעמער דאָרף, און נאָר אַן אַנדער פּויליש הערט איר פֿון ייִדישן פּויליש־רעדער אויס לאָמזער קאַנט.

אין פּוילן איז אַפֿילו בײַ די פּויליש־קענעוודיקע ייִדן פֿון פֿאָלק די פּוילישע שפּראַך געבליבן בלויז דאָס לשון פֿון פֿאַרקער מיט דער פּוילישער פֿאָלקסמאַסע. אין דײַטשלאַנד, פֿאַרצײַטנס, איז די אַנטוויקלונג אַוועקגעגאַנגען ווײַטער: די לאָקאַלע דײַטשע מונדאַרט איז געוואָרן די מוטערשפּראַך פֿון די ייִדן אין געגעבענעם ווינקל.

אַ דײַטשע מונדאַרט האָט אויף דער ייִדישער צונג געמוזט אונטערגעוואָרפֿן זײַן געוויסע ענדערונגען. וואָסערע? דאָס דאַרף ערשט אויפֿגעקלערט ווערן דורך ספּעציעלע, זייער קאָמפּליצירטע פֿאָרשונגען. קודם־כּל, מיין איך, האָט דער העברעיִשער עלעמענט — ער איז אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך אַרײַן געקומען מסתּמא פֿון חדר, פֿון דער ישיבה, פֿון דער שול, פֿון בית־המדרש (פֿון לערנען, פֿון דאַווענען, פֿון דער מגידישער דרשה אאַז״וו) — געמוזט צוגעבן דער דײַטשער מונדאַרט אַ ספּעציפֿישע באַפֿאַרבונג (אָנהייב פֿון פֿאַרייִדישונג). נאָר די מונדאַרט איז אין תּוך

געבליבן דייטשיש — אזוי לאַנג, ווי זי איז גערעדט געוואָרן בלויז פון אַ גרופּע יידן אויפן אָרט, וווּ זי איז איבערגענומען געוואָרן. יידישע מונדאַרטן זיינען אויפגעקומען ערשט דורך מישונג פון פאַרשיידענע דייטשישע, צו יידן איבערגעגאַנגענע מונדאַרטן און דורך איזאָלירונג.

III. דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך גייט אַדורך פאַרשיידנמונדאַרטיקייט. זי געפינט אַן אָפּשפּיגלונג אויך אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס ערשטע יידיש איז, לויט אַלע סימנים, נולד געוואָרן אין מערב און מערב-דרום פון די עטנאָגראַפיש-דייטשע לענדער (דאָס עלטסטע יידישע איינוואַנדערונגס-אָרט זאָל געוועזן זיין קעלן). לויט דער עקספּערטיזע פון פּראָפ' ליצמאַן, זאָל די שפּראַך פון די עלטסטע אויפגעהיטע יידישע כּתבֿ-ידן טראָגן אַן אַלעמאַנישע, שוועבישע אָדער סתּם-איבערדייטשישע באַפאַרבונג. די אַלע ווערק זאָלן זיין באַשאַפן געוואָרן דורך מחברים, וואָס האָבן גערעדט און געשריבן אַן אַלע-מאַניש- אָדער שוועביש-מקורדיק יידיש. אַ טייל פון די ערשטע יידישע דרוקווערק (אַגבֿ, געדרוקט אין שטעט, וואָס ליגן אויפן אַלעמאַניש-שוועביש שפּראַך-שטח, ווי איסני, אויגסבורג, קאָנסטאַנץ, באַזעל, ציריך) געהערן צו דעם זעלביקן שפּראַך-טיפּ, — אַ זאַך, וואָס דאַרף זיין ביז גאָר פאַרשטענדלעך, ווען מ'וועט וועלן מסכּים זיין מיט דער השערה, אַז זיי זיינען, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, איבערגעדרוקט געוואָרן פון עלטערע מאַנוסקריפּטן, וואָס שטאַמען מסתּמא אויך פון די דערמאָנטע טעריטאָריעס.

די איינציקע ראַציאָנאַלע סכעמע פאַר דער אויספאָרשונג הן פון דער יידישער שפּראַכגעשיכטע הן פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע וואָלט איך זען אין יענער, וואָס וועט זיין געבויט אויפן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ. — די ערשטע עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג סיי פון דער יידישער שפּראַך סיי פון דער יידישער ליטעראַטור בין איך נוטה צו פאַרבינדן מיט די ערשט-געדאַכטע טעריטאָריעס און צו באַצייכענען אַלס אַלעמאַניש-שוועבישע. זי ציט זיך ביז טיף אין 16טן יאָרהונדערט אַריין, ווען עס באַווייזן זיך די ערשטע יידישע געדרוקטע ביכער. אַ פעסטע אויס-לאָז-דאַטע איז, נאַטירלעך, נישט שייך אָנצורופן, היות גרענעצן ביי אַזעלכע דערשיינונגען לויפן קיינמאָל נישט ווי אַ גלייכע, נאָר תּמיד ווי אַ געבראָכענע, זיגזאַגיקע, ציינערדיקע ליניע. — דעם צווייטן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אַלטן יידיש און פון דער אַלטיידישער ליטעראַטור וואָלט נישט קרום געווען אַ נאָמען צו געבן: דער איראָפּעישער. אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן באַטייליקן זיך שוין די ישובֿים פון האָלאַנד, מזרח-פראַנקן, העסן, שלעזיע, פּייעס, גרויספּוילן, קליינפּוילן אאַז"וו, און די העגעמאָניע אויף דעם פעלד גייט בּיס-

לעכווייז, אָבער סוף־כל־סוף ענדגילטיק, איבער צו די יידישע קיבוצים פון סלאַווישן מיליע (די גרעסטע ווערק פון יענער עפּאָכע, וואָס ציט זיך ביז אין 18טן יאָרהונדערט אַריין, — די צאינה־וראינה, דער ספר־המגיד, דער בראַנדשפּיגל, דער לב־טוב — זיינען אָנגעשריבן פון פּיימער אָדער פּוילישע יידן).

די פאַרשיידנמונדאַרטיקייט פון דער יידישער שפּראַך אין יענער עפּאָכע איז באַזונדערס רייך. צווישן דער שפּראַך פון צוויי מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס זיינען אין איין און דער זעלביקער צייט געשריבן און געדרוקט געוואָרן אין איין און דער זעלביקער שטאָט — איך מיין די תנ״ך־איבערזעצונגען פון יקותיאל בליץ (אַמסטערדאַם 1676—1679) און פון יוסף וויצנהויזן (אַמסטערדאַם 1679), — לאָזן זיך פעסטשטעלן ממשותדיקע דיפערענצן. פּראָפ׳ שטערק מאַכט אויפמערקזאַם, אַז ווען וויצנהויזנס איבערזעצונג איז אויפגענומען געוואָרן אין דער Biblia Pentapla (וואַנדזבעק 1711), האָט מען פון איר אַרויסגערוימט די ספּעציפישע מוגדאַרטלעך־יידישע אויסדרוקן. ס׳וועט זיין די אויפגאַבע פון אַן עקסטרע נאָכזוכונג צו דערגיין, וואָסערע פאָרמען זיינען עס דעם קריסטלעכן איבערדרוקער פאָרגעקומען צו פיל יידיש. — די שפּראַך פון ר׳ יעקב בן־יצחקס ספר־המגיד, וואָס איז מינדסטנס מיט 50 יאָר עלטער פון די צוויי אַמסטערדאַמער תנ״ך־פאַריידישונגען, איז גאָר אַנדערש און קוקט אויס פרישער, יינגער, לעבעדיקער (אין די ערשטע צוויי — מער אַרכאַיסטישע, אַלעמאַניש־שוועבישע עלעמענטן, אין דעם לעצטן — מער עלעמענטן פון די לעבעדיקע מונדאַרטן אויס יענער צייט). — גרויסע קאָנטראַסטן שיילן זיך אויס פאַרן אויג, ווען מ׳פאַרגלייכט די שפּראַך פון ספר תחינות (פראַנקפורט ביים מאַין פון יאָר 1714) מיטן לשון פון דעם אַ סך עלטערן יידישן מחזור פון ר׳ אַנשיל אויס פּויזן (פּראָג 1600) אָדער דאָס שמואל־בוך (אויגסבורג 1544) מיטן קהלת יעקב (פּערט 1692). — געוויסע מחברים האָבן פאַר זייער אייגענער שרייבאַרט באַוווסטזיניק אַרויסגעדרונגען געוויסע אימפּעראַטיוון אויס דער זיי גוט באַקאַנטער יידישער פאַרשיידנמונדאַרטיקייט אין יענער עפּאָכע. דער אויטאָר פון מקרא־מפורש (אַ הילפסבוך צו חומש פאַר אָנהייבלערנער, אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט) לאָזט זיך אַפילו אויף אַן אייגנטימלעכער מעטאָדע: אין כלל אַריין, איז זיין סטיל קנאַפּ, געפּרעסט, דאָך גיט ער לעבן אַן אַ שיעור ווערטער זייערע סינאָנימען אויס פאַרשיידענע יידישע מונדאַרטן (ער וויל, זיין בוך זאָל זיין צוגענגלעך בכל תפוצות ישראל).

IV. יידישע מונדאַרטן, אויס די דורך די יידן אַדאָפּטירטע דייטשישע, האָבן זיך אויסגעבילדעט, ווי געזאָגט, דורך מישונג. דער גורם איז געווען: מיגראַציע.

די לעצטע קענען מיר אין צוויי פאָרמען.

פאַראַן מיגראַציע אַלס נאָרמאַלער, פערמאַנענטער פראָצעס אין יידישן סאָציאַלן לעבן. זי לאָזט זיך נאָכפאָרשן אַזוי ווייט, ווי ס'קלעקן היסט' מקורים. די באַפעלקערונג פון אַ יידישער קהילה האָט זיך תמיד און אָן אויפהער געביטן אין צוזאַמענשטעל (און ענלעכע פאַרהעלטענישן זיינען פאַרבליבן עד־היום) דורך שידוכים (מ'האָט אַראָפגעבראַכט שניר און איידעמס פון פרעמדע שטעט, טעכטער אויסגעגעבן אָדער זין חתונה־געמאַכט אין אַנדערע מקומות אַוועק) און דורך אינדיווידועלער אויסוואַנדערונג (דער אָדער יענער האָט זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו אַ פרנסה אין זיין געבוירנשטאָט, האָט ער געזוכט גליק אין דער פרעמד; סוחרים האָבן געענדערט דאָס וווינאָרט פון וועגן די געשעפטן, און דאָסגלייכן). די ראָלע פון דעם דאָזיקן פאַקטאָר אין דער אויסבילדונג פון יידישע מונדאַרטן איז געווען גאָר ניט קליין.

געווען אויך קאַטאַסטראָפאַלע מיגראַציעס, ווען גאַנצע יידישע קהילות האָבן געמוזט עוקר זיין איבער שריפות, מגפות, גזירות־רעות, פאָגראָמען, גירושים וכו'. אין אַזאַ פאַל פלעגט אין דעם אָדער יענעם, פון אומגליק ניט אָנגערירטן יידישן קיבוץ, זיך מיטאַמאָל אַריינגיסן אַ גרעסערע צאָל אַ ביסל אַנדערש אָדער גאָר אַנדערש רייִדנדיקע יידן.

די פערמאַנענטע מיגראַציע האָט נאָר בהדרגה געביטן דעם כאַראַקטער פון אַ באַשטימטער מונדאַרט. אַ קאַטאַסטראָפאַלע מיגראַציע, אָקעגן, פלעגט גורם זיין מער ממשותדיקע שינויים (ווען אין אַן אָרט רעדט איין טייל איינגעווינער אויף איין מונדאַרט, און דער אַנדערער טייל אויף אַן אַנדערער, געשעט איינס פון די צוויי: אָדער איינע פון די דאָזיקע מונדאַרטן שטויסט אַרויס די צווייטע, אָדער ביידע מישן זיך אויס, און פון געמיש אַרבעט זיך אויס אַ נייע).

אין די עטנאָגראַפיש־סלאַווישע לענדער זיינען די יידישע מונדאַרטן געווען מער אָדער ווייניקער איזאָלירט פון ווייטערדיקע דייטשישע איינפלוסן (אין אוקראַינע און רייסן מיין ווי אין גרויספוילן און פייעם), און דאָס האָט פאַרזעלבשטענדיקט זייער שפעטערדיקע אַנטוויקלונג. אַזוי ווי די מישונג (דורך פלערליי מיגראַציעס אין די גרענעצן פון פייעם, מערן, פוילן, רייסן און אוקראַינע) האָט אויך האַרט ניט אויפגעהערט, האָט זי באַווירקט אַלץ גרעסערע דערווייטערונג פון די דייטשישע מוטערמונדאַרטן.

V. דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר ווייסט בדרך כלל, אַז דאָס הייַנטיקע יידיש צעפאַלט זיך אויף אַ דריי דיאַלעקטן: ליטוויש־יידיש (trogn), אוקראַיניש־יידיש (trugn), פויליש־יידיש (trugn), אָבער rajn לגבי דעם ליטוויש־יידישן און אוקראַיניש־יידישן rejn. חוץ דעם איז אים נאָך באַוווּסט, אַז אויך אין דייטשלאַנד האָבן יידן אַמאָל גערעדט

יידיש, נאָר פרעגט אים בחרם, וואָס פאַר אַ יידיש דאָס איז געווען. — גאָר ניִשט ווייניק פּוילישע יידן זיינען איבערצייגט, אַז אַלע אַנדערע יידן (אַפילו אין אוקראַינע) ריידן בלויז ליטוויש-יידיש...

אָבער אַן אומגעהייער פאַרשיידנאַרטיק און פאַרשיידנפאַרביק בילד אַנטפּלעקט זיך פאַר אַן אויג, וואָס איז נאָר אַ ביסל היימיש מיטן לשון פון די אַלט-יידישע כתבים און מיט די היינטיקע יידישע מונדאַרטן.

איך טייל די יידישע מונדאַרטן אין אייראָפּע (די אַמאָליקע און די לעבעדיקע) אויף דריי גרויסע גרופּעס, וואָס ליגן טעריטאָריאַל איינע לעבן דער אַנדערער (די דריי שטחים ציען זיך פון צפון ביין דרום): מערב-יידיש (דייטשלאַנד, עסטרייך, בייעם, מערן, אונגאַרן), מיטל-יידיש (פּוילן, חוץ אַ שטרייף אין מזרח פון געוועזענעם קאָנגרעס-פּוילן, און חוץ דעם מזרח-ווינקל פון מזרח-גאַליציע), מזרח-יידיש (עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, רייסן, אוקראַינע, בוקאָווינע, אַלטרומעניע, בעסאַראַביע). דער שייד-סימן: aa (אין מערב-יידישן), aj (אין מיטל-יידישן), ej (אין מזרח-יידישן), לגבי דער מיטל-הויכדייטשן דיפטאָנג ei (אין אַזעלכע ווערטער, ווי פלייש, קליין, ריין וכו'). די קלאַסיפיקאַציע איז באַרעכטיקט אויך דורך היסטאָריש-געאָגראַפישע, קולטורעלע, עטנאָגראַפישע און פאַרשיידענע אַנדערע מאָמענטן.

אָבער אויך אין די גרענעצן פון יעדער דערמאָנטער גרופּע באַזונדער הערשט אַן אויסערגעוויינלעך עשירות פון דיפערענצן. אין די מזרח-יידישע מונדאַרטן פון וואָלין אַליין האָט איר אַזעלכע, וואָס געברויכן vejg; אַנדערע, וואָס נוצן vig און ענדלעך אַזעלכע וואָס ריידן אַרויס vyg (דאָס ליטעראַרישע וועג = Weg, droga). בויך קלינגט אין די ליטוויש- און רייסיש-יידישע מונדאַרטן: bolch, buch, bujch, bojch, bouch. אאז"וו.

די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע פאַרלירט זיך אָבער נישט אין דעם ים פון די מונדאַרטלעכע אונטערשיידן. וואָס מער מ'באַקענט זיך מיט זיי, אַלץ שטאַרקער ווערט די איבערצייגונג, אַז זיי לאָזן זיך סיסטעמאַטיזירן אין אַן איינהייטלעכער סכעמע, מיט רעטראָספּעקטיווע, גענעטישע באַלייכטונגען.

אַזוי ווי מ'שטעלט-פאָר גראַפיש, אויף אַ מאַפּע, די וואַסער-שטראָמען אין די אָקעאַנען מיט זייערע געבוירנערטער, שלענגלדיקע וועגן און פּעריאָדישע אָדער ספּאָראַדישע קאַפּריזן, צי די אויסגאַנגס-זאַנגעס, בלאָזריכטונגען, קרייצונגען און פּלאָנטערן פון די אַטמאָספערישע שטראָמען, אַזוי הייבן זיך שוין אָן ביסלעכווייז צו קאָנקרעטיזירן פאַרן פאָרשערס אויג קאָנטורן און פראַגמענטן פון ענלעכע צייכענונגען, וואָס זאָלן אָפּשילדערן דעם אויפקום, דאָס פונאַנדערוואַקסן זיך, די וואַנדערונגען, דאָס אויסמישן זיך און די עוואָלוציעס פון די יידישע מונדאַרטן — פון די ווייטסטע אָנהייבן אָן און ביז צו דעם היינטצייטיקן צושטאַנד.

עס איבערראַשט, צפּ"ש, דעם יידישן דיאַלעקטאָלאָג די גרויסע צאָל ווערטער אויס אַלט־יידישע הרוקווערק (ווי דער פּראָגער מהזור פון יאָר 1600, דער „לב טוב" פון יאָר 1620 וכו') אין היינטיקן מיטל־יידיש, דער הויפּט אויפן שמח פון געוויזענעם קאָנגרעס־פּוילן. דער ערשטער אויספיר: די מחברים פון יענע ספרים — פּוילישע און פיימער יידן — האָבן שוין דעמאָלט (מיט 300 יאָר צוריק און מער) גענוצט די וואָקאַבלען, וואָס זיינען געבליבן ווייטער לעבן אין דער פאָלקסשפּראַך. דער צווייטער אויספיר: די דאָזיקע ווערטער זיינען שוין אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער פ אָ ל ק ס ש פּ ר אַ ך (און נישט בלויז פונעם ביכער־לשון). ביידע אויספירן שטעלן אויף אַ יהוס־בריוו פאַר געוויסע עלעמענטן פון די מיטל־יידישע מונדאַרטן.

אין וואַרשעווער געגנט איז פאַראַן אַן אינדזל, ווו דער סוף־טראָף ‎-er און בכלל כמעט איטלעכער וואָקאַליזירטער ענד-R גיט o (ברודער < briido, בער < bejo, מיר < mijo אאז"וו): דאָס איז די עלטערע מונדאַרט אין ו ו אַ ר ש ע. דעם אייגענעם o זעען מיר אויף אַ באַשטימטער גרעסערער טעריטאָריע אין ק ע ל צ ע ר קאַנט ביז צו דער אומגעגנט פון קראָקע, און אין ק ר אָ ק ע גופא. ווי ד"ר אַלפרעד ל אַ נ ד ו י האָט מיך אינפאָרמירט פאַרפיריאָרן, האָט מען דעם o נאָך אַרום 1885 גענוצט אין מ ע ר י ש־יידישן. סימנים פון אַזאַ o געפינען מיר אויך אין ב ו ר ג ל ע נ ד י ש ן יידיש. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, מ'זאָל אין דעם o איינזען אַ סימן פון קרובישאַפט צווישן די יידישע מונדאַרטן פון די אַלע דערמאָנטע געגנטן.

פאַראַן אין אוקראַינע אַ גרופּע נייט־ליטווישע מונדאַרטן, וואָס האָבן אפשר געקענט אויפקומען בלויז אַלס פועל־יוצא פון אַן אָרגאַנישער קרייצונג צווישן אַנדערע נייט־ליטווישע מונדאַרטן אין אוקראַינע מיט ליטוויש־יידישע, ווען דער הונגעריקער ליטוואַק האָט „אַנטדעקט וואָלין" (פון אַ זשיטאָמירער צי ראָוונער libm מיטן ליטוויש־יידישן lebm האָט געקאָנט ווערן דאָס אָסטרער צי זאַסלאַווער lybm) — פאַראַן, פאַרקערט, ר ו ס י ש־יידישע מונדאַרטן, וואָס געוויסע דערשיינונגען זיינען אין זיי, מעגלעך, אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך די מחנות יידישע פּליטים אויס אוקראַינע בעת כמעלניצקים און גאָנטעס שחיטות.

געבן דאָס בילד פון אַן אַנטוויקלונג, וואָס אַ שפּראַך האָט דורכגעמאַכט אין משך פון איר געשיכטע, דערקלערן דעם געגנווערטיקן מצב אויס דעם עבר און דעם עבר באַלייכטן ביים שיין פון דער געגנוואַרט, איז אַליין פאַר זיך אַ וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבע.

VI. די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע קאָן אָבער אויך ווערן אַ וויכטיקע געהילפס־דיסציפּלין ביי דער יידישער ג ע ש י כ ט ס פ אָ ר ש ו נ ג, און

דהיינו דערעיקרשט ביי דער פאַרשונג פון די יידישע מיגראַציעס, וואָס זיינען איינער פון די טונקלסטע מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע (יידן זיינען אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון פּראַג — ווּהין האָבן זיי געצויגן? קאָנקרעט, אין וואָסערע שטעט? — פונוואַנעט האָבן זיך גענומען די ערשטע יידן אין לובלין, אין קרעמעניץ, אין אָסטרע? וכו'),

דער איצטיקער צושטאַנד פון דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע גיט אַפילו נאָך נישט קיין מעגלעכקייט אויסצונוצן זי מיט דער גאַנצער זיכערקייט פאַר קלאָרע פעסטשטעלונגען. אָבער זי ליווערט שוין ווּנקען, וואָס צווינגען ערנסט זיך צו באַציען צו דער הילף פון דער דערמאָנטער דיסציפּלין.

נעמען מיר דעם איין מאָל שוין באַרירטן אַלטוואַרשעווער o לס סובסטיטוט פונעם וואָקאַליזירטן R אָדער פון ענדטראַף -eR. ער איז, ווי געזאָגט, איזאָלירט אויף אַ גרויסן שטח. וואָס האָט אין דעם פאַל e (קינדער < kynde) אָדער ə (בער < bejə, מיר < mijə) די וואַרשעווער o-יידן דאַרף מען, קומט אויס, באַטראַכטן אַלס עמיגראַנטן פון קעלצער קאַנט, אָדער פון קראָקעווער (דירעקט ענטפער איבער קעלצער געגנט), אָדער פון מערן (דירעקט, ענטפער דורך קראָקעווער און קעלצער קאַנט, צי בלויז דורך קראָקעווער ענטפער ק צער), אָדער פון בורגלאַנד. אויף וואָס זיך ענדגילטיק אָפּצושטעלן, איז אַ שפּעטערדיקע פראַגע, — לעת-עתה שטעלט אונדז צופרידן דער אַלגעמיינער פינגערטייט אויף אַ באַשטימטער ריכטונג (קעלצער געגנט, קראָקעווער און מערן ליגן אין ענגן שכנות). — נעמען מיר, ווייטער, אין באַטראַכט, אַז פון די דייטשישע מונדאַרטן האָבן אַזאַ o די שני-אייפל און געוויסע עסטרייכישע אַלפּנלענדער, דערהאַלטן מיר אַ צווייטן ערנסטן אָנווייז, וואָס זאָגט נאָך אַליין נישט אַלץ, איז אָבער מחייב צו פלייסיקער זאָנדירונג פון אַ היפּאָטעזע.

אַנדערע מיטליידישע מונדאַרטן מיט R (צעפלקלאַנג) וואָקאַליזירן אים אין e אָדער ə (די צפונדיקע), ɐ (די דרומדיקע). אויך דייטשישע מונדאַרטן, וואָס וואָקאַליזירן דעם צוטערקלאַנג, האָבן אַנשטאָט אים e אָדער ə (אויף באַשטימטע אָפּגעשלאָסענע שטחים, דערעיקרשט מיטלדייטשישע און טיילווייז שוועבישע) און ɐ (דערעיקרשט אין באַיריש-עסטרייכישן, אין מערב-פּיימישן אאַז"וו). אויך אַז אָנווייז אויף ריכטונגען, אין וועלכע מ'קען (אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע שטיצפּונקטן) זוכן די לייזונג פון געוויסע יידישע מיגראַציע-פּראָבלעמען.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מ'דאַרף דערביי זיין אומגעהייער פאַרזיכטיק מיט געדראַנגען, אָבער וואָסער וויסנשאַפטלעכע אַרבעט איז פּטור פון פאַרזיכטיקייט? —

VII. נאָך אַ פאַל, ווען דיאַלעקטאָלאָגיע קען צו נוץ קומען בײַם לייזן אַ יידישע היסטאָרישע פּראָבלעם פון ערשטקלאַסיקער באַדײַטונג.

צי זיינען אַמאָל אין רייסן אָדער אוקראַינע געווען יידן, וואָס האָבן גערעדט סלאַוויש, אַלס מוטערשפּראַך, איידער זיי האָבן איבערגענומען די יידישע שפּראַך?

די רײַן־היסטאָרישע מאַטעריאַלן גענוגן נישט אויף צו געבן אַ קלאָרע תשובה. א. א. הרכבי, וואָס איז געווען נישט בלויז אַ היסטאָריקער, נייערט אויך אַ פילאָלאָג, האָט זיך נישט געשייעט צו זאָגן יאָ, הגם באַווייזן האָט ער געקענט ברענגען נאָר בתכלית הצימצום, און געשעפּט האָט ער זיי נישט פון דעם קוואַל, צו וועלכן מיר וועלן זיך אַצונד ווענדן. דובנאָוו, וואָס איז בלויז היסטאָריקער און האָט נישט קיין פּרעטענזיעס אויף פילאָלאָגישע מעטאָדן, האָט הרכבים טעזע אָפּגעפרעגט, אמת בלויז פאַרן זיבעצעטן יאָרהונדערט און בלויז פאַר רייסן.

איך מיין, מ'דאַרף זוכן דעם ענטפער דערעיקרשט אין דער דיאַלעקטאָלאָגיע, אין די יידישע מונדאַרטן, וואָס ווערן גערעדט אין רייסן און אוקראַינע.

אין אַן אַרבעט פון יאָר 1928 (רעצענזיע אויפן ערשטן באַנד פון דער מינכקער צײַטשריפט) האָב איך שוין אָנגעוויזן, אַז איין באַשטימטער פענאָמען פון געוויסע ליטוויש־יידישע, רייסיש־יידישע און אוקראַיניש־יידישע מונדאַרטן (דאָס נישט אַרויסרעדן דעם היסטאָרישן אָפּקלאַנג-h און ראָם כאַאָטישע און עפּעמערישע נוצן h דאָרט, וואו ער האָט נישט קיין היסטאָרישע רעכטפאַרטיקונג) דאַרף מען פרוּוון פאַרענטפערן מיט דער סלאַווישער טעאָריע, און די לעצטע האָב איך פאָרמולירט אין דעם זין, אַז „צו דער צײַט, ווען יידיש־רעדנדיקע יידן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין רייסן און אוקראַינע, האָבן זיי דאָרט געמוזט אָנטרעפן אויף סלאַוויש־רעדנדיקע יידן; די לעצטע האָבן זיך אַסימילירט מיט די קולטורעל העכער שטייענדיקע אײַנוואַנדערער, איבערגענומען די יידישע שפּראַך און אַרײַנגעבראַכט אין איר פאַרשיידענע מאָמענטן (פאָנעטישע, סינטאַקסישע און לעקסיקאַלישע) אויסן סלאַווישן“ (זע „ליטעראַרישע בלעטער“ נומ׳ 28 פון 13טן יולי 1928).

אויך דאָס אָפּשטאַרבן פון לאַנגע וואָקאַלן אין מזרח־יידישן פון ליטע, רייכן, אוקראַינע, בעסאַראַביע און אַלטרומעניע (אין בוקאָווינע זיינען זיי פאַראַן) בין איך נוטה צו דערקלערן מיט דער סלאַווישער טעאָריע. אויך געוויסע סינטאַקסישע קאָנסטרוקציעס אין יענע מונדאַרטן און די גרויסע צאָל אוקראַינישע און רייסישע ווערטער אין זייער לעקסיקאָן. —

VIII. אַ שפּראַך, וואָס אירע ווערטער און איינגעשטעלטע ווענדונ־
גען און רעדנסאַרטן האָבן זיך אָנגעהויפּנט אין משך פון יאָרהונדערטער,
איז בכלל, בדרך משל געזאָגט, געגליכן צו אַ שיכט ערד, וואָס באַהאַלט אין
די נידעריקע רעשטלעך און סימנים פון פאַרגאַנגענע געאָלאָגישע עפּאָכן
און פון זייערע געוואַקסן און חיות, אָדער, ווידער, מאַטעריעלע איבערבלײ־
בענישן פון אָפּגעקלונגענע מענטשלעכע קולטורן.

אַ שפּראַך איז אין דעם זין אַן אמתער מוזיי פון אַנטיקן, וואָס האָבן
אַ שייכות צום אַמאָליקן סאָציאַלן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.
מ'דאַרף נאָר קענען באַמערקן און דעשיפרירן די רמזים, וואָס שטעקן אין
זיי, — פּראָלן זיך אויף פענסטערלעך אין ווייטן עבר אַריין און גאַנצע פּאַ־
נאָראַמעס.

ווען אַ קינד אין קרעמעניץ אָדער בערדיטשעוו טרעט
נישט אָפּ פון דער מוטער און מאַנט אַלץ עפּעס, וואָס זי וויל נישט אָדער
קען דעם קינד נישט געבן, גייט זי אַרויס פון די כּלים און גיט אויף דעם
אַ געשריי: „העראויף פון מיר צו רייסן פּאַפּעס!" אין איר
מויל איז עס בלויז אַ געוויינטלעכער, אין דער אָרטיקער פאָלקסשפּראַך
וויפיל מאָל אַ טאָג איבערגעחזרטער בילדלעכער אויסדרוק. נאָר וואַקסן
וואַקסט עס נאָך פון יענע צייטן, ווען ביי איינעם, וואָס איז געווען פאַר־
משפּט צום טויט, פלעגט מען לעבעדיקערהייט אויסשניידן רימעטן הויט,
אָפּטמאָל מיטן פּלייש אינאייניגעם (גאַנטע איז אומגעקומען מיט אַזאַ
מיתה־משונה).

אַן אַנדער מין עינויים־קשים איז נאָך אין 17טן יאָרהונדערט געווען
האָס אָפּשינדן די הויט אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס איז פאַרמשפּט
געוואָרן צום טויט. דערפון דער רעדנסאַרטלעכער אויסדרוק אין די היינ־
טיקע יידישע מונדאַרטן: שינדן פון עמעצן די הויט (ד"ה
1. באַרייסן אים, נעמען צו פיל געלט פאַר אַ שירות, פאַר אַרבעט, פאַר
סחורה, אָדער צו פיל פּראָצענט פון אַ הלוואה; 2. שמאַרק איינעסן זיך
עמעצן, פּייניקן אים מיט רייד, מיט מאָנענישן, דערמאָנענישן, אונטער־
יאָגעכצן וכו').

„נעמען עמעצן אויף דער רייף" באַטייט אין ווארשע:
ענערגיש זיך צו אים צו נעמען, שטרענג מאָנען ביי אים חשבון, נעמען אים
אויף אַ שאַרפן פאַרהער וכו'. — אויך אַן אָפּקלאַנג פון יענע אַכזריותדיקע
צייטן, ווען אַ פאַרהערטן (מאָמער־פאַרברעכער אָדער אַפילו עדות) פלעגט
מען אָנטאָן מוראדיקע יסורים דורך צובינדן צו אַ ספּעציעלן אינקוויזי־
טאָרישן אַפּאַראַט אין פאָרם פון אַ מין רייף, כּדי אַזויערגאָך ביי אים צו
ציען לשון... —

IX. וואָסער **פּראַקטיש** ווערט האָט די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע פֿאַר אונדזער היינטיקן יידיש, פֿאַר דעם יידיש, וואָס מיר ריידן און שרייבן, פֿאַרן לשון פֿון אונדזער גייעם קולטור-לעבן?

פֿאַרענטפֿערנדיק די ראַזיקע שאלה, וועל איך קודם-כּל אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף דעם אַלגעמיין באַקאַנטן פֿאַקט, אַז ווען אין אַ ליטעראַרישער שפּראַך שמעלט זיך איין אַ באַשטימטער סטיל און זי פֿאַרשליסט זיך אין אַז אָפּגעעיגולטן סכום ווערטער, אויסדרוקן און ווענדונגען, ווערט זי ביסלעכווייז פֿאַרגליווערט, פֿאַרבלאַסט, שאַבלאָניש און מויט. אויפֿפֿרישונג, פֿאַרייִנגערונג קומען אין אַזאַ פֿאַל תּמיד פֿון די לעבעדיקע מונדאַרטן, וואָס ליווערן פֿאַר דער פֿאַרוועלקטער און אָפּגעשאָסענער אײַנטעליגענטער שפּראַך ניי רויט בלוט און זאַפֿטיקע פֿאַרבן.

יאַקאָב וואַסערמאַנס שטאַרק-פּאָפּולערער, מער ווי אין אַכציק טויזנט עקזעמפּלאַרן אויסגעבראַכטער ראָמאַן Das Ginsem nnchen קומט מיר פֿאַר גאַנץ וואָך, נאָר לייענענדיק אים, האָב איך מיך נישט געקענט גענוג אָנוווּנדערן אויף דער שפּע פֿאָלקסטימלעכע רעדנסאַרטן, ווענדונגען, מעטאַפֿאָרעס און ווערטער, וואָס זיינען די עלעמענטן פֿון זיין שפּראַך און גיבן איר צו פֿאָעטישקייט און ווילשמעקעדיקייט. דער חן פֿון **פֿויכטוואַנגערס** Jud Süss באַשטייט, לויט מיין מיינונג, אין אַ שפּאָרער מאָס אין דער אומגעוויינטלעכער שפּראַך, וואָס איז דורכגעוועבט און דורכגעפֿלאָכטן מיט קינסטלעריש פֿאַרנוצטע אַרכאַיזמען און דיאַלעקט-ווערטער. ביידע מחברים אַרבעטן קענטיק זייער אַ סך איבער דער שפּראַך, לערנען זיך מסתּמא כּל ימיהם אין דעם פֿרט און פֿוילן זיך געוויס אויך נישט צו נישטערן אין כּלערליי דייטשע ווערטערביכער און פֿאָלקלאָר-זאַמלונגען.

ווער עס האָט זיך אינטערעסירט מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער רוסישער ליטעראַטור אין משך פֿון די לעצטע 40 יאָר, פֿאַר דעם איז נישט קיין סוד, וואָסער רעוואָלוציע ממש די שפּראַך אירע האָט אין דעם פּעריאָד דורכגעמאַכט, עפּענענדיק טירן און טויערן פֿאַר די מעכטיקע שטראָמען פֿון דער מונדאַרט.

ביי אונדז שרעקן זיך בעלעטריסטן איינצוועבן אַ וואָרט, וואָס איז זיי נישט באַקאַנט אויס די קלאַסיקער אָדער (נאָך מער) אויס דעם צייטונגס-לשון. דערוועגט זיך איינער האָב צו טאָן, עקסיסטירט דאָס שרייבפֿענדל פֿון רעדאַקטאָר אויסצומעקן איטלעכס זאַפֿטיק וואָרט, ווי אַן אַפּיקורסות עפּעס. אַ יונגער יידישער שריפֿטשטעלער אויס גרויספּוילן האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פֿאַר מיר, וואָסערע צרות ער האָט געהאַט אויסצושמיין פֿון דעם ליטוואַק אָדער אוקראַינער, וואָס האָט אין נאָמען פֿון פֿאַרלאַג „רעדאַגירט” זיין בוך: ער האָט אומברחמנותדיק אַרויסגעטריבן אַלע פּויליש-יידישע ווערטער, די פֿיינסטע און די שענסטע. ס'איז אומגע-

לעד געווען בײַ אים אָפּצובעטן אַפֿילו אַזאַ פּרעכטיק וואָרט, ווי ג ע ה י י ז
(— אימפּאָנירנדיק גרויס הויז). ער האָט האָס פאַרביטן, דאַכט זיך, אויף
„אַ ג ר ו י ס ה ו י ז". עס קומט אויפֿן זכּרון דער אַנעקדאָט וועגן אַ פּראָ=
צעס אין אַ קרוין=געריכט איבער אַ סיכסוך אין קלויז בעתן ראָש=השנה=
דיקן דאַווענען. מ'האָט דעם שופט באַין=אופֿן גישט געקענט פאַרטייטשן,
וואָס אַזוינס אַ ש ו פ ר איז. דעם פאַרהערטן איז שוין נמאס געוואָרן צו
דערקלערן, פּטרט ער אים ענדלעך אָפּ מיטן זאָג: „שופר איז אַ טרומיי=
טער". דער ריכטער איז באַפרידיקט און פאַרהערט ווייטער: „הייסט עס,
האָט איר אים אַ זעץ געטאָן מיטן טרומייטער?" רופט זיך אָן דער ייד מיט
הוזק: „ריכטער=לעבן, איז דען אַ שופר אַ טרומייטער?!"... און באמת,
איז דען אין שפּראַך=געפיל פון פאָלק „אַ ג ר ו י ס ה ו י ז" פולשטענדיק
גלייכווערטיק מיט „אַ ג ע ה י י ז"?

לייענענדיק די נייסטע יידישע בעלעטריסטיק, ווערסטו טאַקע גע=
פּלעפט פון דעם אָ ר ע מ ק י י ט און אַ נ ע מ י ש ק י י ט, וואָס איר לעק=
סיקאָן ווייזט אַרויס. נאָך ערגער איז מיט דער זשורנאַליסטיק. ס'האָט
אַ דיימישער דיאַלעקטאָלאָג אויסגעהשבונט, אַז די מונדאַרט פון אַן איזאָ=
לירטן האַרפישן העק אָפּערירט העכסטנס מיט אַ 10 טויזנט ווערטער, די
צונויפזעצונגען אַריינגערעכנט. מיר הלומט זיך עפּעס, אַז ווען מ'זאָל
אויפציילן די ווערטער, מיט וועלכע ס'קומט אויס אַ יידישער צייטונגס=
שרייבער, וואָלט אויסגעפאַלן אַ ממשותדיק קלענערע צאָל...

זינט דאָס יידישע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן,
און כ'איז אַנטשטאַנען בײַ אונדז אַ ניי, לויט אייראָפּעישע מוסטערן גע=
פורעמט געזעלשאַפטלעך, פּאָליטיש און קולטורעל לעבן, פעלן אונדז
בכלל אויס, הן אין ריידן, הן אין שרייבן, ווערטער פאַר באַשטימטע באַ=
גריפן און זאַכן. עס=הארצים גיבן זיך אַן עצה: נוצן אָן אַ מאָס פרעמד=
ווערטער. מיט אַזאַ פאַרמיכטיקונג און זשאַרגאָניזירונג פון דער יידישער
שפּראַך זיינען באַזונדערס זינדיק די צייטונגסלייט מיט זייערע „בעהויפּ=
טונגען" און „פאַרלויכהונגען", „זעזנאַניעס" און „אַדוואָלאַניעס".

אַזאַ מין מאָזלען און פאַקן האָט, אין ענלעכע באַדינגונגען, געמוזט
די שפּראַך דורכגיין כמעט בײַ אַלע אייראָפּעישע פעלקער. דער ריכטיקער
אויסוועג פון דער פאַרווילדונג איז אומעטום געווען: אויספאָרשונג פון
די אַלטע און נייע מונדאַרטן, כּדי א ו י פ צ ו נ ע מ ע ן ב י י ז י י ד י ב ר ו י כ=
די אַלטע און נייע מונדאַרטן, כּדי (א) א ו י פ צ ו נ ע מ ע ן ב י י ז י י ד י
ב ר ו י כ ט י ק ע ו ו ע ר ט ע ר, און (ב) ג ע ה ע ר י ק ב אַ ה ע ר ש ן ד י
פ ס י כ אָ ל אָ ג י ע א ו ן ט ע כ נ י ק פ ו ן פ ע ר מ אַ נ ע נ ט ע ר ו ו אָ ר ט=
ש אַ פ ו נ ג.

(א) אַן איצר מיט ווערטער, וואָס ווערן איצט שוין נישט גענוצט, פאַר=
מאָגט די אַלטע יידישע שריפטשפּראַך. נישט אַלץ, פאַרשטייט זיך, דאַרף
מען צוריק מאַכן אויפלעבן. אויך אין דעם פּרט איז נייטיק אַ פאַרזיכ=

טיקער, קריטישער אויסקלייב. „פיקטאָריע" (= נצחון) אָדער „יוס=
טיציי (= יוסטיץ), צב"ש, קען מען גאַנץ רויק לאָזן אין אַרכיוו. אָבער
דאָס אַלטיידישע אומשטאַנדוואָרט „עגדער" (פּאַראייניקט אין זיך די
ניואַנסן הן פון „גיכער", הן פון „בעסער", הן פון „פריער", זייטנדיק
אָבער אַ וואָרט פאַר זיך), וויסנדיק זיין עטימאָלאָגיע (אַ וואָרט פון „לשון=
אשכנז", פון „יידיש=טייטש", ד"ה פון יידישער אָפּשטאַמונג) און קאַנ=
סטאַטירנדיק דערצו, אַז עס לעבט נאָך און איז העכסט פּאָפּולער אין
היינטיקן מיטליידיש, מעג מען דרייסט אַריינגעמען אין דאָס קולטורעלע
יידיש. — ruchomy און nieruchomy, движимый און недвижимый
ווענן פאַרמעגן געברויכט, האָבן מיר, טראַכטנדיק=נישט=טראַכטנדיק, פאַר=
יידישט אַלס באַוועגלעך און אומבאַוועגלעך. בליין, אַקעגן,
ווייסט פון רירייקן און אומריריקן פאַרמעגן. טראַכט זיך אַריין
אין דעם אונטערשייד: באַוועגלעך איז אַן עטימאָלאָגישער און סע=
מאַנטישער קרוב פונעם רעפלעקסיוון צייטוואָרט באַוועגן זיך און
באַטייט: „וואָס קען (וויל, האָט השק) זיך באַוועגן, וואָס פאַרמאָגט די פע=
יקייט (די טבע, דעם חשק) זיך צו באַוועגן" (אַנאַלאָגיש, ווי רירעווו=
דיק = „וואָס רירט זיך [אַליין] גרינג אָדער גערן, וואָס האָט די איינג=
שאַפט גרינג אָדער גערן [אַליין] זיך צו רירן"). רירייק, אַקעגן, איז דער
קרוב פון טראַנזיטיוון רירן; מיט פּאַסיווער טייטש: „וואָס לאָזט זיך
רירן פון אָרט, וואָס האָט די איינגשאַפט זיך צו לאָזן רירן פון אָרט".

דעם צווייטן ווערטער=מטמון פאַרמאָגן מיר אין די לעבעדיקע יידישע
מונדאַרטן. קרעמעניין (וואָלין) זאָגט: ספּרינזשינע, שפּראַנטש=
קע; וואַרשע: שפּרינגפעדער, שנאָל. — ווען ס'קומט אויס דעם
צייטונגס=מענטש איבערצוזעצן אַזעלכע טערמינען, ווי zapis, wypis,
odpis- (запись, выпись, копія) האַקט ער זאַפּיס, וויפּיס,
אָדפּיס. די פּאָלקסמאַסע אין געוועזענעם קאָנגרעספּוילן ווייסט אָבער צו
זאָגן: איינגעשריפטס, אויסגעשריפטס, אָפּגעשריפטס —
דאָס פּעריאָדישע צונעמען רעקרוטן אין מיליטער אַריין הייסט אין מזרח=
יידישן „דער פּריזיוו" (פון רוסישן призыв), און דאָס וואָרט איז
דאָרט אַזוי איינגעבירגערט, אַז צוויי קלאַסיקער אונדזערע (מענדעלע=
מוכר=ספרים און שלום=עליכם) האָבן עס אויסגעקליבן אַלס נאָמען פאַר
ווערק (דאָך נישט קיין ראיה, אַז מ'מעג דערפון נישט פּטור ווערן). אין
פּוילן פלעגט מען נאָך פאַר דער וועלט=מלחמה נוצן „דער פּאָבור" (פון
פּויליש pobór), אין פון 1919 אָן איז דאָס ווילדגראַזיקע וואָרט אַ תּושב
אויף די עמודים פון דער יידישער פּרעסע אין ווייסל=לאַנד. אָבער טאַקע
אין יאָר 1919 דערציילט מיר אַ יידענע אויס זאַלאָשין (אַ שטעטל אין
קעלצער קאַנט), אַז איר זון איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד אַ פּאָר חדשים
פאַרן נעמונג. סך=הכּל אַ וואָך צוריק קומט צו מיר אַן אַנדער יידענע

אויס דעם אייגענעם שטעטל מיט אַזאַ דאגה: צוויי זין זיינען איר געשטאָרבן מיט אַ יאָר 18 צוריק, און מ'האָט זיי עד־היום נישט אויסגעמעקט פון די באַפעלקערונגס־ביכער. אויף מיין פרעג, וואָס אַרט עס זי, אייגנטלעך, ענטפערט זי: „און טאָמער זוכט מען זיי אַמאָל צו אַ נעמונג". הכלל, אַן איינגעוואָרצלט וואָרט אין יענעם כּרך. אין אַנדערע שטעטלעך זאָגט מען „דאָס נעמעכץ". דאָס פאָלק גיט זיך, זעען מיר, אַן עצה אויף אַ נאַטירלעכן אופן. איינע פון די צוויי פאָרמען וואָלט אַ יושר געווען צו אַדאָפּטירן פאַרן ליטעראַרישן יידיש.

נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט די יידישע מונדאַרטן ווייזט, אַז נישטאָ כּמעט קיין איינע, וואָס זאָל נישט זיין אַ גבירנטע אין ווערטער, וואָס זיינען אין אַנדערע נישט בנמצא. צונויפנעמען זיי איז די אויפגאַבע פון דער דיאַלעקטאָלאָגישער לעקסיקאָגראַפיע. איך שאַץ דאָס לעקסיקאַלישע עשירות פון אַלע יידישע מונדאַרטן אינאיינעם אַריין אויף זייער אַ גרויסער צאָל (ביי מיר איז רעכט, אַז ס'זאָלן זיך לאָזן אויפקלויבן אַ צוויי מאָל הונדערט טויזנט וואָקאַבלען). אַ כּך טויזנטער אַזעלכע, וואָס וועלן שטאַרק (אָבער טאַקע וואָס שטאַרק הייסט!) צו נוץ קומען דעם מאָדערנעם ליטעראַרישן יידיש.

(ב) קיין שום לשון איז נישט באַגרענעצט, נישט אין ריידן, נישט אין שרייבן, מיט אַן אָפּגעשלאָסענעם ווערטערבוך. דער פּראָצעס פון וואָרט־בילדונג הערט אויף אַ רגע נישט אויף. אַ טייל אין דרוקווערק געגעבענע נייע פאָרמען נעמען זיך אָן, אַנדערע ווערן פאַרגעסן. אייניקע, אין ריידן בליציק געשאַפענע נייע בילדונגען גייען אַוועק אין פאַרקער ווי גוט־געמינצטע מטבעות, אַנדערע שטאַרבן אָפּ אויף די ליפּן באַלד ביים אַרויסגערעדט ווערן.

יעדער שריפטשטעלער אין שרייבן, יעדער פאָלקסמענטש אין ריידן איז דער טאַטע פון נייע ווערטער. אָבער שאַפן צו שאַפן איז נישט גלייך! אין די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה, בעת ס'איז אַזוי גרויס געווען די עמיגראַציע פון פּוילן, פלעגט פון די טאָגבלעטער נישט אַראָפּ דאָס פרעמדוואָרט „אַ פ י ד י י ו ו י ט ס". פּוריסטן האָבן עס געפרוווט פאַריידישן אויף „אַ ר ו י ס פ אָ ד ע ר ו נ ג ס פ אַ פּ י ר ן (8 טראָפן!). קומט אַ פּראָס־קוראָווער זקנה אין אַן אַלטפרענקישן טשיפּיק און דערציילט מיר, אַז „די פ אָ ד ע ר פ אַ פּ י ר ן (5 טראָפן!) האָט זי שוין, ס'פעלט איר בלויז די וויזע. אין אַ צייט אַרום הער איך דאָס זעלביקע פאַרקיילעכדיקטע אין אַרומגעשליפענע נייוואָרט פון אַ יידענע אויס וואַרשעווער געגנט. פאַרשטייט זיך, אַז די צוויי יידענעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר בעסערע וואָרט־בילדערינס, ווי די וואַרשעווער כראָניק־שרייבערס. און אָט ביי וועמען מ'דאַרף זיך לערנען, ווי צו פאַריידישן יענע פרעמדווערטער, וואָס לאָזן זיך פאַריידישן! —

X. דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער אויסלייגונג וועט נאָך לאַנג שטיין אויפן סדר־היום פון אונדזער נייִ קולטורעל לעבן.

אויב די אויפגאַבע פון טראַנסקריפּציע איז איבערצוגעבן די קלאַנגען פון איינצלנע מונדאַרטן אין גראַפישע צייכנס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ סיסטעם עקסקלוזיווע סימבאָלן, וואָס בנוגע זיי איז אָפּגעמאַכט, אַז יעדער איינציקער זאָל אָבליגאַטאָריש זיין פאַרבונדן בלויז מיט איין באַשטימטן קלאַנג, איז די מער קאָמפּליצירטע אויפגאַבע פון אָרטאָ־גראַפּיע אַגצופאַסן אַלע מונדאַרטן פון דער געגעבענער שפּראַך אין אַן אוניווערסאַלער שריפט־אוניפאָרם, און אויסלייגונג איז דעריבער אַ סיס־טעם אָפּגערעדטע בריים־אינטערפּרעטירעוודיקע סימבאָלן, וואָס יעדער איינציקער פון זיי איז אָבליגאַטאָריש פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער משפּחה קלאַנגען אויס די פאַרשיידנסטע מונדאַרטן, ד"ה מיט דעם און דעם קלאַנג פון איין מונדאַרט און מיט זיינע געגנטיישע עקוויוואַלענטן אין אַלע אַנדערע מונדאַרטן פון דער אייגענער שפּראַך (אַזוי, צב"ש, ווען ס'איז אָנגענומען אויף יידיש אויסצולייגן מויער, גיט דער גראַפישער דיפטאָנג וי דאָ איבער אַלע יידישע מונדאַרטלעכע עקוויוואַלענטן פון מיטלהויכ־דייטשן û, וואָרן אין דער אמתן ווערט דאָס געבראַכטע וואָרט נאָר אין אַ טייל יידישע מונדאַרטן אַרויסגערעדט מיט oj אין אַנדערע, אַקעגן, מיט ou, oo, oə, uj, u, ow אאַז"וו).

די פּאַנעטישע טראַנסקריפּציע האָט זיך אַנטוויקלט בהדרגה און איז געוואָרן אַלץ מער שלמותדיק, אינאייגעם דערמיט, ווי ס'איז געוואַקסן דאָס קענטעניש פון די לעבעדיקע קלאַנגען און אַלע זייערע פאַרבן און אַנדערע ניואַנסן אין די לעבעדיקע מונדאַרטן. — אויך אַן אָרטאָגראַפיע קען נאָר דעמאָלט באַרעגנטפערן אַליין, וואָס עס ווערט פון איר פאַרלאַנגט, ווען זי איז געבויט אויף גרינטלעכער באַקאַנטשאַפט מיט אַלע מונדאַרטן פון דער גע־געבענער שפּראַך.

דער וועג צו אַן ענדגילטיק פיקסירטער יידישער אויסלייגונג (און צו אַ יידישן אָרטאָגראַפישן ווערטערבוך) ליגט אַזוי־אַרום דורך דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע.

XI. דורך דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע ליגט אויך דער וועג צו אַן אָבליגאַטאָרישער יידישער מוסטער־אויסשפּראַך.

די אַנטוויקלונג פון פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַל־עקאָ־נאָמישן לעבן ביי אַן אומה; דאָס אויפקומען פון פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע, ווירטשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין מלוכה־פאַרנעם מיט צענטראַלע אָרגאַנען און אינסטיטוציעס; דאָס אויסוואַקסן פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס נעמט אַרום אַלע טיילן פון פאָלק; די אוני־פאָרמירונג פון דער דערציִונג אאַז"וו רופן אַרויס דאָס באַדערפעניש אין

אַן אָפּגערעדטן פאַרשטענדיקונגס=מיטל, וואָס זאָל שטיין איבער די איינצעלנע מונדאַרטן פון דער שפּראַך.

זאָל זיך יעדער ייד אין פּריוואַטן לעבן ריידן זיין מאַמע=מונדאַרט (ווי דער דייטש, פראַנצויז אָדער ענגלענדער טוט דאָס). אין עפנטלעכן לעבן, אין דער שול, אויף דער יידישער טריבונע (אין דער קהילה, אויף קאָנגרעסן, צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן וכו') און אויף דער אַלגעמיינער, ווען דאָס געברויכן פון דער יידישער שפּראַך וועט דאַרפן, ענדלעך, דערלאָזט ווערן (אין שטאָטראָט, האַנדלס=קאַמער, האַנטווערקער=קאַמער אאַז"וו), מוז גענוצט ווערן איין אַלגעמיין=אָנערקענטע אויסשפּראַך, ווי דאָס איז דער פאַל ביי אַלע קולטורעלע פעלקער.

די דייטשע מוסטער=אויסשפּראַך האָט זיך שפּאָנטאַן אַנטוויקלט אויף די ברעטער פון וואַנדער=טעאַטער. דערנאָך זיינען געקומען פאַכלייט (פילאָלאָגן, שריפטשטעלער, קינסטלער, בינע=לייט און דאָס גלייכן), האָבן זי וויסנשאַפטלעך אויסגעפאָרשט און באַאַרבעט, אויסגערייניקט און רעגולירט, איינגערעמט אין כללים. אויטאָריטעטע אינסטאַנצן האָבן זיבן מאָל נאָכגעזען און דורכגעקוקט, געלייטערט און דורכגעזיפּט, און לסוף אונטערגעטראָגן דער עפנטלעכקייט אַ פאַרענדיקט סיסטעם (מיט אַן אויסשפּראַך=ווערטערבוך).

אויך ביי אונדז איז דער קערן פון אַן אַלגעמיינער מוסטער=אויסשפּראַך שוין פאַראַן, און—אַן אינטערעסאַנטע היסטאָרישע אַנאַלאָגיע — דאָס וואַנדערנדיקע יידישע טעאַטער איז זיין מאַמע. אָבער דער רויער עמפּירישער מאַטעריאַל מוז נאָך דורכגיין הויכע אַנאַליז, קאָנטראָל, באַאַרבעטונג, אויסבעסערונג, פּרעציזירונג און פאַרפיינערונג. און אויף גוט צו מאַכן די דאָזיקע, זייער אַקטועלע (ברענענדיקע, קען מען זאָגן) אַרבעט, מוז מען ווי ס'דאַרף צו זיין קענען די לעבעדיקע יידישע מונדאַרטן, וואָס זייער פּראָדוקט איז דאָך די שוין עקסיסטירנדיקע יידישע בינע=שפּראַך. יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע מוז דעריבער געטריבן ווערן מיט אַ צוגעאייַלטן אימפּעט.

יעקב לעשטשינסקי: די עקאָנאָמישע עוואָלוציע פון די דייטשע יידן אין 19טן יאָרהונדערט.

די חכמת ישראל אין די פרעמדע שפּראַכן איז געווים געווען אַ גרויסער אויפטו, אָבער זי האָט קיין שום אויסקוק ניט געהאַט אויף אַ צוקונפט פון יידישן פאָלק. ערשט אין דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון דעם נייעם דור, וואָס קומט פון מזרח־אייראָפּע, פון צווישן די געדיכטע יידישע מאַסן, קריגן די אוצרות וויסן, וואָס די חכמת ישראל האָט צונויפגעקליבן, זייער תּיקון, וואָרים זיי ווערן איבערגעענטפערט צו אַ פאָלק מיט אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און מיט אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט.

די חכמת ישראל האָט צונויפגענומען די ירושה פון אַמאָל; זי האָט מיט דער ירושה זיך געגרייסט און דעם עבר געסטאַרעט זיך פאַרצושטעלן אין שיין און גלאַנץ — אָבער דער אויספיר פאַרן עתיד איז געווען אַ מיתה בנשיקה, אַ פאַרשוואונדן ווערן און אונטערגיין אין אַ געהויבענער מענטשהייט. דערפאַר האָט מאַקע די חכמת ישראל געזוכט דער עיקר דעם רוח, די פּראָדוקטן פון גייסט: אמונה, ליטעראַטור, תּפילות, סליחות, שירים. זי האָט אויך ניט געקאָנט פאַרבייגיין די רדיפות אויף יידן מצד די אַרומיקע — אָבער אַלץ נאָר מיטן צוועק צו באַלייכטן און דערקלערן די תּפלות און קלאָג־לידער און אַרויסצוהייבן דעם מענטשלעכן חן פון די באַשאַפערס פון דער דאָזיקער ליטעראַטור.

אָבער צום ווייניקסטן האָט מען זיך אינטערעסירט מיטן יידישן עקאָנאָמישן לעבן, און אָט דער טייל פון דער יידישער געשיכטע איז מאַקע ביז איצט געבליבן שוואַך באַלויכטן. אויב בנוגע צום אַלטערטום און מיטלעלטער האָט מען יאָ נאָך עפּעס געפאָרשט און געזוכט אַרויסצוגעפינען געשעענישן און צוזאַמענהאַנגען אין דער יידישער עקאָנאָמיק, האָט מען אין גאַנצן פאַרזען די געשיכטע פון דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט, באַזונדערס בנוגע די יידן אין מערב־אייראָפּע. דאָס לאָזט זיך, נאַטירלעך, דערקלערן הערמיט, וואָס דאַרטן זיינען יידן צום העכסטן גראַד אַריינגעוואַקסן אין דעם סאָציאַלן לעבן פון אַרומיקן פאָלק. אָבער גראַד אָט דער פּראָצעס, ווי אַזוי די מערב־אייראָפּעישע יידן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון סאָציאַלן געטאָ, האָט אַ גרויסן וויסנשאַפטלעכן אינטערעס.

אין דעם פרט דאַרף מען אָננעמען פאַר טיפּיש ניט די פראַנצויזישע און ענגלישע יידן, נאָר די דייטשע יידן: דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ קיבוץ גאַנץ באַדייטיק אין צאָל, וואָס איז שטענדיק געוואַקסן דורכן

צופלוס פון די פויליש־פויזענער יידן, און ניט ווינציקער באַדייטיק אין פּרט פון ווירקונג אויפן אַרומיקן עקאָנאָמישן לעבן.

צווזאי קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן אַ זעלבשטענדיקן יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם אין ערגעץ ניט, און אפשיטאַ ניט אין מערב־אייראָפּע. אָבער בפּרט זיינען די דייטשע יידן אַ נענוג קענטיקע און באַדייטיקע גרופּע און אַ גענוג אייגנאַרטיקע גרופּע, אַז מען קאָן גאַנץ גוט באַטראַכטן זייער אַנטוויקלונג ווי די אַנטוויקלונג פון אַ באַזונדער טייל פון אַרומיקן סאָציאַלן און כלוכישן אָרגאַניזם. און דאָ שטעלט זיך די ערשטע פראַגע, צי איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דייטש־יידישן קיבוץ געגאַנגען און אַ פּאַראַלעלער ריכטונג צו דער אַנטוויקלונג פונם מזרח־אייראָפּעישן יידישן קיבוץ.

אין אַן אַרבעט אין די עקאָנאָמישע „שריפטן פון ייוואָ" האָבן מיר געוויזן, אַז פּראָפעסיאָנעלע עקספּאַנסיע און סאָציאַלע דיפערענצירונג, סאָציאַלע צעגלידערונג, — דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע בכלל און פון יידישן פאָלק בפרט. ביי דעם יידישן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע איז די פּראָפעסיאָנעלע עקספּאַנסיע געגאַנגען אינטענסיווער ווי די סאָציאַלע צעגלידערונג, ביי די דייטשע יידן, פאַרקערט, איז די סאָציאַלע דיפערענצירונג געווען שטאַרקער. ביי די מזרח־אייראָפּעישע יידן איז צוגעקומען ניט נאָר אַ גרעסערער אינדוסטריעלער קלאַס און אַ גאַנץ נייער אינטעליגענץ־קלאַס — פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, נייערט אויך אַן אַגראַר־קלאַס. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס איז די גרעסטע סתירה צו דער אַנטוויקלונג פון די אַרומיקע פעלקער און וואָס שטרייכט דעריבער באַזונדערס שטאַרק אונטער די אומנאָרמאַלקייט פון דער יידישער סאָציאַלער סטרוקטור אָנהייב 19טער יאָרהונדערט.

ביי די דייטשע יידן איז אויך צוגעקומען אַן אינדוסטריעלער קלאַס, אָבער עס איז ניט אויפגעקומען קיין אַגראַר־קלאַס, דערפאַר אָבער איז דער פּראָצענט אַרבעט־נעמער, לוין־נעמער, גרעסער, ווי ביי די מזרח־אייראָפּעישע יידן. פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין ברייטסטן זין פון וואָרט — דאָס הייסט אַלע, וואָס לעבן ניט פון הכנסה פון קאַפּיטאַל, נאָר פון לוין — פאַרשטייט זיך, מער אָנגעשטעלטע, איידער פאַרנומענע מיט פיזישער אַרבעט, באַטרעפן איצט ביי די דייטשע יידן גאַנצע 40 פּראָצענט פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע, בעת ביי די פּוילישע יידן זיינען אַזעלכע נאָר 27—28 פּראָצענט. גאָר רייכע און גאָר אָרעמע זיינען געווען סיי ביי מזרח־יידן סיי ביי מערב־יידן נאָך צוריק מיט 100 אָדער 150 יאָר, אָבער דער תהום צווישן רייך און אָרעם, און שפּעטער צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, איז אין מערב־אייראָפּע געווען — און איז נאָך איצט — מינער ווי אין מזרח־אייראָפּע. אין פּראָנקפורט ביים מאַין, למשל, זיינען געווען סוף

18טער י״ה 753 יידישע שטייער=צאָלערס, וואָס האָבן פאַרמאָגט העכער זעקס מיליאָן גולדן; 12 פון די דאָזיקע שטייער=צאָלערס האָבן פאַרמאָגט העכער אַ העלפט פון דער דאָזיקער סומע און 741 ווייניקער פון אַ העלפט. איין יידישער שטייער=צאָלער האָט פאַרמאָגט אַליין 10 פּראָצענט פון דער אָנגעוויזענער סומע.

דער וועג פון דער דייטש=יידישער גרויס=בורזשואַזיע איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלעך אין דער עקאָנאָמישער געשיכטע בכלל. די מלחמות פון 18טן יאָרהונדערט האָבן רייך געמאַכט די יידישע ליוועראַנטן און די יידישע באַנקירן אָדער הויף=פאַקטאָרן. באַזונדערס טיפּיש איז אין דעם פּרט די געשיכטע פון דער ווינער יידישער געמיינדע, וואָס איז אין אַ סך פּרטים אַנדערש, ווי די געשיכטע פון דער בערלינער קהילה. אין בערלין זיינען כאָטש געווען שוין אין מיטן 18טן יאָרהונדערט בײַ 4000 יידן — צווישן זיי עטלעכע גרויסע פאַבריקאַנטן; די זייד=אינדוסטריע איז אויף צוויי דריטל געווען אין יידישע הענט. די בערלינער געמיינדע איז שוין אין מענדעלסאָנס צייטן געווען שטאַרק אַסימילירט — דאָס האָט מען געקאָנט זען בחוש אויף דער מענדעלסאָן=אויסשטעלונג. אין ווין אָבער זיינען געווען אַ פּאָר הונדערט יידישע משפּחות, נאָר וואָס אָנגעקומענע, נאָך מיט פּאות, מיט פעסטע רעליגיעזע טראַדיציעס — און מיט אַ מאָל, ממש דער ערשטער דור, זיינען יידן די גרינדער פון בענק, גרינדער פון די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און פּידער אין פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן. נאָך רעכטלאָזע, אַפילו אָן ווין=רעכט אין ווין, פאַרנעמען זיי דעם אויבנאָן אין שטאָט; אַ סך שמדן זיך אַוועק. 1815, בשעתן ווינער שלום=קאָנגרעס, איז דער סאַלאָן פונם יידן אַרנשטיין דער צענטער און טרעף=פּונקט פאַר אַלע מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן.

און אַזוי גייט דאָס אַוועק אין גאַנצן דייטשן געביט. יידן האָבן כמעט דעם גאַנצן געלט=האַנדל אין זייערע הענט. פון 357 געלט=געשעפטן אין פּרייסן אין יאָר 1834 זיינען 150 יידישע, בעת יידן באַטרעפן סך=הכל 1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. יידן דרינגען אויך אַריין אין דער אינדוסטריע. כל=זמן אינדוסטריע איז געווען פאַרבונדן מיט ערד=אייגנטום, זיינען יידן כמעט ווי אויסגעשלאָסן פון אינדוסטריע. אָבער ווען עס קומט אויף די שמאַטישע אינדוסטריע, דער עיקר די טעקסטיל=אינדוסטריע, הייבן יידן אָן צו פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן אָרט. און וואָס מער דער באַנק=, דער פינאַנץ=קאַפּיטאַל באַקומט די מאַכט איבער דער אינדוסטריע, אַלץ גרעסער ווערט די באַטייליקונג פון יידן אין דער אינדוסטריע. די פאַראייניקונג פון דער דייטשער באַנק און פון דער דיסקאָנטאָ=געזעלשאַפט אין בערלין -- די צוויי גרעסטע בענק אין דייטשלאַנד, וואָס איז לעצטנס

פאַרנעקומען, איז אויך אַ שריט אויפן ראַזיקן וועג. די ראַזיקע צוויי בענק קאָנטראָלירן אַ פערטל פון דער דייטשער אינדוסטריע.

מיר קאָנען זיך ניט אָפּשטעלן אויף די עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד. אָבער אייניקע ציפערן וועלן אונדז ווייזן דעם רעזולטאַט.

די יידן האָבן געצאָלט שטייער אין 1905:

בערלין	30,77 %	פון אַלע שטייערן	
בויטען	26	„	„
פויזן	24	„	„
גלייוויץ	24	„	„
ברעסלוי	20	„	„
ווין	28	„	„
פראַנקפורט	21	„	„

צווישן 233 פּרייסישע מיליאָנערן (מער פון 10 מיליאָן יעדער) אין 1912 זיינען געווען 46 יידן — 20 פּראָצ'.

צווישן 12 מיט מער פון 50 מיליאָן יעדער (1912) זיינען געווען 3 יידן — 25 פּראָצ'.

צווישן 62 דירעקטאָרן פון 9 בענק אין בערלין אין יאָר 1925 זיינען געווען 23 יידן — 35 פּראָצענט.

צווישן 42 מיליאָנערן מיט מער פון 25 מיליאָן יעדערער אין 1925 זיינען געווען 13 יידן, כמעט אַ דריטל.

צווישן 12 מיליאָנערן מיט מער פון 100 מיליאָן יעדערער (1925) זיינען פאַראַן 4 יידן.

אין די דאָזיקע וועגן די יידישע מיליאָנערן גייען אַריין אויך משומדים פון ערשטן דור.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות אָנצונעמען דעם קאָלאָסאַלן אויפשטייג פון אַ קליינער גרופּקע דייטשע יידן פאַרן אויפשטייג פון גאַנצן דייטשן יידנטום.

אין דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע פון גאַנצן דייטש־יידישן קיבוץ לאָזן זיך דייטלעך אונטערשיידן דריי עפּאָכעס: 1) ביז 1871, 2) פון 1871 ביזן וועלט־קריג, 3) די נייסטע תקופה פון דער אינפלאַציע אָן.

אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט שטעלט דאָס דייטשע יידנטום פאָר אַן אָרעמע מאַסע קליינע הענדלערס; דער הויזירער, דער שאַכער־ייד איז דער טיפּישער פאָרשטייער פון דייטשן יידנטום. די דאָזיקע מאַסע יידן, וואָס ווערן אָן צו ביסלעכווייז דעם עקאָנאָמישן באָדן אונטער

די פּיס, ווערן אַרויסגעשטופּט פון דייטשלאַנד, זיי געפינען אַן אויסגאַנג אין דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. פון 1830 ביז 1871 זיינען פון דייטשלאַנד אויסגעוואַנדערט ביז 100,000 יידן. דאָ חזרן זיך איבער כמעט די זעלביקע בילדער, ווי ביי די רוסישע יידן סוף 19טער יאָרהונדערט.

צוגלייך איז אָבער צוגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון געזונט־ווערן, דער שאַכער־האַנדל איז צו ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען. אין יאָר 1816 האָבן 82 פּראָצ' דייטשע יידן זיך פאַרנומען מיטן האַנדל, אין 1907 — ס"ה 55 פּראָצ', אין אינדוסטריע און מלאכה זיינען 1816 פאַרנומען געווען 7—8 פּראָצ' (פּריוויטישע יידן אָן פּויזענער), 1842 — 10 פּראָצ', 1882 — 22 פּראָצ', 1907 — 25 פּראָצ'. עס קומען אָבער אויך צו פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וואָס זייער צאָל האָט אין איין וואַקסן. 1842 האָבן די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן באַטראָפן 8—10 פּראָצ' פון די דייטשע יידן, 1882 — שוין 20 פּראָצ' און 1907 — שוין גאַנצע 36 פּראָצענט, דער עיקר אָנגעשטעלטע.

דער דאָזיקער פּראָצעס גייט שוין פּאַראַלעל מיטן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן פּראָצעס, וואָס ברענגט צו דער פּראָלעטאַריזירונג פון מיטלקלאַס. אָט דער פּראָצעס האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט דורך דער אינפלאַציע־צייט אין דייטשלאַנד. צוזאַמען מיטן גאַנצן דייטשן מיטלשטאַנד איז בדלות געשטעלט געוואָרן דער יידישער מיטלשטאַנד. פאַר אָט די אַלע אַרויסגעשטופּטע פון זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס שטייט די פראַגע וועגן איבערבויען זייער לעבן, וועגן אַריינפּאַסן זיך אין די נייע פאַרהעלטענישן. אַזוי שטייען מיר פאַר דעם איינזען, אַז דער גורל פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן, וואָס מוזן איצט איבערבויען זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, שטייט אויך אין אַ געוויסער מאָס פאַר די מערב־אייראָפּעישע יידן. עס איז ניט קיין מיליאָנען־מאַסע, וואָס מוז אַריינגיין אין אַ גייער סאָציאַלער וועלט. אָבער עס איז אויך אַ גאַנץ באַדייטיקע און ווערטיקע מענטשן־גרופּע, וואָס פאַר איר שטייען די פּראָבלעמען פון אַ שווערן סאָציאַלן איבערפורעמונגס־פּראָצעס.

ד״ר יצחק שיפער: פראָבלעמען פון דער יידישער אווטאָנאָמיע אין אַלטן פוילן.

די שוועריקייטן פון אויספאָרשן די דאָזיקע פראָבלעמען נעכען זיך דער עיקר דערפון, וואָס להיפוך צום ליטווישן ועד, וואָס די תקנות זיינע זיינען אויפגעהיט געוואָרן (לעצטנס אַרויסגעגעבן פון ש. דובנאָוו), איז דער פנקס פון ועד ארבע הארצות פאַרלאָרן געגאַנגען, און מ׳דאַרף זיך אומקוקן נאָך פאַרשיידענע מקורים, בכדי צו קאָנען רעקאָנסטרוירן ווייניקסטנס אַ טייל תקנות פון דעם דאָזיקן ועד.

וואו אָבער געפינען זיך די דאָזיקע מקורים? גאָר אַ קליינער טייל איז אויפגעזוכט געוואָרן אין פנקסים פון קהילות, בפרט אין דעם קראָקעווער און טיקטינער פנקס. דאָס גיט אָבער נאָר אַן אומפולשטענדיק בילד. פרעגט זיך טאַקע, צי וואָלט מען ניט געקאָנט עפּעס געפינען אין די מלוכישע אַרכיוון. וואָס מער איך האָב זיך פאַרנומען מיט דער פראָבלעמע, אַלץ מער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פוילישע אַרכיוון, און בפרט די אַקטן, וואָס זיינען שייך צו דער פינאַנץ-געשיכטע פון יידן אין פוילן, זיינען אַן אומגעהייערער מקור פון ידיעות וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער אַווטאָנאָמיע אין פוילן, בפרט פונם ועד. אין מיין רשות געפינט זיך שוין צונויפגעזאַמלט אַ גאַנץ רייכער מאַטעריאַל פון דאָזיקן מין.

דער פראָבלעם שטעלט זיך ווייטער אָפּ ביי דעם אָנהייב פון דער ייד. אַווטאָנאָמיע אין פוילן און שטעלט פעסט, אַז דעם גאַנצן מיטלעלטער האָבן די פוילישע יידן ניט געשאַפן קיין גרעסערע אַווטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, ווי די קהילה. ערשט ביים אָנהייב 16טן י״ה ווייזן זיך סימנים פון „מדינות״ אָדער „ארצות״, וואָס נעמען אַרום ווי אַ העכערע אָרגאַניזאַציע-פאָרם קהילות פון איינער אָדער פון מער וואָיעוודשאַפטן און וואָס באַהאַנדלען די בשותּפותדיקע ענינים אויף סיימיקעס אָדער ועדי-מדינה. (בפירוש ניט ועד-מדינות, וואָס איז געווען איבער אַלע). די דאָזיקע אַווטאָנאָמע מדינות קומען אויף ווי דער רעזולטאַט פון אַ קאַמף, וואָס די קהילות פירן קעגן אויפגעצוווּנגענע יידישע פרעפעקטן, וואָס ווערן פונם קיניג דעסיגנירט אויף אויפצומאָנען ביי יידן די מלוכישע שטייערן. אין יאָר 1544 לאָזט זיך פעסטשטעלן די ערשטע יידישע אַווטאָנאָמע אינסטיטוציע אין מלוכה-מאַסשטאַב, און דאָס איז דער העכסטער יידישער געריכט, וואָס ווערט פון קעניג איינגעאָרדנט אין לובלין און וואָס אין דעם

גייען אַריין צו 2 געקליבענע רבנים פון די מדינות גרויספּוילן, קליינפּוילן
און רייסן, און אַלס זיבעטער — דער רב פון לובלין.

דער אויפקום פונם ועד=מדינות גופא און פון דער יידישער צענ=
טראַלער רעגירונג, דאַרף אָפּגערוקט ווערן לערך ביז אַרום 1570, וואָרעם
פון דעם יאָר זיינען אונדז באַוווּסט דאָקומענטן, וואָס לויט זיי האָט דער
קיניג באַפולמעכטיקט אַ צענטראַלע אַווטאָנאָמע יידישע רעפּרעזענטאַציע
איינצומאָנען און איבערצוגעבן דער מלוכה=קאַסע געוויסע יידישע שטייערן
און אָפּצאָלן. ווי אַ טרייבנדיקער פאַקטאָר סיי ביי דעם אויפקום, סיי ביי
דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמיע, מוז באַטראַכט ווערן
דאָס כאַראַקטעריסטישע שטרעבן פון יידן ווייטער צו שפּינען אין די
גלות=לענדער די דינים פון מלוכישן כאַראַקטער, וואָס יידן האָבן באַשאַפן
נאָך בעת זייער מלוכישער זעלבשטענדיקייט און וואָס זיינען אַריינגענו=
מען געוואָרן ווי אַ באַשטאַנד=טייל אין תּלמוד. די יידן האָבן זיך דורכן
גלות געטראָגן תּמיד מיטן ווילן און שטרעבן צו פאַרפלאַנצן אין זייער
לעבע די patrioi nomoi, דאָס איז טייטש, זייערע געזעצן פון דער היים.
דערפון נעמט זיך דער זייער כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וואָס, אַ שטייגער,
דער אייבערשטער יידישער פאַרלאַמענט אין פּוילן, ווי עס דאַרף באַ=
טראַכט ווערן דער ועד ד׳ ארצות, איז, ווי כ׳האָב דאָס דערוויזן אין אַ באַ=
זונדער אַרבעט אין די היסטאָרישע שריפטן פונם ייוואָ, אויסגעבויט גע=
וואָרן לויטן מוסטער פון גרויסן סנהדרין און האָט געציילט 70 מיטגלי=
דער, און די העכסטע יידישע עקזעקוטיווע, אָדער ווי מ׳פלעגט זי רופן אין
די פּוילישע אַקטן ,,גענעראַלנאָשטש זשידאָווסקאַ", איז באַשטאַנען,
לויטן מוסטער פונם קליינעם סנהדרין, פון 23 מיטגלידער.

דער רעדנער שטעלט זיך ווייטער אָפּ אויף דער טעטיקייט פון ועד
ד׳ ארצות און ווייזט אויף, אַז ער האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון
יידישן אינערלעכן און אויסערלעכן לעבן; ער שילדערט אויך די אינטע=
רעסן=קאַמפן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ראַמען פון דעם אַווטאָ=
נאָמען לעבן.

כל=זמן דאָס יידישעווירטשאַפט=לעבן איז געווען ווייניק דיפע=
רענצירט, האָט די טעטיקייט פון ועד ווי ניש איז געקאָנט באַפרידיקן
די אינטערעסן פון כלל. אָבער שוין ביים אָנהייב פון 17טן י״ה ווייזט זיך
אַ שטאַרק אויסגעוואַקסענע קלאַסן=דיפערענציאַציע ביי די פּוילישע יידן,
און די קלאַסן=אונטערשיידן ווערן נאָך מער פאַרטיפט נאָכן חורבן, וואָס
עס האָבן אָנגעמאַכט די פּאָגראָמען אין שנת ת״ח, ווען דער רוב מנין און
רוב בנין פון יידן איז דערפירט געוואָרן צו אַ פולער פאַראָרעמונג. זינט
דעמאָלט ווערט דאָס יידישע אַווטאָנאָמע לעבן אַ פּלאַץ פון בסדרדיקע
רייבונגען צווישן דעם קלאַס גבירים, וואָס האַלטן אין זייער רשות אַלע
כּיבודים אין דער אַווטאָנאָמער היעראַרכיע, און די גרויסע מאַסן האַנט=

ווערקער, קרעמער און סתם „געמיינע מענטשן”, וואָס שטרעבן צו צע=
ברעכן די העגעמאָניע פון דער פּלוטאָקראַטיע, ווייל זיי זעען, אַז די אַוו=
טאָנאָמיע ווערט אויסגענוצט אויף אָראָפּצונעמען דעם גאַנצן עול פון
שטייערן און לאַסטן פון די גבירים און אַרויפצוּוואַרפן אויף זייערע פּליי=
צעס. עס קומט שוין אין דער ערשטער העלפט פון 18טן י”ה צו אַזעלכע
פאַרשאַרפטע סיטואַציעס, אַז מען קאָן זיי ממש כאַראַקטעריזירן ווי
אויפשטאַנדן פון המון קעגן די פּני, וואָס הערשן אין די קהל=שטיבלעך
און אין די וועדים. מ'וואַרפט פאָר די פּני פאַרשיידענע מעילות, גנבות
פון קהלשע געלטער, אומגערעכטיקייטן ביים איינמאָנען די שטייערן, און
אין טייל קהילות דערגייט עס אַפילו צו גוואַלד=מעשים קעגן די קהלשע
רעדלפירערס. דער „געמיינער מאַן” (אַזוי ווי ער ווערט גערופן אין די
פּוילישע דאָקומענטן „פּאָספּאָליטי טשלאָוועק”) באַרעכנט נישט אין זיין
יאוש, אַז ער קאָן צוזאַמען מיט דעם ברודיקן וואַסער אויך אויסגיסן דאָס
קינד — די אַווטאָנאָמיע, נאָר ער גייט אַפילו אַזוי ווייט, אַז ער מיידט
אויס, ווי אַמאָל, די שטייער=קאַסעס פון זיינע אייגענע אַווטאָנאָמע אָנ=
שטאַלטן, און ער טראָגט אַריין די שטייערן דירעקט צום פּריץ. די דאָזיקע
פאַרהעלטענישן בלייבן נישט באַהאַלטן אין די ראַמען פון יידישן לעבן.
זיי דערגייען אויך צו די אויערן פון די רעגירנדיקע פאַקטאָרן פון לאַנד
און אויף די פּוילישע סיימען ווערט שוין אין אָנהייב 18טן י”ה באַהאַנדלט
די פראַגע, צי ס'וואָלט נייט געלוינט צו ליקווידירן די יידישע אַווטאָנאָמיע,
וואָס איבער איר ווערט, לויט רעדעס פון געוויסע דעפּוטאַטן, אַריינגע=
טראָגן לטובת דער מלוכה בלויז אַ דריט=חלק פון די געלטער, וואָס מען
מאָנט איין ביי דער יידישער מאַסע, בעת צוויי דריטל ווערן כלומרשט
פאַרשוווּנדן אין די קעשענעס פון די יידן=פאַרשטייער. אַ צייט האָט נאָך
די שליאַכטע, געשטיצט אין דעם דאָזיקן פּרט דורך דער קירך, גע=
קווענקלט, צי ס'איז כדאי צו מאַכן די דאָזיקע אָפּעראַציע. די סיבה דער=
פון איז געווען, וואָס מען האָט געהאַט ביי יידן צו מאָנען גרויסע געלט=
חובות און מען האָט ניט געוואָלט ריזיקירן אויף אַ שריט, וואָס זאָלט גע=
שטעלט אין סכנה די דאָזיקע געלט=תביעות. סוף=כל=סוף האָט מען זיך
אָבער אין יאָר 1764 אַנטשלאָסן צום דאָזיקן שריט און מ'האָט קאַ=
סירט סיי דעם וועד ד' ארצות מיט דער צענטראַלער יידישער עקזעקו=
טיווע, סיי די לאַנד=סיימיקעס מיט די אַווטאָנאָמע יידישע לאַנד=עקזע=
קוטיוועס. גלייכצייטיק האָט מען אָבער — און דאָס איז זייער כאַראַקטע=
ריסטיש — באַשטימט אַ ספּעציעלן ליקווידאַציע=געריכט, וואָס זאָל
פעסטשטעלן די חובות פון די קאַסירטע אַנשטאַלטן און מען האָט אין
איינוועגס באַשטימט אַ געזעץ, אַז דער אויסגעפאַרשטער סכום חובות
דאַרף איינגעמאָנט ווערן אין דער פאָרם פון אַ ספּעציעלן קאָפּשטייער.
דער באַשלוס פון פּוילישן סיים איז נישט געווען די הויפּט=סיבה, וואָס

האָט גורם געווען צום אונטערגאַנג פון דער יידישער אָווטאָנאָמיע אין מלוכה־ און לענדער־מאַסשטאַב. ווי שוין באַמערקט, איז די אָווטאָנאָמיע שוין פריער אונטערגעגראָבן געוואָרן פון אינעווייניק דורך די בסדרדיקע רייבונגען צווישן דעם יידישן גבירים־קלאַס און דער גרויסער מאַסע „גע־מיינע מענטשן".

ער העלדנער פאַרענדיקט זיין רעפעראַט, פאַרגלייכנדיק דעם „גע־מיינעם מענטש" מיטן בלינדן שמשון הגיבור, וואָס האָט מחמת שנאה צו די גבירים — די פלשתים — אַזוי שטאַרק אַ טרייסל געטאָן די זיילן פון אָווטאָנאָמען טעמפּל, אַז ער האָט אונטער די חורבות באַגראָבן נישט בלויז די געגנער, נאָר אויך זיך אַליין.

ד״ר עמנואל רינגלבלום: יידן אין דער פּוילישער פּרעסע פון 18טן יאָרהונדערט.

אַ נייע תּקופה אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער פּרעסע הייבט אָן די ביז היינט עקסיסטירנדיקע „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ“, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין יאָר 1774. דאָס איז די ערשטע צייטונג, וואָס האָט לויט איר אינהאַלט און אויסזען באמת פאָרגעשטעלט אַ צייטונג. זי איז אַרויסגעגאַנגען 2 מאָל אַ וואָך. בנוגע איר אינהאַלט האָבן מיר צוויי תּקופות: איינע ביז דעם יאָר 1783, די צווייטע נאָך דעם דאָזיקן יאָר. אין דער ערשטער תּקופה האָט זי לויטן מוסטער פון יענע צייטן געהאַלטן, אַז „מענטשן זיינען אויף אַזוי פיל קלוג, אַז זיי קאָנען זיך אַליין שאַפן אַ מיינונג“, אָדער אַז „צייטונגען לייענען מיר נישט כּדי צו לערנען זיך... נייערט בכדי צו וויסן, וואָס איז געשען דאָ אָדער דאָרט“. מיט איין וואָרט די „גאַזעטאַ“ איז לכתחלה געווען אָביעקטיוו, געגעבן טרוקענע פאַקטן און נישט אָנגעוויזן, וואָס קאָנען מיר אָפּלערנען פון די דאָזיקע פאַקטן. די טענדענץ פון רעדאַקטאָר, וואָס איז פון ערשטן מאָמענט אָן געווען אַ רעאַקציאָנערע און קלעריקאַלע, איז קענטיק בלויז פון דעם אויסקלייב פון מאַטעריאַלן.

די באַציונג פון דער „גאַזעטאַ“ צו יידן איז לכתחילה דאָס רוב אָן אָביעקטיווע, פּונקט ווי זי איז אָביעקטיוו צו אַנדערע דערשיינונגען פון פּאָליטישן אָדער געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין איין נאָמען געפינען מיר אַפילו אַ ניצוץ פון מענטשלעכקייט לגבי די יידן.

אין פעברואַר 1779 ברענגט דער קאָרעספּאָנדענט פון בוילאָן (פראַנקרייך) אַ ידיעה, אַז עס האָט דערשיינט דער פערטער באַנד פון אַן ענציקלאָפּעדיע, וווּ ס׳ווערן געבראַכט ידיעות וועגן צאָל אין אַמאָליקע צייטן. איין מחבר פאַרציילט האָט וועגן די מעשים התּועים פון אַ שאַמפּאַנישן גראַף, וואָס האָט באַשטימט, אַז יעדער קעסלער דאַרף אַנשטאָט צאָל אָפּזאָגן די תּפילה „פּאַטער נאָסטער“ און „אַווע מאַריאַ“; פּלעגט אַדורכפאָרן אַ גלעזער, האָט ער געמוזט מאַכן אַ בוטעלע מיטן משוגענעם גראַף. פּלעגט אַדורכפאָרן אַ ייד, האָט ער געמוזט פאַלן אויף די כּני פאָרן טויער פון פּאַלאַץ, אונטערשטעלן די באַק אויף אַ פּאַטש אאַז״וו. דער קאָרעספּאָנדענט, אָדער אפשר דער רעדאַקטאָר, שרייבט צו: „אויב דער דאָזיקער גראַף אָדער זיין אַרענדאַר פּלעגט אַזוי נישט העפלעך אויפנעמען אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן דאָך זייער רעליגיע, הגם זי איז פון אַלטן

טעסטאַמענט, איצט זיי זיך משער, וואָס זיי וואָלטן געטאָן מיט יענע געסט, וואָס אָנערקענען נישט קיין שום רעליגיע?"

די דראַזיקע פונקען פון מענטשלעכקייט בליצן אָבער אויף זעלטן. בדרך-כלל איז די באַציונג פון דער „גאַזעטאַ" צו יידן אַ פיינדלעכע. אין יאָר 1774 (21. VI.) ברענגט זי אַ ידיעה וועגן אַ בלוט-בלבול, פאַרציילט וועגן דער אַבדוקציע פון מת, וואַרפט אָבער גלייכצייטיק פאַר די יידן, אַז בכדי צו באַווייזן זייער אומשולד, האָבן זיי אונטערגעקויפט די דאָקטוירים און פעלדשערס. ס'איז דערביי כאַראַקטעריסטיש, אַז די „גאַזעטאַ" האָט אין אַ יאָר אַרום געבראַכט די ידיעה, אַז די יידן זיינען סוף-כל-סוף באַפרייט געוואָרן פון דער באַשולדיקונג.

אויב ביז צום יאָר 1783 האָט די „גאַזעטאַ" מחמת איר צלגעמיינעם כאַראַקטער אָדער די יידן אינגאַנצן פאַרשוויגן אָדער זיי לייכט אַ שטאָך געטאָן, האָט זיך די לאַגע געביטן אין יאָר 1783. צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט זיך איר זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג. די דאָזיקע דאַטע איז ניט קיין צופעליקע. ס'דערנענטערט זיך דער באַרימטער פיר-יאָריקער סיים, עס שאַפן זיך ריכטונגען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. די חילוקי-דעות זיינען אויך פאַראַן בנוגע דער יידן-פראַגע. די „גאַזעטאַ" באַקומט קאָנקורענטן, פּראָגרעסיווע אָרגאַנען, וואָס טרעטן אַרויס קעגן דעם קאָנסערוואַטיוון אָרגאַן אין פאַרשיידענע פראַגן, צווישן אַנדערע אויך בנוגע דער יידן-פראַגע. די ערשטע שלאַכט קומט פאָר אין יאָר 1783. די „גאַזעטאַ" ברענגט אין נומ' 80 (4. X) אַ גלות-לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ פון געסוויזש וועגן דעם, אַז יידן האָבן דערהרגעט אַ משומדת. מיט חוזק ענדיקט דער געסווישער קאָרעספּאָנדענט: „דער דאָזיקער יידישער פאַרברעך האָט זיך צו פרי אַנטפּלעקט און ער האָט זיי קאַליע געמאַכט דעם גוטן נאָמען, וואָס דער מחבר פון דער פּעריאָדישער צייטשריפט (דער „פּאַמיענטניק פּאָליטיטשני אי היסטאָריטשני" פון חודש יולי פון יאָר 1783, זייט 59), האָט זיי מחמת קריסטלעכער ליבע געוואָלט פאַרשאַפן... און האָט געזאָגט... „זייער רעליגיע האָט נישט קיין שום דין, וואָס זאָל זיי הייסן פיינט האָבן מענטשן פון אַן אַנדער אמונה און ברענגען זיי שאָדן..."

אין אַ צווייטן יאָרגאַנג וויצלט זיך די „גאַזעטאַ" איבער דעם פּראָיעקט וועגן צוציען די יידן צום מיליטער-דינסט, וואָס דער זעלבער „פּאַמיענטניק" האָט פאָרגעלייגט. זי פרעגט, צי וועט די יידישע קאַוואַלעריע נאָר אויסהאַלטן די אַטאַקע פון די ענגלישע רייטער...

די אַנטיסעמיטישע קאָרעספּאָנדענטן פון דער „גאַזעטאַ" קלייבן צונויף אַלע בלבולים, וואָס זייגען ווען עס איז אויסגעטראַכט געוואָרן וועגן יידן; די צייטונג טראָגט אונטער אירע לעזער מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויער פון זיי. זי פרייט זיך, בעת מען

פאַרטרייבט יידן פון אַנדערע מדינות, זי שעפּט נחת, אַז אַ רב האָט זיך ערגעץ אין אויסלאַנד אָפּגעשמדט.

ס'איז דעריבער אַ וווּנדער, וואָס די „גאַזעטאַ" האָט אַזוי טרוקן אַדורכגעלאָזן אַ זייער אינטערעסאַנטע נאָטיץ, וואָס מען וואָלט געדאַרפט פאַרשרייבן מיט גאָלדענע אותיות אַפילו אין היינטיקן פּוילן, ווו יידן זיצן על־פּי געשריבענער קאָנסטיטוציע אינגאַנצן גלייכבאַרעכטיקט. אין יאָר 1787 האָט דער קעניג סטאַניסלאַוו אַווגוסט פּאָניאַטאָווסקי געמאַכט אַ לענגערע נסיעה איבערן לאַנד. לויט די קאָרעספּאָנדענצן פון דער „גאַזעטאַ" האָבן אים די יידן אומעטום ענטוזיאַסטיש אויפגענומען. אומעטום האָבן אים באַגעגנט יידישע דעלעגאַציעס. אין קאָברין האָט אים דער רב געגעבן אַ הייפּטל צוקער, אַרומגעוויקלט מיט אַ בלויען שטאָף, וואָס אויף אים זיינען געווען אויסגעהאַפּט גאָלדענע און זילבערנע העברעיִשע אותיות. אין פּינסק האָט אים מקבל־פּנים געווען דער באַקאַנטער יידן־פריינד, דער דעפּוטאַט בוטרימאָוויטש. בעת דעם אויפנאַם האָט בוטרימאָוויטש אין זיין באַגריס־רעדע דערקלערט, אַז אויף דעם אָרט ווו ס'שטייט דער קעניג, וועט ער אויפשטעלן אַ זייל מיט אַן אויפשריפט אין לאַטיין, פּויליש, רוסיש און י י ד י ש, אַז „צום אָנדענק פון קיניגס אויפהאַלט וועלן אַלע אַדורכפאָרער באַפרייט פון צאָלן מכס אין משך פון 4 יאָר"... אַ חידוש, וואָס די „גאַזעטאַ" האָט די דאָזיקע ידיעה וועגן אַן עפנטלעכער אויפשריפט אין יידיש, (זי רופט עס דעמאָלט יידיש, בעת היינט איז עס ביי איר אַ זשאַרגאָן) אַדורכגעלאָזן אָן שום באַמערקונגען.

אין דער פּוילישער פּרעסע פון 18טן י"ה געפינען מיר אויך ידיעות, וואָס באַלייכטן דעם טרויעריקן ע ק אָ נ אָ מ י ש ן מצב פון יידן. עס האָבן זיך דעמאָלט געהערט מיינונגען, וואָס האָבן פאַרלאַנגט דורכצופירן אַ גרינדלעכע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידן. אַגראַריזירונג און פּראָדוקטיוויזירונג, דאָס זיינען די לאָזונגען פון די פּראָגרעסיווע שיכטן.

דער ווירטשאַפטלעכער חורבן פון פּוילן האָט זיך פאַרגרעסערט אין די יאָרן 1768—1772, בעת ס'האָט זיך כמעט אין גאַנצן לאַנד געפירט אַ בירגער־קריג, אַ קאַמף צווישן די אָנהענגער פון קיניג מיט די באַרער קאָנפעדעראַטן. גרויסע שאָדנס האָבן אויך די אָקופּאַנטן אָנגעטאָן, וואָס האָבן אין יאָר 1772 פאַרנומען גרויסע שטחים פון פּוילן. די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דעמאָלט אַ פאַרצווייפלטע, קראַנקהייטן, מגפות, קאָנטריבוציעס, שרפות און סתם אָנפאַלן האָבן אַ טייל קהילות אינגאַנצן חרוב געמאַכט. אָרעמע לייט האָבן געבלאָנדזשעט פון קהילה צו קהילה און געזוכט חיונה. די יידישע באַפעלקערונג עמיגרירט פון פּוילן, ווו ס'עפנט זיך נאָר אַ מעגלעכקייט: קיין פּרייסן, קיין ארץ־ישראל א"אַ. דער קיניג גיט אַרויס אין יאָר 1787 אַ ספּעציעלן אוניווער־

סאַל וועגן שלעפּערס און בעטלערס. דער אוניווערסאַל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין נומ׳ 45 פון דער „גאַזעטאַ" האָט אַ באַזונדערן פּאַסוס מכוח די יידן. די קהילות טאָרן מער נישט טרייבן די אָרעמקייט פון זיך, „ווי ס׳פּראַקטיצירט זיך ביז איצט", נייערט די דאָזיקע יידן „דאַרפן פאַרווענדט ווערן צום נוצן פון לאַנד ביי פאַרשיידענע אַרבעטן". מיר קענען צו ווייניק די עקאָנאָמישע געשיכטע פון די פּוילישע יידן אויף צו וויסן, ווי ווייט דער אוניווערסאַל האָט דערגרייכט זיין ציל, צי איז ער נישט פּונקט ווי אַ סך אַנדערע קיניגלעכע פאַראָרדענונגען געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר.

אין דער „גאַזעטאַ" געפינען מיר אַ גרעסערע צאָל אַנאָנסן — ווייזט אויס פון דער געריכט־מאַכט — וועגן דעם, אַז סיי די בעלי־חובות, סיי די קרעדיטאָרן פון יידישע אַנזעצער דאַרפן זיך מעלדן אין געריכט און באַווייזן זייערע תביעות לגבי די געגעבענע יידן. אין אַ טייל פאַלן קומט אַפילו פאָר די ליציטאַציע פון פאַרמעגן, וואָס די געריכטס־מאַכט מעלדעט וועגן דעם דער עפנטלעכקייט. די באַנקראָטן האָבן, משמעות, אַרומגענומען קודם־כל די רייכערע שיכטן, דערביי איז כדאי אָנצווייזן, אַז דאָס פאַרמעגן פון צוויי באַנקראָטירטע אַמשינאָווער יידן, פון הערשעק מאַרקיעוויטש און יהודה־ביינוש שלאָמאָוויטש, האָט די קאָמיסיע אָפּגעשאַצט אויף אַ אין יענע צייט קאָלאָסאַלער סומע פון 2,216,479 גילדן („גאַזעטאַ" נומ׳ 8, 28. I. 1786).

אַ צווייטע שאַנזיים פון יידישן לעבן, דאָס זיינען גנבות. וואָס אמת, הערן מיר דאָס לידל פון יידישע גנבות שוין אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער. דאָס איז אַן אַרגומענט, וואָס ס׳באַנוצט האָט בירגערטום אין קאַמף קעגן יידן. דאָס בירגערטום מיינט: די יידן גנבענען און זיינען גורם גנבות, ווארום זיי קויפן אויף געגנבעטע זאַכן. פאַרטרייבט די יידן פון אונדזער שטאָט און איר וועט זען, ווי די גנבות וועלן אויפהערן.

אין די קאָרעספּאָנדענצן פון דער „גאַזעטאַ" געפינען מיר אַ גרויסע צאָל ידיעות וועגן יידישע גנבות, וועגן געריכטס־אורטיילן א. ד. גל. מיר דאַרפן זיך אָבער באַציען מיט גרויס פאָרזיכטיקייט צו די דאָזיקע ידיעות, מהמת די עינויים בעת די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען זיינען דעמאָלט געווען אַזוי ראַפינירט, אַז ס׳איז שווער טפעם צו באַהויפּטן אַפילו אויפן סמך פון די געריכטס־פּראָטאָקאָלן. ווי מיר דוכט אָבער, האָט דער קלאָגעדיקער מצב, דאָס כסדרדיקע פאַרטרייבן די אָרעמקייט פון שטאָט צו שטאָט, געמוזט ביי אַ טייל ברענגען צו אַ רעאַקציע אין דער פאָרם פון נישט אָפּהיטן די געזעצן פון פּריוואַט־אייגנטום.

אַ חוץ גנבים געפינען מיר יידן אויך צווישן די באַנדיטס רוצחים, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרפּלייצט פּוילן. לויטן באַריכט, וואָס די מיליטער־קאָמענדאַנטן האָבן איבערגעשיקט דער מלוכה, האָט די פּרייסישע מאַכט ביים איבערנעמען פּוילישע ערד־שטחים, פאַרטריבן די באַנדיטן פון די וועל־

דער, זיי האבן זיך דעריבער באוויזן אין דעם טייל פוילן, וואס איז געבליבן אומאפהענגיק. זיי כאפן יעדן טאג א פאר צענדליג באנדיטן, „וואס צווישן זיי געפינט זיך דאס רוב יידן און ציגיינער", דער עיקר אין דער געגנט פון פעטריקאוו און טשענסטאכאוו. וויפיל אמת ס'שטעקט אין די דאזיקע באריכטן, איז שווער פעסטצושטעלן. איין זאך מוזן מיר געדענקען, אז דער באריכט שטאמט פון יאר 1774, ווען דאס עלנד פון די פוילישע יידן האט דערגרייכט זיין מאקסימום.

ס'פעלן אויך נישט קיין באשולדיקונגען, אז יידן טען קריסטן.

גענדיכט איז געווען די שיכט פון פאראורטיילן לגבי דער יידישער באפעלקערונג. אלדאס בייז האט מען ארויפגעוואדפן אויף יידן, אין א מגפה זיינען שולדיק יידן, אין א שרפה אוודאי, ווערט א קריסטלעך קינד געהרגעט, איז עס א יידישער אויפטו. מיט איין ווארט אומעטום יידן, רק יידן, אפילו אז א שטורעמווינט ברעכט אויס, איז עס די שולד פון יידן, ווי ס'באווייזט דער ווייטערדיקער, קאמישער עפיזאד, וואס האט פאסירט אין א דארף שיעמיאנאווקא, דריי מייל אונטער לעמבערג, אין יאר 1775 (7 אקטאבער, נומ' 80). „דעם הייצנטן סעפטעמבער—פארציילט דער קארעספאנדענט — איז נאך א גאנצן טאג רעגנען אויסגעבראכן א גרויסער שטורעמווינט. ס'האט זיך באוויזן א גרויסער, שווארצער וואלקן, וואס פון אים האט זיך געצויגן ביז צו דער ערד א לאנגע זייל, שווארץ ווי דער וואלקן. אט-א דער דאזיקער זייל האט אנגעמאכט גרויסע שאדנס, געריסן דעכער פון הייזער, פון דער נייער יידישער שול האט ער אראפגעריסן דעם דאך, דאסזעלבע איז געשען מיט דעם דאך פון דער צערקווע, געריסן ביימער, איבערגעקערט שייערס אאז"וו. דער המון איז שטארק דערשראקן געווארן, אין די דאזיקע שווארצע וואלקנס האט ער געזען שדים און מלאכי חבלה. דער המון האט אויך געגלייבט, אז דאס זיינען די שדים געקומען בעת די יידישע יום-טובים, כדי לויטן אלטן מנהג אוועקצוכאפן א יידן, דער קלאנג האט זיך אזוי שטארק פארשפרייט, אז מען האט געהייסן די יידן אדורכפירן א ציילונג, בכדי פעסטצושטעלן, צי איז טאקע קיין איינער פון זיי נישט נעלם געווארן. דער יידישער קאהאלניק האט געטענהט, אז עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, דער עזותדיקער אשמדאי (לוציפער) זאל מאכן אזא גרויסע, אזא רעשדיקע און אזא טייערע נסיעה צוליב אן איינציקן ייד; אז מען מוז העכער גרייכן, בכדי צו געפינען אזעלכן, וואס איז מער ראוי צו אזא פייערלעך שליחות. ס'האט אים אבער ניט געהאלפן. ער האט געמוזט איבערציילן די יידן און באווייזן, אז קיין איינער איז נישט אוועק פון דער וועלט. „אויף אזא אופן — ענדיקט דער קארעספאנדענט — האבן די יידן געשפילט אויף דעם צווייטן שטורעם, וואס איז פאר זיי געווען א סך געפערלעכער".